STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00396

YISKER

David Ben-Gurion

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x101, or by email at cmadsen@bikher.org.

אליהו בן שמעון הורוויץ

אינהאלט פערצייכעניש:

פון די אַרויסגעבער.

יזכור...

דוב שווייגער (בילד)

בערעלע שווייגער .... י. בן צבי.

זכרונות .... יעקב ראַבינאָוויטש

ישראל קאָרנגאָלד

יעקב פלאַטקין (בילד)

יעקב פלאָטקין .... א. ז. ראַבינאָוויטש.

יעקב פלאָטקין .... י. בן צבי.

א. י. באַראַל (בילד)

אברהם יוסף באַראַל

א חבר'שע טרעהר .... ב. אַסטראָווסקי.

שמואלי

נאָטיצען .... י. ח. ברענער.

מרדכי קאַצאַפּ

יחזקאל ניסאַנאָוו (בילד)

יחזקאל ניסאַנאָוו (בלעטלעך פון זיין לעבען) ....צבי בעקער

חאַצקיל .... אבנר

צבי באַרטאַנאָווסקי (בילד)

צבי באַרטאַנאָווסקי

יצחק אחדותי (בילד)

יצחק אחדותי .... זרבבל.

צווישען זאַנגען (זכרונות) .... אבטליון.

פאַהאַראָוו

משה טייך (בילד)

משה טייך

מאיר חאַזאַנאָוויטש (בילד)

מאיר חאַזאַנאָוויטש .... אהרן אַסטראָווסקי.

מאיר'קע .... אליעזר קאַנטאַראָוויץ.

אויף מאיר חאַזאַנאָוויטש'ס קבר .... אלכסנדר.

שמואל פרידמאַן (בילד)

שמואל פרידמאַן ....נחום אלקושי.

לעוויטאַן

משה באַרסקי .... ש. דין.

אַ בריעף .... הירץ באַרסקי.

יוסף זאַלצמאַן (בילד)

יוסף זאַלצמאַן ....אלכסנדר.

יעקב פעלדמאַן

בערל קליי (בילד)

בערל קליי ....מ. בירשטיין.

דער „אַמעריקאַנער" ....זרבבל

יצחק ראַזלער

יצחק טורנער .... אבטליון

פון פתח־תקוה ביז סעדזשערא ....ד. בן־גוריון.

צוואוואַרפענע בלעטלעך .... אלכסנדר

פון די ארויסגעבער

ארויסגעבענדיג דאָס פאָרליגענדע זאַמעלבוך „יזכור“ בעצוועקט דער פועלי ציון פּאַלעסטינא קאָמיטעט דערמיט אָבצוצאָהלען דעם עהרען־חוב, וואָס דאָס אידישע פאָלק איז שולדיג דעם אָנדענק פון די וועכטער און ארבייטער, וועלכע זיינען געפאַלען אין קאַמפּף פאַר א פּראָדוקטיווען אידיש־נאַציאָנאַלען לעבען אין ארץ־ישראל — אויפ־שטעלען א מצבה אויף זייערע קברים.

מיט א פאָר יאָהר צוריק איז אין ארץ־ישראל גופא ערשיענען א זאַמעלבוך „יזכור“ אין העברעאיש. יענעס בוך האָט אָבער א) צוליעב דער שפּראַך ניט געקאָנט ג״ייר־כען אונזערע ברייטע פאָלקס־מאַסען אין דער גאַנצער וועלט, פאַר וועמען אַזא בוך איז נויטיג, ב) פאַר דער צייט איז די רשימה פון די געפאַלענע זעהר שטאַרק פערגרעסערט געוואָרען, און ג) ער איז אין עיקר געווען א ליטעראַרישע זאַמלונג פון אַר־טיקלען און ערצעהלונגען — וועגען די געפאַלענע גופא, וועגען זייער לעבען און ארבייט איז דאָרט זעהר קנאַפּ גערעדט געוואָרען.

אַט דיזען פעהלער אין אונזער ליטעראַטור ווילען מיר איצט אויסבעסערן. אין׳ם פאָרליגענדען בוך אין אידיש איז אריינגעקומען דורכאויס אַזא מאַטעריאַל, וועלכער שילדערט אונמיטעלבאַר דאָס לעבען און ארבייט פון די געפאַלענע פאָלקס־העלדען, געשריבען פון זייערע נאָהענטע חברים אין ארץ ישראל.

צוליעב דער מלחמה איז אונז ליידער אונמעגליך געווען צונויפצוזאַמלען גענוגענדען מאַטעריאַל וועגען אַלע, וואָס זיינען פאַר דער צייט געפאַלען, ווי אויך צו בעקומען אַלעמענס בילדער. דאָס האָט אונז אָבער ניט געגעבען דאָס רעכט אָבצולעגען אויף שפּעטער דאָס ארויסגעבען פון דיזען וויכטיגען פאָלקס־בוך. אין די ווייטערע אויפ־לאַגעס וועלען מיר זיך בעמיהען די אַלע חסרונות צו בעזייטיגען.

דער גאַנצער ריוח פונ׳ם בוך געהט פאַר׳ן „פּאַלעסטינא ארבייטער פאָנד“

פועלי ציון פּאַלעסטינא קאָמיטעט.

ניו־יאָרק, ניסן, ה׳תרע״ו.



אן אלטער פערשטומטער אקאָרד פון אונזער פאָלקס־מעלאָדיע האָט נאָך יאהרהונדערטער געפונען זיין תיקון און אויפגעציטערט מיט אַ נייער שטאַרקייט. פון ווייטען, טיעפען עבר טראָגט זיך דאָס אָבהילכען פון אידישען אַקטיווען קאַמפף און שפרייט זיך פערטרויליך איבער די פעלדער און בערג פון יהודה און גליל.

אַקטיוו געלעבט האָט דאָס אידישע פאָלק אין ארץ־ישראל, אין אַלץ זיין ענערגיע פערקערפערט, איבעראַל זיין אייגענטימליכקייט אויסגעדריקט, געלעבט פאַר זיך, ווי זיינע אייגענע כחות האָבען איהם ערלויבט. ממשות'דיגע אינהאַלטען און ווערטהען האָט דאָס פאָלק געשאַפען — האָט ער זיי פערטיידיגט און אָבגעהיט ביז'ן לעצטען טראָפען בלוט. פעראייניגט האָט דאָס פאָלק געלעבט אַן איינהייטליכען, פולען אידישען לעבען. אַלע זיינע שיכטען און קלאַסען זיינען געווען צונויפגעשמידט אין איין פעסטען נאַציאָנאַלען בונד, און די אַקטיוויטעט פון יחידים האָט געקרעפטיגט און געשפייזט די אַקטיוויטעט פון דער גאַנצער נאַציאָן.

אַן אַקטיווער נאַציאָנאַלער לעבען, אַן אַקטיווער נאַציאָנאַלער קאַמפף.

אויך דאַן האָט דאָס פאָלק פערמאָגט עלעמענטען, ווייטע און פרעמדע פון דער שאַפענדער אַרבייט. דאָס זיינען געווען די פאַסיווע אין פאָלק, די רייכע, וואָס האָבען געציטערט פאַר זייער פערמעגען און געזוכט שלום מיט דער הערשענדער מאַכט, און יענע לומדים און בטלנים, וואָס האָבען געטראָגען גאָטס נאָמען אויף די ליפען און אַ הכנעה־געפיהל אין הארצען. און אין דעם שרעקליכען מאָמענט, ווען ס'איז צובראָכען געוואָרען אונזער נאַציאָנאַלע זעלבסטשטענדיגקייט און די אידישע שאַפונגס־קרעפטען זיינען אין גלות־קייטען איינגעשמידט געוואָרען, זיינען די פאַסיווע עלעמענטען פערבליבען אין זייער אויסוואַרטענדען צושטאַנד און נאָך געפרובט פענטען דעם אויפגעבונטעוועטען ווילען פון די אונגעדולדיגע.

זיי זיינען אין קאַמפף ניט אַרויס, פאַר דער ערד זיך ניט געשטעלט, ווייל זיי זיינען מיט איהר ניט געווען פערבונדען דורך אַרבייט. און ווען דער שונא איז זיי בעפאַלען — זיינען פיעלע פון זיי מאַרטירער געוואָרען. מאַרטירעריי איז אַ דירעקטער רעזולטאַט פון פאַסיוויטעט. זיי אַליין האָבען זיך מיט גאָרנישט פערשולדיגט. זיי קומען אָב פאַר פרעמדע חטאים, זיי ליידען פאַר'ן כלל. עשרה הרוגי מלכות — אַלע זיינען זיי געשטאָרבען אויף „קדוש השם", זיך מוסר נפש געווען פאַר דער אמונה פונ'ם פאָלק, און דערפאַר האָט זיי דאָס פאָלק אַ מצבה אויפגעשטעלט, און זייער נאָמען אויף אייביג **אין אַ תפלה פערהייליגט.**

* * *

עשרה הרוגי מלכות. צעהן געצעהלטע, יחידי סגולה, מארטירער. געפאלען זיינען דאן צעהנדליגער און הונדערטער טויזענדער. דיזע האבען זיך פאר קיינעם ניט מוסר נפש געווען, פאר קיינעם ניט אבגעקומען און קיינעמס נאמען ניט פערהייליגט. קינדער פון פאלק זיינען זיי געווען, אויף זיי איז מען אויפגעשטאנען, זיי זייער פרייהייט געוואלט בערויבען, האבען זיי אויפגעשטורעמט און קריעג ערקלערט. דעם שונא פון דרויסען, דעם שונא פון אינעווייניג. אקטיוו געלעבט — אקטיוו געשטארבען. יוחנן פון גוש־חלב, שמעון בר־גיורא, אליעזר הגלילי, דער העלד פון מסדה, — ניט ווי מארטירער, נאר ווי העלדען זיינען זיי געפאלען אין אפענעם קאמפף. בר־כוכבא און זיינע חברים אין די צעהנדליגער טויזענד האבען אויפגעהויבען די פאהן פון אידישען אקטיווען קאמפף אינ׳ם אייגענעם לאנד — די לעצטע רעוואלוציאנערע אידשע פאלקס־בעוועגונג — און זיינען געפאלען.

אבער דאס פאלק איז אין גלות אוועק און זייער נאמען פערגעסען.

* * *

דאס פאלק האט זיך צוברעקעלט, צושאטען, אבגעריסען פון זיין ערד, פון שאפענדען לעבען, און פון דאמאלס פאנגט זיך אן די ט ר א ג ע ד י ע פ ו ן א ו נ ז ע ר פ א ס י ו ו י ט ע ט. דאס פאלק איז פאסיוו; זיין לעבען איז איינגעצוימט אין גרענעצען, בעשטימטע פון דרויסענדיגע פיינדליכע כחות און זיין נאציאנאלע אייגענטימליכקייט האט ניט וואו זיך ארויס־צוקריסטאליזירען.

און ס׳ציהט זיך א לאנגע, לאנגע סדרה פון אינקוויזיציעס, גירושים, פאגראמען און... מארטירער. ווער נאך, ווי אונזער פאלק איז אזוי רייך אין מארטירער, ווער נאך פערמאגט אזא רייכע רשימה פון איינצעלנע שטילע לעבענס־טראגעדיעס, וואס זיינען געבארען געווארען אויפ׳ן באדען פון אונזער פאלקס־פאסיוויטעט ?!

דערפאר אויך פערמאגט קיין אנדער פאלק ניט אזא לאנגען צעטעל פון „קדושים" אהן א נאמען און מיט א נאמען, „קדושים וטהורים", וואס יאהר־איין יאהר־אוים פערהייליגט דאס פאלק און דערמאנט זיי אין זיינע אינטימע, פון צער און טרעהרען געוועבטע, יזכור־תפלות.

* * *

יזכור... א מאדנע תפלה, וואו ס׳ווערט בעשטעטיגט און פערהערליכט די פאסיוויטעט פון א פאלק. קיינער פון די פאלקס־העלדען, פון זיינע אקטיווע קעמפפער איז אין איהר ניט אריינגענומען. זי איז א שעפפונג פון גלות, וואו דער אקטיווער רצון איז טוידט און דער קאמפף, דאס ווידערשפעניגענדע ווארט קאנען, חלילה, פערשאפען נייע צרות...

דאס פאלק בעוויינט די יעניגע, וועמען ס׳איז בעשערט געווען אומצוקומען פאר׳ן כלל... זיי זיינען גרוים געווען אין זייער געדולד, אריבערגעטראגען און אויסגעהאלטען די גרעסטע ענוים פאר זייער אמונה. היילינע מארטירער.

יזכור... ס׳איז א תפלה, א געבעט פון א דערשלאגענעם פאלק צו עמיצען

אַ שטאַרקען, אַן אַלמעכטיגען... זאָל ע ר געדענקען, און אין׳ם זכות פון די מאַרטירער אויסלייזען דאָס פאָלק.

פאַסיוו אומגעקומען — פאַסיוו אויסגעלייזט ווערען.

* * *

קיינמאָל האָט זיך ביים אידישען פאָלק ניט איבערגעריסען זיין פסיכאָלאָגישע פערבינדונג מיט ארץ־ישראל, און אין מיליאָנען אידישע הערצער האָט דאָס געפיהל צום אַלטען פאַטערלאַנד פון צייט צו צייט זיך אויסגעדריקט אין פערשיעדענע משיח־בעוועגונגען. אין תוך גענומען איז דאָס געווען די קריסטאַליזירונג פונ׳ם געזונדען לעבענס־אינסטינקט ביים פאָלק, פון זיין אינטימען, פעלזען־עקשנות׳דיגען חשק איינצוהאַלטען זיין אייגענע נאַציאָנאַלע אינדיווידואַליטעט.

אָבער ביים אונפּראָדוקטיווען גלות־פאָלק האָט דיזער צובונד צו זיין אַלטען פאַטערלאַנד אָנגענומען אַ „לופטיגען", גייסטיגען כאַראַקטער. ריין און אונבעפלעקט איז דער „אידישער גייסט" דורכגעטראָגען געוואָרען דורך דעם גאַנצען גלות־מדבר, און דאָס האָט בעשטימט דעם אינהאַלט פון די פאָלקס־בעשטרעבונגען. דאָס פראַקטישע שאַפענדע לעבען, פונקט ווי די העלדישקייט, וואָס שפייזט זיך פון דעם, זיינען אַרויסגעלאָזען געוואָרען פון אויג, נאָך דעם, ווי ס׳איז געפאַלען דער לעצטער קעמפפער פון בר־כוכבא׳ס מחנה. ס׳איז פערשוואונדען די בעציהונג פון ארבייטענדע און שאַפענדע עלעמענטען, און געבליבען איז דער „ריינער גייסט". ארץ־ישראל איז פערוואַנדעלט געוואָרען אין אַ „הייליגען אָרט", וואו ס׳זיינען בעגראָבען געוואָרען די שעהנסטע און איידעלסטע חלומות פון אַ גאַנצען פאָלק. זי האָט, ווי יעדער חלום, בעשיינט און בעצירט דאָס מאַרטירער־לעבען אין גלות. אָבער זי איז געבליבען אָבגעריסען פון דעם פאָלקס׳ רעאַלע האַנדלונגען, פון זיין טאָג־טעגליכען לעבענס־קאַמפף. דאָס אונפּראָדוקטיווע פאָלק האָט אָנגעפילט דאָס לאַנד מיט זיינע אונפּראָדוקטיווע עלעמענטען, און זיי, די צופוילטע נשמות, האָבען אויפגעזוכט די פערוויסטע קברים פון זייערע פאַסיווע עלטערן, און די צענטרען, וואוהין עס ציהט זיך דאָס פאָלק אין ארץ־ישראל, זיינען געוואָרען מירון מיט׳ן קבר פון בר־יוחאי, ירושלים מיט׳ן קבר פון שמעון הצדיק, טבריה מיט׳ן קבר פון ר׳ מאיר בעל הנס...

וואָס האָבען זיי, די בטלנים און תורה־אידען, צו וויסען פון מודעים, וואו ס׳ליגען בעגראָבען די חשמונאים־העלדען, פון מסדה, וואו ס׳איז מיט בלוט פערצייכענט דער שענסטער מאָמענט פון דעם רעוואָלוציאָנערען אידישען פאָלקס־קאַמפף?! וואָס האָבען דיזע גאָטספאָרכטיגע זקנים, וואָס קוקען אַרויס מיט פערגלאָצטע אויגען אויפ׳ן „קץ" — וואָס האָבען זיי צו טהאָן מיט די בראַווע קנאים, מיט די עזות־דיגע בריונים, וועלכע זיינען געגאַנגען געגען דעם ווילען פון אויבערשטען און פערטיידיגט אַקטיוו די שטיינער און די ערד פון ירושלים.

פערוויסט, פעראיינזאַמט אין זייער פערגליווערטער שטאָלצקייט זיינען צושפּרייט איבער׳ן לאַנד די קברים פון אונזערע גרויסע פאָלקס־העלדען און זאָגען עדות אויף די עבודות און שפלות, אין וועלכע אַ גאַנצעס פאָלק איז געזונקען.

* * *

ס'איז אויפגעשטאַנען אינ'ם אידישען פאָלק אַ נייער דור, וועלכער רייסט־איבער די גלות־פּאַסיוויטעט. די אַ ר ב י י ט — דאָס איז דער רעאַלער, קאָנקרעטער אינהאַלט פון זיין שטימונג. אין איהר וואַקסט און דריקט זיך אויס דער מענש. דאָס איז זיין פערמעגען, דאָס איז דער טעם, דער מאָ־ראַלישער פון זיין לעבען, זיין זין, זיין ווערטה. געהט ער פאַר איהר אין קאַמפּף, קעמפּפט ער פאַר זיין לעבען.

דאָס פאָלק, וואָס האָט געלעבט פון ווינד און רויך, האָט ניט געהאַט קיין שום באָדען, קיין שום געוועהר, מיט וואָס זיך צו פערטיידיגען. ער איז פּסיכאָלאָגיש ניט מסוגל געווען צו ווידערשפּעניגונג. צופּאַסונג — איז דער לעבענס־תנאי פון גלות. שטילער ווי וואַסער, ניעדריגער ווי גראָז — דאָס איז זיין עטהיק. אַליין ניט שאַפענדיג, האָט דאָס פאָלק צו זיך גופא קיין אַכטונג ניט געהאַט, און מיט הכנעה און יראת־הכבוד געקוקט אויף די שטאַרקע.

איז אָבער א טייל אריבער צו אן ארבייטס־לעבען, איז געשטיגען זיין אקטיוויטעט און במילא ענטשטאַנען די זעלבסט־פערטיידיגונג. דאָס איז ערשט דער אָנפאַנג פון אַ פרייען אַקטיווען קאַמפּף. עס פעהלט נאָך דער פּאָזיטיווער מאָמענט, וואָס פעראייניגט דעם יחיד מיט'ן כלל און גיט צו דעם קאַמפּף אַ נאַציאָנאַלען מענשליכען כאַראַקטער.

צווישען די לאַנגע שורות פּאָגראָם־קרבנות מישען זיך אַריין געצעהלטע נעמען פון זעלבסט־שוץ גבורים. דאָס זיינען אָבער נאָך קעמפּפער על פּי נויט. זייער אקטיוויטעט איז געווענדט אָן פרעמדע ווירקונגען און איז איינגעשפּאַנט אין צייט און אָרט. דאָס פאָלק איז צוזונדערט, יעדער טייל פיהרט אַ לעבען פאַר זיך, און דער קאַמפּף פון פערטיידיגונג איז אַ פער־איינצעלטער. די אידישע גבורים פון דער אַלגעמיינער רעוואָלוציאָנערער בעוועגונג זיינען נאָך אין עצם אָבגעריסען פון דעם אייגענעם נאַציאָנאַלען לעבענס־קוואַל. דאָס פאָלק אַלס אַזאַ לעבט מיט אַנדערע חלומות און דער ערפאָלג פון זייער קאַמפּף איז ווידער בעשרענקט ניט מיט די אידישע נאַ־ציאָנאַלע גרעניצען, נאָר מיט אָרטיגע פּאָליטישע בעדינגונגען.

א טייל איז געוואָרען אקטיוו. דאָס בעריהרט אָבער ניט דאָס האַרץ פון דער אידישער נאַציאָן.

* * *

דער אַקטיווער אידישער קעמפּפער זוכט זיין שורש אין דער היים פון זיין אַקטיווען פאָלק. אין ארץ־ישראל הויבט זיך אָן שאַפען אַ נ אַ צ י אָ נ אַ ל ע ר צ ע נ ט ר, און דאָ וואַכט־אויף די אידישע פאָלקס־אַקטיוויטעט. אינ'ם טאָג־טעגליכען לעבען, אין דער ארבייט, און במילא אויך אינ'ם קאַמפּף. אַהין געהען די אַקטיווע פון פאָלק און זייער לעבען דאָרט איז די מאָדערנע רעוואָלוציע אינ'ם אידישען פאָלקס־לעבען. אין זיי האָט אויפגעשטורעמט דער פערלאַנג נאָך אן אייגענעם שאַפענדען לעבען, און זיי האָבען ערקלערט קריעג, דעם שונא פון דרויסען, דעם שונא פון אינעווייניג. נישט מתפלל געווען האָט בר־כוכבא, ניט געוואָרט און געהאָפט האָבען די בריונים, נאָר געקעמפּפט און זייער בלוט פערגאָסען אין דער מלחמה פאַר אידישער פריי־

היים; זייערע קברים וועקען קאמפפס-געפיהלען ביי די נייע אידען אין דער אלטער היים.

די אמאליגע אידישע קעמפפער זייגען געפאלען בעוואוסטזיניג, ווי העל-דען, און אין דעם טויט זייערען האט זיך שארף ארויסגעוויזען, ווי שטארק ס'איז אין זיי געווען דער אינסטינקט צו לעבען, לעבען און שאפען. איצט פאנגט זיך ווידער אן א אידישער לעבען, וועלען אויך קומען אידישע גבורים, וועלכע וועלען וויסען ווי צו שטארבען.

וויסען ווי צו שטארבען — מיר דארפען זיך עס לערנען, ווייל מיר ווייסען נאך ניט ווי צו לעבען. די קברים פון אונזערע אמאליגע גבורים דערצעהלען אונז, אז אמאל האבען מיר עס געוואוסט.

און ס'הויבען זיך אן ציהען מחנות אידישע ארבייטער צום פערלאזענעם דערפעל מודעים, און אלץ אפטער ערינערט מען זיך אן דער פעסטונג פון מסדה.

* * *

מירון און מודעים...

ווער פון זיי איז שטארקער, ווער פון זיי וועט זיעגען, ווער פון זיי וועט בעשטימען די וויטערדיגע ריכטונג פון אונזער געשיכטע? וועט דאס אי-דישע פאלק פארטזעצען זיין נישטיג לעבען, פערבלייבענדיג אויף תמיד פאסיוו און טראגיש-אונפראדוקטיוו אלס נאציאן? אדער ער וועט זיך אבזאגען פון נסים און צופאסונגען און ארויפטרעטען אויפ'ן וועג פון שאפענדען, אקטי-ווען לעבען? וועט ער וויטער מאכען צרופים פון הייליגע שמות, יאהר איין און יאהר אויס שטעלען א ליכט אויפ'ן קבר פון זיין לעבענס-זודיגען ערדי-שען עבר און שיקען צום הימעל זיין תפלה: יזכור .. אדער אפשר וועט ער זיך סוף כל סוף אליין דערמאנען... ווי אזוי ער זעלבסט האט געלעבט, געארבייט און געקעמפפט?!...

דערווייל ציהען זיך אין מירון טויזענדער און אין מודעים געהען צעהנד-ליגער... אבער אין מירון בעגעצט מען מיט טרערען די פערראסטעטע שטיי-נער, און מודעים פאדערט און מאנט...

אין מודעים געהט די יוגענד... און ס'זיינען שוין צוגעקומען נייע דערפ-לער: סעדזשערא, מרחביה, דגניה, כנרת, מלחמיה... נייע נעמען, נייע קברים. א סימן, אז ס'וועבט זיך א נייער לעבען, דורך געזונטע מענשען מיט פרייע הערצער, שטארקע ווילענס, וועלכע ליעבען דאס לעבען אהן א פארוואס און קענען פאלען אין קאמפף. ס'וועבט זיך א מיסטישער בונד צווישען מודעים און סעדזשערא, צווישען די אמאליגע בריונים און היינטיגע וועכ-טער, און ס'שאפט זיך א נייע תקופה אין אונזער נאציאנאלען לעבען.

* * *

איינצעלנע געפאלענע. אבער ניט קיין יחידי-סגולה. אט אזעלכע דארפען זיין, אט אזעלכע זיינען אידישע ארבייטער אין ארץ-ישראל. דער גלות האט אין זיי אן אונצופרידענהייט געבארען, אן אומרוה אויפגעוועקט, און אין ארץ-ישראל האבען זיי א בעפרידיגונג געזוכט. געזוכט און געפונען. אקטיוו געלעבט — אקטיוו געשטארבען. זייער לעבען און טויט זיינען

דעריבער אַ סימבאָל פאַר'ן גאַנצען פאָלק, ווי אַזוי מ'קאָן לעבען אינ'ם אידען־לאַנד און ווי אַזוי עס שטאַרבען אידען.

דער ט ו י ט פון די נייע אידישע גבורים איז דער ל ע ב ע נ ס־רוף צום גאַנצען היינטיגען דור אידען.

דער פערשטומטער אַקאָרד פון אונזער פאָלקס־מעלאָדיע האָט ווידער אויפגעציטערט...

דאָס פאָלק, וואָס איז אין גלות אַוועק, האָט פערהייליגט די נעמען פון זיינע מאַרטירער.

דאָס פאָלק, וואָס הויבט אָן פון גלות אַרויסגעהן, וועט נאָכטהון די מעשים פון זיינע גבורים.

*   *   *

יזכור... אָבער געווענדעט ניט צום הימעל, נאָר צום לעבעדיגען פאָלק; ניט איינגעשפּאַרט אין די ד' אמות פון שוהל, ביי ברענענדע נשמה־ליכט, נאָר אין דער וויט־צעוואָרפענער אידישער וועלט ביי דער העלער זון פונ'ם אידישען בעפרייאונגס־קאַמפף; ניט קיין תפלה, נאָר אַן אויפפאָדערונג.

יזכור...

„זאָל דאָס אידישע פאָלק געדענקען“... ווי אַזוי אידישע אַרבייטער האָבען געלעבט און זיינען געפאַלען. קינדער פון פאָלק זיינען זיי געווען: דער אידישער „באָסיאַק“ פון אָדעס, דער „סוחר“ פון פאָלטאַווע, דער „שניידער“ פון טעמיר חאַן שורא, דער „זעצער“ פון ירושלים און דער פאַרם־אַרבייטער פון קאַליפאָרניע. זיי האָבען זיך אָבער ניט געוואָלט בענוגענען מיט'ן יחוס פון די עלטערן, און אַליין געפּרובט אַרבייטען און שאַפען, לעבען און געני־פען. ניט קיין גבורות האָבען זיי בעוויזען, נאָר די פאָהן פון „אַרבייט און לעבען“ אויפגעהויבען און אין קאַמפף פאַר'ן לעבען דעם טוידט געפונען. זאָל דער זכר פון די העלדען אַריינדרינגען אין יעטוועדעס אידיש הויז, וואו ס'פלאָגט און ס'פייניגט זיך אַ גלות־נשמה און אין איהר אויפוועקען אַ בענקשאַפט, אַ ריס צו אַן אַנדער לעבען. זאָל ער שטאַרקען די שוואַכע אין פאָלק און זיי מונטערן: ווי די העלדען ק ע נ ע ן אַלע זיין, ד אַ ר פ ע ן אַלע זיין.

ס'וועבט זיך אַ ניי אידיש לעבען פון אַרבייט. וואו ס'איז אַרבייט, דאָרט איז קאַמפף; וואו ס'איז קאַמפף דאָרט פאָדערן זיך קרבנות. פליסט דאָס אידישע העלדען־בלוט אויפ'ן באָדען פון דער נאַציאָנאַלער אַרבייטס־היים, און שרייט פון דער ערד:

„זאָל דאָס אידישע פאָלק געדענקען“...



חבר דוב (בעריל) שווייגער פון דרום־רוסלאנד. געשטארבען ענדע ניסן ה׳תרס״ט (1909) אין שטאדט טבריה פון די וואונדען וועלכע ער האט בעקומען מיט עטליכע וואכען צוריק בשעת א צוזאמענשטויס מיט אראבער אין פעלד, צווישען לוביא און מצפה.

י. בן־צבי:

בערעלע שווייגער

(זכרונות)

אין א פריהלינגס־טאג, מיין ערשטער פריהלינג אין ארץ־ישראל, האב איך זיך א לאז געטהאן אויף א שפאציער קיין „מקוה־ישראל״, די ערשטע אידישע פארם אין לאנד, און אין יענע צייטען, קען מען זאגען, די איינציגע. מיט דעם זונען־אונטערגאנג בין איך צוגעקומען צו די הויכע, שלאנקע אייקאליפטוס־בוימער, וואס טיילען אוים מקוה־ישראל, ווי אן אאזיס צווישען די ארומיגע אראבישע דערפלעך; דארטען, אויף דער פארם האב איך פערבראכט יענע נאכט.

כמעט אלע שילער פון „מקוה״ זענען געוועזען אינטערנע, אויסער איינצעלנע „פראקטיקאנטען״, וואס זענען נים לאנג אנגעקומען פון רוסלאנד. אט די האבען זיך גערעכענט פאר „עקסטערנע״, וואס האבען פאר זיך נאר איין פראקטישען צוועק — צו פערפאלקאמען זיך אין דער ארבייט. אבער אויך די עקסטערנע זענען געווען אונטערוואָרפען דער שטרענגער אליאנס־דיסציפלין: ביי זייער עסען און שלאפען, ביי דער ארבייט און רוה — אימער זענען זיי געשטאנען אונטער דער קאנטראל פון דער פארם־אדמיניסטראציע און פון די ארטיגע סדרים.

צווישען די „עקסטערנע״ האב איך זיך צום ערשטען מאל בעקאנט מיט דעם חבר ד ו ב ארער ב ע ר ע ל ע ש ו ו י י ג ע ר. בערעל מיט זיינע חברים האבען זיך געפיהלט גאנץ פרעמד אין דער סביבה פון זייערע שול־קאמעראדען און ערציהער. די יונגע אימיגראנטען, וואס זענען אהער געקומען, דורכגעדרונגען מיט א טיעפען לעבענס־אידעאל, זענען געוועזען מיט א קאפ העכער פון זייערע נייע חברים און וועגוויזער, וועלכע זענען זעלבסט ערצויגען געווארען אין דעם טראדיציאנעלען קאריערריסטישען אליאנס־גייסט, וויים פון נאציאנאלען אידעאל, ווי מזרח פון מערב. און גערארע דא, אויף דער ערשטער אידישער פארם אין ארץ־ישראל איז געוועזען בעשערט די רוסישע אידעאליסטען צום ערשטען מאל זיך צוזאמענשטויסען מיט דער גרויזאמער ווירקליכקייט. דאס האט ביי זיי, נאטירליך, ערוועקט א שארפע ענטריסטונג און ערביטערונג. דאס איינציגע, וואס האט זיי איינגעהאלטען אין דער שולע דא — איז געווען די האפנונג צו געפינען די געווינשטע טעכנישע פארבערייטונג פאר דעם וואס זיי האבען געהאלטען פאר זייער העכסטען אידעאל — פאר ערד־ארבייט.

מיר האבען פערבראכט יענעם אבענד אין שמועסען און שפאציערען איבער דעם ברייטען הויף פון דער פארם, צווישען די אלעען פון אייקאליפטוסען און טראפישע פלאנצונגען.

בעריל האט אויף מיר געמאכט א בעזונדערען איינדרוק, וועלכער האט זיך מיט דער צייט, אז איך האב איהם בעסער דערקענט, נאך מעהר פערשטארקט. ער איז דאן נאך זעהר יונג געוועזען און די קינדהייטס־נאאיוויטעט האט נאך געשוועבט איבער איהם. פלינק און שארף איז געוועזען בעריל אין זיין רעדען און דענקען. א בעזונדער לייכטקייט האט ער פערמאגט אין אלע בעוועגונגען פון זיין קערפער, ווי אין דעם שטראם פון זיינע אידעען און אין דעם פליה פון זיין אריגינעלער פאנ־

טאזיע. עס האט אין איהם געשלאגען א קוואל פון נאטירליכער לעבענס־לוסט, א שטרעבען צו גרויסע מעשים און העלדענשאפט. אמת, אפטמאל פלעגט זיין אריגינאליטעט אריבערפליסען איבער די גרעניצען פון דעם, וואס איז דא אנגענומען ביי לייט. ער האט אבער תמיד געהאט א מאדנע צוציהונגס־קראפט פאר אלע זיינע ארומיגע.

איך וועל ניט פערגעסען יענעם זומער מיט יענע רוישיגע דעבאטען אין דעם „ארבייטער־קלוב" און אין „חיים־ברוך'ס" האטעל, די גרופעס ארבייטער און סתם נייע יונגע לייט, וואס פלעגען זיך אומדרעהען פוסט און פאסט, אהן ארבייט, איבער די גאסען פון יפו; א טייל פון זיי — הונגעריגע, א טייל — פיבערדיגע, מיט פערביטערטע טענות צום לאנד און צו דער ארבייט, צו דעם ישוב און צו די וואס האבען איהם געשאפען.

אפטמאל, געדענק איך, פלעגט צוקומען בערעל צו אזא גרופע. א פאר סארקאסטישע בעמערקונגען און וויצען פון זיין זייט פלעגען גלייך צוטרייבען דעם וואלקען פון פערביטערונג און מאכען א סוף צו די אונענדליכע דעבאטען און ספקות, צו די דאגות פון נעכטיגען און מארגעדיגען טאג.

* * *

נאך א בעזונדער שטריך אין בערעל'ס כאראקטער: אן אונגעוועהנליכע נאטירליכע דרייסטקייט און שרעקלאזיגקייט.

עס זענען דא א סך „שרעקלאזע העלדען", וואס רייסען ממש אוים בערג, מאכען אש און רויך פון טעמפלען און בויען טורעמס ביז אין הימעל אריין — אין זייער פאנטאזיע. עס קומט אבער אן אויף זיי א געוועהנליכע לעבענס־געפאהר, פערלאזט זיי מיט א מאל זייער גאנצע גבורה, און זיי ווערען, נעבעך, שוואך ווי א פשוט'ער בשר ודם. דאגעגען, זענען וועניג די „גאנצע", ביי וועמען עס איז נישטא קיין סתירה צווישען דעם פליה פון זייער גייסט און די רעאלע כחות פון זייער נשמה. א טיפ פון אזא גאנצער נאטור, ביי וועמען די גייסטיגע כחות ענטשפרעכען און הארמאנירען מיט איהרע שטרעבונגען — איז געווען בעריל. און די לעצטע זענען געווען גאר נישט אזוי מעסיג און בעשיידען.

עפעס ווי א פערבארגענע קראפט, א דראנג נאך גרויסעס, נאך העלדישעס האט געלעבט אין די טיעפענישען פון זיין נשמה. דער גייסט האט ניט בעוויזען רייף צו ווערען און זיך צו ענטפלעקען אין זיין גאנצער גרויס, ווארום דער יונגער בעריל איז געפאלען פאר זיין צייט, אבער יעדער וואס האט איהם נעהענטער געקענט, האט דאך דעם גייסט געשפירט. ער האט זיך געפיהלט פון זיין גאנצען כאראקטער, פון אלע זיינע מעשים, פון זיין טיעפער אונצופריעדענהייט מיט די געוועהנליכע וועגען, פון זיין שטענדיגען זוכען נייע אריגינעלע דרכים.

סוף יענעם זומער האט זיך געטראפען א צופאל, וועלכער האט ניט וועניג געווירקט אויף בעריל'ס וויטערדיגען לעבענס־גאנג. אין דער קאלאניע גדרה האט אויסגעבראכען א סכסוך אויף דעם גרענעץ צווישען די קאלאניסטען מיט די אראבער פון דער שכנישער דארף קאטרא. פון ביידע זייטען האט מען זיך איבערגעשאסען און אין רעזולטאט איז איין אראבער געפאלען טויט פון א קויל פון א קאלאניסט'ס א זוהן.

ווי דער שטייגער איז, האבען זיך תיכף אויפגעזאמעלט אלע קרובים פון דעם געפאלענעם'ס פאמיליע און מען האט זיך א לאז געטהון צו דעם הויז, וואו עס איז

געווען בעהאַלטען דער יונגער קאַלאַניסט — טאַקע סאַמע אין אָנהויב פון דער קאַלאַניע. דער יונגער קאַלאַניסט האָט מתרה געווען די אַראַבער, אַז ער וועט שיסען יעדען, וועלכער וועט וואַגען אַריינצורייסען זיך אינווייניג. די פעלאַכען, אָבער, האָבען ניט קוקענדיג אויף דעם, אַרומגערינגעלט דאָס הויז, בעוואָפענטע מיט שווערדען און ביקסען, און זענען צוגעקומען צוברעכען די טיר פון דעם באַלקאָן. דאָ איז געקומען דער צופאַל צו הילף און האָט אויף אַ וואונדערבאַרען אופן געראַטעוועט דאָס לעבען פון יונגען קאַלאַניסט. בשעת צעהנדליגער מענשען האָבען זיך צוזאַמענגעשפאַרט אויף דער וועראַנדע, האָט זי נישט אויסגעהאַלטען און צוזאַמענגעבראָכען. די אַראַבער זענען אַלע אַרונטערגעפאַלען. דערווייל זענען צוגעקומען די גדרה׳ר קאַלאַניסטען, און אויך פון אַנדערע קאַלאָניעס האָט מען דערהערט, און מען איז געקומען צו הילף. די אַראַבער האָבען זיך געמוזט צוריקציהען.

אַז דער קלאַנג וועגען דעם אינצידענט אין גדרה איז צוגעקומען קיין מקוה, איז בעריל (און מיט איהם — צוויי פון זיינע חברים) געוועזען, נאַטירלאַך, דער ערשטער לויפען צו הילף קיין גדרה. עס איז שוין געוועזען גאָר פינסטער, אָבער די יונגע חברים האָבען קיין מינוט ניט געוואַרט. און כאָטש זיי האָבען נישט בעקומען קיין אורלויב פון דער אַדמיניסטראַציע פון דער שולע, האָבען זיי זיך געלאָזען אין דער פינסטערניש פון דער נאַכט אין וועג אַריין. אין גדרה זיינען זיי געקומען שוין לאחר המעשה, דערפאַר אָבער אומקערענדיג זיך צוריק האָבען זיי בעקומען די מעלדונג, אַז זיי זענען פון דער שולע ענטזאַגט, ווייל זיי האָבען עובר געווען אויף דער דיסציפּלין, פערלאָזענדיג די פאַרם ביינאַכט אָהן ערלויבעניש.

אַזוי האָט זיך געענדיגט בעריל׳ס שול־פעריאָד אין ארץ־ישראל. בעריל האָט אויפגעהערט צו זיין אַ תלמיד, און איז געוואָרען אַ געוועהנליכער קאַלאַניע־אַרבייטער, מיט אַלע אַרבייטער גלייך.

* * *

דאָס לעצטע מאָל האָב איך איהם געזעהן פסח־צייט, אין יאָהר ה׳תרס״ט, אין טבריה׳ר האָספּיטאַל. אַ פערוואונדעטער פון אַ צוזאַמענשטויס מיט אַראַבער איז בעריל געלעגען אויף דער וועראַנדע אין זיין קראַנקען־בעט, איינגעוויקעלט אין אַ ווייסען ליילעך מיט אַן אייז־בלאָזער אויפ׳ן קאָפּ. איך האָב זיך איינגעקוקט אין זיין געזיכט: איז דאָס ווירקליך דער לעבענס־לוסטיגער ריהרעוודיגער בעריל, איז דאָס דער פנים, וואָס האָט אויסגעדריקט תמיד ענערגיע און שרעקלאָזיגקייט? יעצט איז זיין געזיכט געוואָרען אויסגעדאַרט, בעדעקט מיט אַ טויט־בלאַסקייט, זיינע אויגען פערמאַכט אויף העלפט, און זיין גאַנצער אויסזעהן איז געווען ווי פון אַ מת. נאָר דער שווערער אָטעם האָט עדות געזאָגט אַז ער לעבט נאָך. אַזוי בין איך געשטאַנען איינינגע מינוטען. פּלוצלונג האָבען זיך זיינע וויעס לאַנגזאַם אויפגעהויבען, אַ פּתק פון בעוואוסטזיין האָט אין די אויגען אַ בליץ געטהאָן: ער האָט מיך דערקענט. עטליכע סעקונדען האָט ער זיך איינגעקוקט גלייך אין מיר. שטילערהייט האָט ער מיך אָנגערופען, זיינע ליפּען האָבען זיך בעוועגט, אָבער זיין שטימע האָט זיך ניט געהערט. איך האָב זיך איינגעבויגען הערען זיינע ווערטער; אומזיסט: אפילו שעפּטשען איז איהם שווער געווען. ער האָט ווידער זיינע אויגען פערמאַכט און ווידער עטליכע מינוט אָהן בעוועגונג געבליבען. דאַן האָט ער זיך אָנגעשטרענגט אויפצוהויבען אויף זיין געלעגער און מיר איינצעלנע ווערטער אַריינגערוימט. דאָס מאָל האָב איך שוין געהערט. אָבער אומזיסט האָב איך געוואַרט; דאָס וואָס ער

האָט געוואָלט זאָגן האָט ער ניט געענדיגט. זיין קאָפּ האָט זיך אַראָפּגערוקט, און ער האָט דעם בעוואוסטזיין ווידער פאַרלאָרען. אַ שאַרפער וועהטאָג האָט ווי אַ שניט געטהאָן אין הארצען. אין דעם מאָמענט האָב איך דערפיהלט, אַז מעהר וועל איך בערלען ניט זעהן, און אַז דאָס זייגען געווען זיינע לעצטע ווערטער צו מיר.

אין צוויי טעג אַרום איז בערלע געשטאָרבען.

יעקב ראַבינאָוויטש

זכרונות

אין חודש סיון איז דאָס געווען, עטליכע טעג פאַר ל״ג בעומר. איך בין דאַן דורכגעפאָהרען די קאָלאָניעס פון׳ם אונטערשטען גליל. כ׳האָב פערבראַכט עטליכע טעג אין סעדזשערא. דעמאָלסט האָב איך זיך בעקאַנט מיט איינעם פון יענע לייט, מיט בערעל שווייגער.

דריי פון די ארבייטער האָבען מיך דאָרטען פעראינטערעסירט, איינער פון זיי אַן אדעסער, נאָר גאָר ניט קיין אדעסער טיפּ. מיט אַ בעזונדער ערנסטקייט האָט ער זיך צו אַלץ בעצויגען: בעטהייליגט זיך אין דער ציוניסטישער טעטיגקייט, איינגעשטעלט דאָס לעבען אין דער זעלבסט־שוץ; פון דאָרט אוועק אין בערלין שטודירען אַגראָנאָמיע. דערנאָך אויך דאָס אויפגעגעבען און געקומען אין א״י זיין אַן ערד־ארבייטער. ער האָט געזוכט דעם עיקר פון זיין לעבען, און מיר דוכט, אַז דאָ אין לאַנד האָט ער דעם ע י ק ר געפונען. אַן אונגעוועהנליכע רוהיגקייט איז געווען אויסגעגאָסען אויף איהם. נאָר אַמאָל פלעגט ביי איהם אין די אויגען אויפבליצען אַ מאָדנער פייערל, וואָס האָט זיך ניט געפּאַסט ניט צו זיין געזיכט און ניט צו זיינע ארבייטער־הענט, ניט צו זיין אויסערליכקייט און ניט צו זיינע בעוועגונגען.

דער צווייטער יונגערמאַן איז געווען אַן אָרטיגער געבאָרענער אין איינע פון יהודה׳ר קאָלאָניעס. אַ קינד פון אַ פּרעהליכען טאַטען, איז ער געווען תמיד לוסטיג און לעבעדיג. די פּקחות פון איונג־אַלטען מיט דער פּרעהליכקייט און שטיפעררישקייט פון אַ קינד האָבען זיך אין איהם פעראייניגט. נאָר מיט איין זאַך איז ער פאַר מיר געווען אויסטערליש. די קאָלאָניסטישע קינדער זיינען דאַן כמעט אַלע געווען רוהיגע. יענע נערוועזיטעט, דער בטול־היש, די אונאויפהעריליכע בענקשאַפט און דער גאַלגען־הומאָר פון די רוסישע יונגעלייט איז זיי פרעמד געוועזען. נאָר דער בחור איז געווען אַן אויסנאַהם. זיין נאַטירליכער העברעאיש, זיין פשטות זיינען געווען די איינציגע סמנים אַז ער איז אַן ארץ־ישראל׳דיגער. פון וואַנען קומען צו איהם אָט די איינגעשאַפטען פון דער רוסישער יוגענד? — דאָס האָט מיך געוואונדערט. אַזוי ווי עס האָט מיך אויך געוואונדערט די ארץ־ישראל׳דיגע שטריכען אין בערעל שווייגער׳ס כאַראַקטער.

דער לעצטער איז געווען אַ בחור פון אַ יאָהר 18; אַ ווייכע געזיכט, לעבעדיגע אויגען, געקרייזעלטע האָר און מיידעלשע חן־גריבעלעך אין די באַקען. אַן אונגעוועהנליכע פרעהליכקייט, אַן עכט־דרומדיגע לייכטקייט, צוזאַמען מיט אַ שעהן־רוהיגען געזיכט. און לאַכען האָט ער געקאָנט, דער בחור, ממש ווי אַ יונג מיידעל;

ליעב געהאט זינגען, טאנצען, שטיפען און משוגע מאכען זיך. אין הלכות־שטיפען און לוסטיג־זיין איז אויך זיין ארץ־ישראל'דיגער חבר געווען א גרויסער בריה. נאר אמאל, ווען זיי ביידע פלעגען שפאסען און שטיפען, פלעגט אויסקומען משונה'דיג צו הערען ווי זייער הריטער חבר, דער אדעסער, פערציהט עפעס אן ערנסטען, אורמעטיגען נגון.

לבנה־נעכט געווען, פלעגען מיר ארומשפאצירען איבער דער קאלאניע ביז האלבע נאכט. פון דעם בערגעל, אוואו עס שטעהען די געביידעס פונ'ם פארם, פלעגען מיר אראבלאזען זיך אין דער קאלאניע אריין; אמאל אוועקגעהן אין די פעלדער. געזאנג־קלאנגען האבען אנגעפילט די גאנצע ווייטקייט. בעזונדערס האט אבגעקלונגען דער הילכיג־זילבערנער געלעכטער פון בערעלע שווייגער. אין א"י קאן מען ניט לאכען; מ'ווייס דא ניט פון קיין איבעריגער עצבות און אויך ניט פון דעם פולען געזונטען לאכען פון דרום־רוסלאנד. עצבות און לאכען זיינען דא אויסלענדישע סחורה. און יענער הילכיגער, קלינגענדער געלעכטער, וואס גיסט זיך פונאנדער און צושלאגט זיך ווי כוואליעס אן שטיינער, יענער געלעכטער פון בערעלע'ן פלעגט מיך מיט אמאל אוועקטראגען צום ברעג פון שווארצען ים מיט זיינע זומער־נעכט. און דאן האט מען מיר געזאגט אז בערעלע איז אן אדעסער.

בערעלע האט גערעדט אויף דריי שפראכען: העברעאיש, אידיש, רוסיש. אין די ערשטע צוויי שפראכען האט ער זיך געפיהלט גאנץ היימיש, אין דער הריטער איז ער געווען א גאסט. אפטמאל פלעגט ער פלוידערען מיט אזא שפראכען־אויסמישעכץ, אויף דער בעזונדערער המון־שפראך פון דער אדעסער מאלדאוואנקע, א מין צוריסענער און צופליקטער אידיש, אויסגעמישט מיט א פערגרייזטען, אייגענארטיגען רוסיש. מיר פלעגען קייכען פון געלעכטער הערענדיג אט דעם משונה'דיגען דיאלעקט זיינעם.

בערעלע האט ליעב געהאט דאס לאנד מיט א נאטירליכער ליעבע. כ'ווייס ניט אויב איהר קענט די אומגעגענד פון אדעס. ארום צענטער פון שטאדט ציהען זיך גערוימע קווארטאלען מיט ברייטע גאסען. לאנגע הויפען מיט ליידיגע פלעצער. נאר די הייזער, סיי די קליינע, סיי די גרויסע, זיינען עפעס ווי מיט א קארגהארץ געבויט געווארען. שמאלע צימערען, פינסטערע קעלערס, און שלעכטע געביידעס. הינטער די דאזיגע גאסען שפרייטען זיך פעלדער, בערגלאך: אנדערע קוקען־אויס ווי ווענד פון א חורבה, און אנדערע פשוט ווי גרויסע מיסט־בערג. אויף די דאזיגע בערגלאך און צווישען זיי איז דאס קעניגרייך פון — די בארוועסע. פון פארט און פון וואקזאל קומען זיי אהער ווארעמען זיך אנטקעגען דער זון. ווען די קינדער פון די שטאדט־פערטלען רייסען זיך ארויס פון דער פערשטיקטער לופט צו דער זון, זאפען זיי איין אין זיך אויך אט די בעזונדערע אטמאספערע: זיי קריכען ארויף אויף דעם בערגעל, וואו פון איין זייט זעהען זיך די ברייטע סטעפעס און פון דער אנדער זייט — דער ווייטער שטח פון ים. און די „באסאצקע"־ליעדער, דאס ליעד פון די ווייטע און ברייטע סטעפעס, דאס ליעד פון ווילדע און לוסטיגע אויסגעמישט מיט'ן יאמער פון צובראכענע נפשות, וואס האבען שוין אלץ פערלארען, אט די דאזיגע פערשיעדענע אויסגעמישטע געזאנגען דרינגען אריין אין הארצען פון דעם אידישען אינגעל, מישען זיך אוים מיט זיינע פאלקס־ליעדער און פון דעם בעקומט זיך א נייע לייכטזיניגע ליעד, א ממזר־ליעד אהן א טאטען און אהן א מאמען. מיט פערשיעדענע פלוצלונדיגע איבערגאנגען פון איין ניגון צום צווייטען, פון איין

שפּראַך צו דער צווייטער, אַ כל־בו ליער. סוף־סוף בעקומט זיך עפּעס אַ משונה־דיגע נשמה אָהן אַ פאָלק, אָהן אַ לאַנד, אָהן אַ עבר און אַ צוקונפט — די מאָלדאַוואַנקע־נשמה.

דאָך איז נאָך פאַראַן אין מאָלדאַוואַנקע אַ המון אידען וואָס זיינען פערבליבען ביי זייערס. די דאָזיגע שטערען דער אויסבילדונג פון דער נייער לעבענס־פאָרם. אַזוי ווערט בעשאַפען אַ בעזונדער סאָרט אידען: אַ אידישע „באָסאַצסטוואָ".

אַ אידישער „באָרוויסער"! אַזאַ איז געוועזן בערעלע שווייגער. אויסערליך האָט ער ניט אויסגעזעהן אַזוי. רוהיג, מיט אַ שטילקייט פון יחסנים און שעהן איז געוועזן זיין געזיכט. דאָך, אַלץ וואָס ער האָט אין זיך געהאַט פון זיין פערגאַנגענהייט, פון די אַדעסער קוואַרטאַלען — איז געוועזן „באָסאַצסטוואָ". ווער האָט איהם אַהער געבראַכט? — ווייסט איין גאָט אין הימעל. נאָר איינס איז מיר קלאָר: אַז אַוועקגעהן פון דאַנען האָט ער ניט געקאָנט. אַלץ איז איהם דאָ נאָהענט געוועזן. יענער ווייטער בלויער ים, יענע טיפע הימלען, מיט דער ברייטער געגענד, בערג און טהאָלען, מיט דאָס גאַנצע „באָרוועסע" לעבען פון דעם אידישען אַרבייטער דאָ. דערצו די לייכטקייט, מיט וועלכער מ'קאָן האָ איבערגעהן פון איין אַרבייט צו דער צווייטער, פון איין אָרט צום צווייטען האָט געמוזט צובינדען זיין נשמה צו א"י, אויף וויפיעל ער איז פעהיג געוועזן בכלל צוצובינדען זיך צו איין אָרט. ביסלעכווייז האָבען זיך ביי איהם אָנגעהויבען צו ענטדעקען נייע נייגונגען. צוזאַמען מיט די חן־גריבעלעך אויף די באַקען — האָבען זיך אָנגעהויבען צו בעווייזען אויך קנייטשען פון זאָרג און צער.

כ'האָב זיך מיט ב. שווייגער געטראָפען נאָך אַמאָל אין מירון און אויך אין ראש־פנה. און שטענדיג דער זעלבער לאַכענדער, טאַנצענדער און פרעהליכער בערעלע. ס'איז אָבער געווען אויך אַן אַנדער בערעלע — בערעלע דער וועכטער. שפּעט ביי דער נאַכט, ווען ער איז אומגעגאַנגען צווישען די קוסטעס און די שטיינער אַרום דער קאָלאָניע, און די לבנה פלעגט פערגעהן, דאַן פלעגט בערעלע ווערען ערנסט. ניט בערעלע איז ער דאַן געווען, נאָר דוב שווייגער. אויך אין יענע מאָמענטען ווען מיר פלעגען רעדען וועגען דאָס לאַנד, וועגען גליל און דער וואַך, פלעגען זיך אויף זיין שטערען בעווייזען איינציגע קנייטשען. די וואַך אין גליל איז דאַן געווען אַ געפעהרליכע. די וועכטער האָבען עס גוט געפיהלט. נאָר קיינעם האָט זיך ניט געגלויבט אַז בערעלע קאָן שטאַרבען. דאָס איז פשוט לעכערליך. בערעלע מיט די חן־גריבעלעך און קרייזעלאָך וועט שטאַרבען? דאָך, ער פלעגט זיך צוהערען ביי נאַכט צום געהיימען שאָרך צווישען די בערג און קוסטעס פון גליל. אין די בערג מיט זייערע פערבעהעלטעניסען און היילען הערט מען די שטילע טריט פון פיינד.

צוזאַמען מיט די קנייטשען איז אויך געקומען אַן אַנדער בעציהונג צו אַלץ. די ערשטע לעבענס־איינדריקע זיינען פערווישט געוואָרען. די ליבשאַפט צום לאַנד איז אַלץ טיפער געוואָרען. פון בערעל איז געוואָרען „דוב", און ער האָט אָנגעהויבען רעדען העברעאיש. ס'איז קענטיג געווען, אַז אַחוץ זיין פערגאַנגענהייט אויפ'ן ברעג פונ'ם שוואַרצען ים, האָט ער אָנגעהויבען צו פיהלען אויך אַן אַנדער פערגאַנגענהייט, אַזאַ פערגאַנגענהייט וואָס פערברידערט איהם מיט די וועלכע האָבען דאָ מיט צוויי טויזענדער יאָהר צוריק איינגעשטעלט זייער לעבען אין סכנה. די

מאַלדאַוואַנער לייכטזיניגקייט האָט נאָר די ערשטע טריט געמאַכט, אָבער די גליל׳ער נעכט האָבען ביסלעכווייז דעם אינגעל אין אַ מאַן פערוואַנדעלט.

עד היום זעה איך פאַר זיך זיין געזיכט. אָט איז ער דער מאַלדאַוואַנער אינגעל. אָט זינגט ער: „מיין הארץ זאָגט מיר: העלען, פרישען, בליהענדען פריהלינג“. אביסעלע שפעטער, און זיין קול איז שוין טרויעריג, און ער זינגט „הכניסיני“; און ווידער צוריק צו מאַלדאַוואַנע; אין אַ רגע אַרום, און ער רעדט שוין העבּרעאיש, רעדט ערנסט וועגען גליל, וועגען דער וואָך. בערעלע — און ערנסטקייט! ווידער אַ רעטעניש. ווער האָט עס אויסגעאַקערט אויף זיין שטערען די געדאַנקען־קנייטשען? ווער האָט עס דעם מאַלדאַוואַנער אַהער אַראָבגעבראַכט און איהם געמאַכט פאַר אַן ארץ־ישראל׳דיגען? ווער?

ער האָט נאָך ניט געוואוסט פון ווידערשפּרוכען. מיר, ליטוואַקעס, ווייסען ניט פון קיין הארמאָניע. אָדער ג אָ ר אָדער גאָרניט. „כלו זכאי“ אָדער „כלו חיב“, אָדער מיר זיינען אינגאַנצען אין גלות, אָדער אינגאַנצען פיינד דעם גלות און שטרעבען נאָר צו דער גאולה. אָבער ער — ער האָט געוואוסט נאָר איין זאַך: שעהן איז דאָס לעבען. פאַראַן אַ שעהנע לאַנד, שעהנע הימלען אויסגעשטערנטע, לבנה־נעכט, בוימער, קוסטעס, בערג און פעלזען און ס׳איז פאַראַן און פאַראַן — און אַלץ איז געווען אין איהם און ער אין אַלץ — נאָר, ווי ס׳ווייזט אויס, האָט ער אויך אָנגעהויבען פיהלען אַז ס׳איז עפּעס ניט אַזוי פּשוט.

און בערעל איז גע׳הרג׳עט געוואָרען. און איהר קלאָגט אויף זיין טויט. און וויפיעל זיינען איהם מקנא? ער האָט ניט פערשוועכט זיין נשמה; און אנדערע? און ווער ווייס וואוהין ער וואָלט אוועק ווען ער וואָלט בלייבען לעבען?

און וויפיעל העלדען זיינען דאָ געווען? ווער קוקט זיך אויף זיי אום? וויפיעל פון זיי זיינען איצט פאַראַן?

אַ שאָד! אַ שאָד, וואָס מיר ווייסען נאָר הספּדים צו מאַכען. פאַר די לעבעדיגע האָבען מיר קיין אויג ניט.

ישראל קאַרנגאָלד

חבר ישראל קאַרנגאָלד איז געקומען פון קרינקי, וואָס נעבען ביאַליסטאָק.

לכתחלה האָט ער געארבייט אין די קאָלאָניעס פון יהודה, נאָכדעם איז ער אריבער אין גליל, צוזאַמען מיט די ערשטע אר־בייטער, וואס זענען געקומען ארבייטען אין כנרת. דאָס לעצטע האַלבע יאָהר האָט ער געארבייט און געוועכטעוועט אין דער פאַרם סעדזשערא. ארום פסח איז פאַרגעקומען ניט ווייט פון סעדזשערא אַ צוזאַמענשטויס מיט אראַבער, וואָס זענען אנגע־פאַלען אויף אַ אידישען ארבייטער. איין אראַבער איז פער־וואונדעט געווארען און נאכהער געשטאָרבען. אין א וואָך ארום דעם לעצטען טאָג פסח (כ״א ניסן ה׳תרס״ט) האָבען קריסטליכע אראַבער פונ׳ם שכנות׳דיגען דאָרף אָבגעוואַרט ישראל׳ן ביים בית־עלמין פון סעדזשערא און איהם געשאָסען, אוים נקמה פאַר זייער הרוג.

ר׳ בנימין :

צוויי...

דער נאָמען פון דעם ערשטען איז דוב שווייגער, אדער ווי מיר פלעגען איהם, דעם ליעבען און וואוילען, רופען : בערעלע שווייגער.

מיט איהם בין איך בעקאנט שוין מעהר ווי א יאהר צייט. ומעשה שהיה כך היה :

איך בין דאן געווען א בירגער פון דער שטאָדט יפו ת״ו, געארבייט אין איינעם פון איהרע שול־אנשטאלטען. מיט אמאָל זיינען דערעסען געוואָרען די טינטערס־טינט, דער קאנצעלאריע־טומעל און די קאָמיסיעס־זיצונגען, און וועלכע כ׳בין דאן געווען פערטון מיט לייב און לעבען. כ׳האָב ניט פיעל געטראכט און אויסגערעכענט. נאָר א שטאַרקע און מעכטיגע שטימע האָט אין מיר גערופען : צו דער פרייער לופט, צום פעלד.

כ׳האָב זיך אויפגעהויבען, אוועק צום דיליזשאנס און — האיידא קיין פתח־תקוה.

דאָס איז אויסגעפאלען ערב־שבת. שפעט ביי נאכט האָב איך זיך צום ערשטען מאָל געטראָפען מיט בערעלען. מיר האָבען אוועקגעשפאצירט הינטער דער קאָלאָניע. צוויי מיידלאך זיינען מיט אונז מיטגעגאנגען, א פוילישע און א ליטווישע.

בערעלע האָט געשטיפט, געשפאסט און זיך משוגע געמאכט. ס׳איז קענטיג געווען, אז עפעס איז מיט איהם ניט גלאַט. עפעס האָט אין איהם געקאָכט און ניט געפונען דעם פאסענדען און ריכטיגען אויסדרוק. די מיידלאך האָבען ניט אראָב־גענומען די אויגען פון איהם. אבער אויך די דאָזיגע אויגען־בליקען האָבען געפרעגט, געשטוינט און געוואונדערט זיך : וואָס איז מיט איהם ?

מיך האָט עס נאָך ניט פערטשעפעט, ניט אָנגעריהרט מיעה.

נאָר אין דעם קומענדען אבענד, מוצ״ש, האָט עס מיך אדורכגענומען. אין דעם משונה׳דיגען געצעלט פון צ. האָט זיך צונויפגעקליבען א קליינער עולם. בעריל האָט דאן מיט א צוריסענער שפראך מודיע געווען, אז די זאך איז ניט כשורה, אז עס פאָדערט זיך אויסבעסערונגען, אומענדערונגען און בענייאונג, און אז ד י נאכט נאָך געהט ער אוועק אין גליל. פאר וואָס ? צוליעב וואָס ? אויף דעם האָט ער נאָך ניט געענטפערט, נאָך ניט געפונען דעם ריכטיגען און אייגענעם אויסדרוק.

דעם אמת׳ן און בעזונדערען אויסדרוק האָט ער געפונען ערשט אין דעם קומענ־דען פריה־מאָרגען. ס׳איז געווען, ווי מיר זיינען זיך נוהג צו זאגען, א העל־שיינענדער פריה־מאָרגען. א סך, סך זונענשיין. ארץ־ישראל׳דיגער זונענשיין. זאלבאדריט, איך, ער און דאָס ליטווישע מיידעל, זיינען מיר ארומגעגאנגען אין די בערג צווישען פתח־תקוה און יפו. און צווישען די בערג, אין די טהאָלען האָבען זיך די הערצער פונאנדערגעעפענט. בעזונדערס האָט זיך אויפגעעפענט בערעל׳ס הארץ. תחילת האָט ער נאָך געשטאַמעלט, גערעדט אויף פרעמדע שפראכען : ער זעהט ווי ווערים פויזען ארום זיין אידעאל. די ערד וויל איהם איינשלינגען. ער איז נאָך יונג, ער וויל פערבלייבען ביי זיין גלויבען, בלייבען א גאנצער ציוניסט. דערפאַר ענטלויפט ער אין גליל.

ביסלעכווייז, ביסלעכווייז איז פאר מיר קלאָר געוואָרען אן אייגענאַרטיגע ער־שיינונג : שווייגער איז מ ק נ א די אראבער זייער לעבען. דאָס אראבישע לעבען

איז פאר איהם געווארען א סימבאל אנ'אידעאל, דאס הערליכסטע און בעסטע אין לעבען. ס'ארא פרייהייט! ס'ארא ברייטקייט! ס'ארא בערג־הויך! וויפיעל קראפט און אייגענווירדע! סארא געפיהל פון אייגענעם יחוס!

אויף יענעם וועג האט זיך אונז אנגעטראפען א היים־אראביש פערדעל. בערעל האט זיך באלד ארויפגעכאפט אויף איהם און געמאכט פאר אונז „פאנטאזיעס" אויפ'ן אראבישען שטייגער.

שווייגער האט געבענקט נאכ'ן אראבישען לעבען. דאן ווען מיר זיינען נעגאנגען פון פ"ת קיין יפו, האט ער נאך ניט געוואוסט, ווי אזוי ער וועט פערווירקליכען זיין שטרעבונג. אבער די שטרעבונג האט שוין אין איהם געלעבט און פונאנדערגעוואקסען זיך; א טונקעלער בעגעהר נאך אנ'אונבעקאנטען לעבען. געהיימע בעצויבערנדע אילוזיעס זיינען געווען א הויפטפאקטאר, אנ'עלעמענטארער כח אין זיין כאראקטער.

און שטארק ווי דער טויט איז די אילוזיע. איין ציעל האט ער זיך, פארלויפיג, געשטעלט: א וועכטער אדער א פאסטוך ווערען אין גליל.

און שפעטער? דאס הויפט־ציעל?

דא שווייגט דער טרוימער. וואס שפעטער וועט זיין ווייסט ער ניט. דער עיקר־הדבר איז געווען פערהילט אין א וואלקען.

און ער איז טאקי געווארען דער ערשטער אידישער קאלאניע־וועכטער.

יענע צייט איז געווען א שלעכטע. א צייט פון צרות און רייסערייען מיט די אראבישע שכנים. איך, אלס סעקרעטער פון דער פארם „כנרת", בין געווען פון די ערשטע, וואס האבען דערפיהלט, אז ניט גוטעס און בייזעס ערווארטעט אונז. כ'האב זיך מיט א בריעף געווענדעט צום „החורש", פערעפענטליכט א בריעף אין „הפועל־הצעיר" — האבען מיר מייגע חברים פון סעדזשערא אויסגעלאכט. בעזונדערס האט זיך דאן געשטארקט די שנאה פון די אראבער צו מסחה, צו דער שעהנער קאלאניע, וואס ליגט צופוסענס פונ'ם בארג תבור. דאס מאל איז ווירקליך געשעהן עפעס אונגעוועהנליכעס. דאס מאל האט זיך די אידישע קאלאניע ניט געבויגען, ניט מיאוס געמאכט און ניט „פערשטאכען די הענד וואס בעזיצען די מאכט". זי האט זיך בעוואפענט אום צו פערטהיידיגען איהר פערמעגען און איהר עהרע. אלע קאלאניעס פון דעם אונטערשטען גליל האבען זיך בעטהייליגט אין דער זעלבסטשוץ. אפילו פון דער וויטער „כנרת" זיינען אנגעקומען זעקס ארבייטער צוזאמען מיט'ן פערוואלטער פון דער פארם.

די גאנצע אנגעלעגענהייט פון דער זעלבסט־שוץ, אין וועלכער ס'האבען זיך בעטהייליגט אי ארבייטער, אי קאלאניסטען, איז איבערגעגעבען געווארען דעם יונגען בערעל שווייגער. מ'דארף מודה זיין: ער האט עס גלענצענד ארגאניזירט. זיין צייטווייליגע דירה איז געווען די שולע פון דער קאלאניע. דארט האט ער די פערטיידיגונג דערהויבען צו א גאנצער סיסטעמע פון טאקט און געשיקטקייט. די אידען האבען געזיעגט.

און איצט האט דער יונגער און פרישער בערעל שווייגער געפונען זיין רוה אויפ'ן בית־עלמין אין טבריה.

שטארק ווי דער טויט איז די אילוזיע.

* *
*

ישראל קאַרנגאָלד איז געווען אַנ׳אַנדערער, גאָר אַנדערער מענש ווי שווייגער. ער איז געווען אַ מענש אָהן אילוזיעס. בערעלע איז געקומען אין ארץ־ישראל אַ זיבעצעהן יאָהריגער בחור, ישראל איז אָנגעקומען אין לאַנד שוין נאָך אַלעמען, שוין נאָך דעם ווי אַלע זיינע היילינגטהימער אין רוסלאַנד זיינען חרוב געוואָרען; בערעל׳ס הארץ איז געווען אַן אָפענער בוך און ישראל׳ס הארץ — אַ פערשלאָסענע און אַ פערזיגעלטע. גאַנצע הרודעס פון שטאַרקער ביטערקייט און שוואַרצען יאוש האָט זיך ביי איהם דאָרט אַנגעזאַמעלט.

ער איז אָבער געווען אַ כאַראַקטער. שטאָל־שטייף גייסטליך און קערפערליך. קיין ערלייזונג האָט ער, אפילו, ניט געפונען ניט אין זיין ארבייט, ניט אין דער העברעאישער ליטעראַטור, ביי וועלכער ער האָט פערבראַכט זיין פרייע צייט, און איך האָב מורא: אַז אויך ניט אין דער פאַרטיי „פועלי־ציון", צו וועלכער ער האָט געהערט. אָבער דאָס לאַנד בכלל איז פאַר איהם געווען ווי אַ פרישער טוי אויף אַ טרוקענעם באָדען. מיט פעלד האָט אָנגעהויבען שמעקען פון איהם...

בערעל — מיט אילוזיעס און ישראל — אָהן אילוזיעס — וואָס איז דען דער חלוק?

גרויס איז געווען דער וועהמאַג, ווען כ׳האָב פלוצלונג דערהערט פון די פרישע קברים. דאָס געפיהל פון אַ פריינד האָט זיך אין מיר ערוועקט און ביטער בעקלאַגט די פרישע יונגע בוימער, וואָס זיינען אַזוי פריה־צייטיג פערשניטען געוואָרען. נאָר כ׳בין זיך מודה: ביסלעכווייז, ביסלעכווייז האָט זיך אויסגעוועבט דער צער, צוגאַנגען און פערוואַנדעלט זיך אין אַ שטילען טרויער...

גוט איז דעם מענשען, וואָס די קויל האָט איהם געטראָפען אין דער יוגענד, ביים אויפבליהען, אין סאַמע מיטען פון זיין גאַנצקייט, אין דער ערשטער פרישקייט פון זיין גלויבען. דער שיקזאַל פון ר״ש בן גבירול איז ניט ערגער פאַר׳ן שיקזאַל פון ר׳ משה הסלח. ניט אין לאַנגע יאָהר איז גליק און שענקייט.

וואויל איז צו דעם וואָס זיינע טעג זיינען געצעהלטע.

נאָר ווען כ׳הער ווי מענשען דיסקוטירען, היצען זיך וועגען נייע לענדער, טראַכט איך זיך: ווי מאָדנע די מענשען זיינען, זיי ווייסען גאָר ניט ווי נישטיג אונזערע כחות זייגען אום צו בעזעצען וויסטע לענדער און וויפיעל כחות מיר האָבען שוין פערטאָן אין דעם דאָזיגען לאַנד.

„ווען די אידען וואָלטען קומען אהער און דערזעהן אָט די דאָזיגע הערליכקייט, וואָלטען זיי דען געקענט אַבזאָגען זיך פון דעם?" — דאָס זיינען די לעצטע ווערטער, וואָס כ׳האָב געהערט פון בערעלען. ווען ער האָט געזאָגט די דאָזיגע ווערטער זיינען מיר ביידע געלעגען אויסגעצויגען אויף די קליינע ווייסע שטיינדעלאַך ביים ברעג פון ים כנרת, אַנטקעגען די בערג פון גל־עד...

שמעון מלמד

דער פערשטארבענער האט פערבראכט אין לאנד א פאר יאהר אלס סטאליער אין דער פארם סעדזשערא. ער האט זיך אבער ניט געקענט דערמיט צופרידענשטעלען און ער האט גע־טרוימט וועגען דער ערד ארבייט. לעצטען יאהר איז ער ענדליך אנגענומען געווארען פון דער אדמיניסטראציע און איז געווארען קאלאניסט־ארענדאטאר ביי יקא אין דער קאלאניע סעדזשערא.

כ״א ניסן, דעם לעצטען טאג פסח ה׳תרס״ט, האבען אראבער גע׳הרג׳ט דעם ארבייטער ישראל קארנגאלד אין סעדזשערא. זיינע חברים האבען זיך אוועקגעלאזען נאכיאגען די מערדער. צווישען די נאכיאגער איז געווען אויך שמעון מלמד. נאהזיגט צו דער קאלאניע האט אויף איהם פון הינטער א פלויט געשאסען אן אראבער און ער איז געפאלען טויט. שמעון מלמד האט איבערגעלאזען א פרוי מיט א קינד.

יעקב פלאטקין, אַ אידישער געשעפטס־מאַן, געקומען פון פּאַלטאַווע. ער איז עטליכע מאָל פערוואונדעט געוואָרען אין אַראַבישע איבערפאַלען. דאָס לעצטע מאָל איז ער שטאַרק פערוואונדעט געוואָרען דעם פסח ה׳תרס״ט, רייטענדיג פון סעדזשערא קיין טבריה. געשטאָרבען איז ער אין שפּיטאָל אין חיפה דעם 5־טען כסלו ה׳תרס״ט (1909).

א. ז. ראַבינאָוויטש:

יעקב פּלאַטקין

יעקב פּלאַטקין איז במשך פון פילע יאָהרען געווען אַן אָנגעזעהענער סוחר אין דער שטאָדט פּאָלטאַווע, אין „מאַלאָראָסיע“, און אַ פלייסיגער כלל־טוער אין אַלע געזעלשאַפטליכע ענינים. עס איז ניט דורכגעגאַנגען קיין איין וויכטיגע פּאַסירונג אינ׳ם אידישען לעבען אָדער אין דער פּאָלטאַווער געמיינדע, אָהן דעם אַז פּלאַטקין זאָל אין איהר ניט נעהמען אַנטייל מיט זיין געלד, מיט זיין מיה. און זיין אַרבייט איז שטענדיג פּרוכטבאַר געווען. אין תלמוד־תורה און אין שפּיטאָל, אין ציוניזם און אינ׳ם פעראיין פאַר גלייכבערעכטיגונג, אין זעלבסט־שוץ — אומעטום איז פּלאַטקין געווען בראש. בעזונדערס האָט ער זיך אויסגעצייכענט מיט אַן אָרגאַניזאַטאָרישער פעהיגקייט, איינצואָרדנען פערוויילונגען, וואָס בעצוועקען אַגיטאַציע פאַר אַ וועלכען עס איז גוטען געדאַנק. ווען דאָס איז נויטיג געווען, האָט ער פון קיין רוה ניט געוואוסט, און פלעגט אויך אַנדערע צו דער אַרבייט אויפוועקען. ווייל גרענצלאָז איז געווען זיין ענערגיע. ער האָט אויך געקענט די העברעאישע ליטעראַטור, האָט זי ליעב געהאַט און האָט געזעהען אויך, אַז אַנדערע זאָלען זי ליעב האָבען.

און אַז דער מאַן האָט פערלאָזען די שטאָדט, אין וועלכער ער איז געווען בעליעבט און געעהרט, און געלעבט זיך אַ לעבען פון אַ פערמעגליכען אידען — ער איז געקומען קיין ארץ־ישראל. זיין צוועק איז געווען צו קאָלאָניזירען זיך דאָ, נאָר וויסענדיג גוט די לעבענס־בעדינגונגען פון לאַנד, האָט ער גענומען אויף זיך, פריהער צו ווערען אַ פשוט׳ער אַרבייטער.

ער האָט געוואוסט, אַז שווער, זעהר שווער איז דאָס לעבען פון אַן אַרבייטער, און דאָך האָט ער מיט ליעבע און פרייד זיך גענומען דערצו, חאָטש ער האָט שוין אָבגעלעבט דריי און פערציג יאָהר אַ גאַנץ אַנדער לעבען, אין אַנדערע בעדינגונגען.

ער איז געקומען אין רחובות און האָט דאָרט געאַרבייט אין ווייןַ־קעלער פאַר צעהן טאָלער אַ טאָג. ער איז אָבגעקומען מיט אַ שטיק ברויט מיט גרינס און אַן אַרבעס־געקעכטס, וואָס ער האָט זיך אַליין אָנגעגרייט. זיין העמד פלעגט ער אויך אַליין וואַשען.

ער האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזען פעהיג, צוצופּאַסען זיך צום לעבען פון די אָרימע פאָלקס־מאַסען, בענוגענען זיך מיט אַ קליינעם פערדיענסט, און אָנגענעהם מאַכען דאָס לעבען אויף וויפיעל עס איז מעגליך, דורך דעם וואָס ער האָט געקענט אַלע אַרבייטען, פון מענער ווי פון פרויען.

פון רחובות איז ער אַוועק אין גליל און איז געקומען קיין סעדזשערע. דאָרט האָט ער געאַרבייט אַלס אַרבייטער ביי דער אַדמיניסטראַציע פון יק״א און האָט זיך ניט אָבגעזאָגט פון יעדער שווערער אַרבייט.

און ווען די קאָלאָניעס האָבען געדאַרפט שוץ, איז פּלאַטקין ווידער געגאַנגען בראש פון דער יוגענד. ווען מ׳האָט געדאַרפט צום ערשטען מאָל אַרויסגעהן אַקערן דעם באָדען פון אום־איל־דזשעבעל, איז אויך פּלאַטקין געגאַנגען צווישען אַנדערע אַרבייטער און די אַראַבער האָבען איהם שטאַרק פערוואונדעט. אַז ער האָט זיך פון די וואונדען שוין אויסגעהיילט, זיינען ווידער אויף איהם אַראַבער אָנגעפאַלען

און לאנג איז ער געלעגען קראנק. און ווען מ'האט דערהערט ביי נאכט, אז אראָבער פאַלען אָן אויף דער קאָלאָניע, האט מען געזעהען פלאַטקינ'ען, ווי ער שטעהט, זיינע וואונדען פערבאנדאזשירט, און האלט אַ ביקס אין דער האנד.

ער האט זיך אויסגעהיילט און האט גערעכענט בעזעצען זיך אין דער קאָלאָניע אלס קאָלאָניסט. די אדמיניסטראציע האט איהם דערין גוטע האָפנונגען געגעבען, אבער נאָכדעם האט זי איהם ניט געפונען פאר פאסיג דערצו (ווייל ער איז שוין אלט). איהם האט די זאך זעהר־זעהר פערדראָסען, און אין די לעצטע פאר חדשים פלעגט ער אָדומגעהן אזוי פערזאומערט: די וואונדען האָבען איהם אָבגעשוואַכט, און דאָ האט ער נאך דערזעהן, אז זיין האָפנונג צו קאָלאָניזירען זיך ווערט צו נישט.

אָבער אָט איז ה' כסלו געקומען אַ ידיעה, אז די אדמיניסטראציע האט איהם בעשטימט צו קאָלאָניזירען. נאָר די בשורה האט זיך אביסעל פערשפעטיגט... אין יענעם טאָג איז פלאַטקין געשטאָרבען.

מיט זיינע גוטע פעהיגקייטען האט פלאַטקין געקענט אויך אין ארץ־ישראל לעבען אַ גוטען און רוהיגען לעבען. ער איז געוועזען אַ אויסגעצייכענטער בוכהאַלטער, אַ אדמיניסטראַטאָר, וואס ס'איז זעלטען געוועזען צו געפינען. ער האט אָבער געוואָלט די אויפלעבונג פון זיין פאָלק, און אויפלעבען קען אַ פאָלק ניט אנדערש, ווי נאָר דורך א ר ב י י ט ע ר. און צוליעב דעם האט פלאַטקין זיין לעבען מקריב געווען.

י. בן צבי:

יעקב פלאַטקין

(זכרונות)

עס איז געווען אין אָווענד אין אַ שוהל, אין איינער פון די דרום־שטעדט. און די צייט — אַ העלדענצייט, די טעג פון רעוואָלוציע, פאָגראָמען און זעלבסטשוץ.

די שוהל איז פול מיט יונגע בחורים און מיידלאך. זעלטען וואו עס זעהט זיך אַ איד מיט אַ באָרד. ביי דער טיר פון פאָליש שטעהט אַ פיקעט: צוויי הויך־געוואקסענע בחורים היטען דעם אריינגאנג. אין זייערע בליקען שיינט אָן ערנסט און דער אויסדרוק פון דער וויכטיגקייט פון זייער אויפגאבע.

פון צייט צו צייט עפענט זיך אויף די טיר, און דער פיקעט לאָזט אריין איינציגווייז נייע מענשען. די אָנגעקומענע געהען שטיל: מען דאַרף זיין בעזונדערס פאָרזיכטיג, ווייל די שטאָדט איז אין קריעגס־צושטאנד, און די קאָזאַקען, וואס רייטען ארום איבער די גאסען, ערפילען טריי זייער פליכט און גיבען אכטונג, די „אָרדנונג" זאָל ניט געשטערט ווערען.

אַ קליין לעמפעל פערשפרייט אַ טונקעלען ליכט אינ'ם בית המדרש. עטליכע יונגע לייט רינגלען ארום שורות־ווייז די בימה — דאָס זיינען די „צעהנדליגער" פון זעלבסטשוץ. דער איבעריגער עולם שטעהט ארום זיי און הערט שטיל צו די רעדעס.

מיט אַ שטילען קול האָבען די רעדנער גערעדט וועגען דער סכנה, וועגען די מיטלען צו פערמיידען דעם אומגליק, וועגען זעלבסטשוץ. די פערזאַמעלטע האָבען אויפמערקזאם צוגעהערט. צייטענווייז האָבען זיך געטראָגען פון גאס הילכיגע קלאנ־

נען פון פערדישע קאפיטעס — דאס זיינען דעם קיסר׳ס רייטער, וואס לויערן איבער די גאסען — דאן פלעגען זיך אויף א ווײלע די רעדנער אבשטעלען; א זארג פלעגט זיך בעווייזען אויף אלע געזיכטער, און אויפגעוואכט האבען זיך די חברים פון זעלבסטשוץ, ווי מענשען, וואס גרייטען זיך צו אן אטאקע.

א שווערער וואלקען האט געשוועבט איבער אלעמען.

פלוצלונג — און א מאן פון א יאהר פערציג האט זיך דורכגעלעגט א וועג צווישען די חברים פון זעלבסטשוץ און איז ארויף אויפ׳ן בימה. פערוואונדערט זיינען געבליבען די יונגע, דערזעהענדיג דעם גוט בעקאנטען „בירגערליכען ציוניסט“, יעקב פלאטקין!

די שטימע פונ׳ם רעדנער איז הייזעריג. זיין רוסיש — א פערגרייזטער. אבער דאס פנים זיינס — פלאם, און די אויגען — פייער.

— איך בין שטענדיג געוועזן געגען אונזער אנטייל־נעהמען אין דער רוסישער רעוואלוציע — האט ער אנגעהויבען — אבער איין זאך האב איך אין אייך שטענדיג רעספעקטירט, מיינע יונגע חברים: אייערע מעשים זיינען ניט סותר אייערע רייד. האט איך אייך דערפאר מקנא געווען, און איך פלעג מיר תמיד טראכטען: ווען וועט שוין קומען דער טאג, ווען אויך איך וועל קענען ארויסווייזען מיין איבערגעבענהייט צו מיין פאלק! און איצט, ווען מיר האלטען דערביי — וועל איך בלייבען שטעהן פון דערווייטען? ביי אלץ, וואס איז מיר הייליג, ביי מיין לעבען שווער איך — מיר וועלען אלע ווי איינער שטארבען אויפ׳ן שלאכטפעלד; מיר וועלען זיך ניט לאזען פיהרען ווי שאף צו דער שחיטה, און ווען דער טייוועל וועט אנפאלען אויף אונזערע ברידער, וועלען מיר ניט שטעהן פון דערווייטענס...

און דער רעדנער האט אויפגעהויבען זיין רעכטע האנד. א הייליגער ציטער האט דורכגענומען דעם עולם. פערגעסען די גרויסע געפאהר, דעם קריעגס־צושטאנד, און פון אלעמענס הערצער האט זיך ארויסגעריסען:

— מיר שווערען! מיר שווערען!

* * *

צוויי יאהר זיינען פאראיבער.

א זומער אינדערפריה אין איינער פון די קאלאניעס אין יהודה. עס האט א קלונג געטהאן דער גלאק — די צייט פון פריהשטיק איז געקומען. נעבען דער קאלאניע האבען זיך בעוויזען עטליכע ארבייטער, וואס איילען זיך צו „כאפען א ביס“.

איך האב געפרעגט, וואו וואוינט דא מיין פריינד. מ׳האט מיר אנגעוויזען אויף א קליינעם חדר׳ל. די טיר איז געוועזן פערמאכט, אבער ניט פערשלאסען. באלד וועט ע ר קומען מיט זיינע צוויי זיהן עסען פריהשטיק.

איך בין אריין: צוויי־דריי הילצערנע גאזע־קעסטלעך. אויפ׳ן פאליצע אין א ווינקעל שטעהט א קליינע ספירט־מאשינקע, און נעבען איהר פערשידענע געשיר. א טיש, א פאר בעטען פון האלץ־קעסטלעך, אלץ ווי ביי די קאלאניע־ארבייטער.

אין א מינוט ארום זיינען זיי געקומען: ער און זיינע צוויי זיהן. ער איז זעהר פערעלטערט געווארען; דא און דארט האבען זיך שוין בעוויזען גרויע האר; זיין פנים איז געווען מיעד, אבער א בעזונדער יוגענד־גייסט שוועבט אויף איהם. נאך די בעגריסונגען האבען מיר אנגעהויבען צו שמועסען.

— צי בין איך צופרידען? ווי קען דאס גאר אנדערש זיין? יא, איך בין צופרידען, וואס איך האב „פערווירקליכט“ מיין פראגראם: איך ארבייט, איך און

מיינע צוויי זיהן. איינעם האָב איך אַרויסגענומען פון אַ שלאָסעריי־שולע און דעם אַנדערן — פון „עקסטערנעריי". איצט אַרבייטען מיר אַלע. פריהער האָב איך וועניגער פערדיענט — איך האָב געאַרבייט אין וויינגערטנער; אָבער איצט האָב איך אַ שטענדיגען פּאָסטען אין וויין־קעלער אויף דער צייט פון „וואַנדאַזש". מיינע זיהן אַרבייטען אין באַיאַרעס. וואָס קלער איך צו טהאָן? איך וויל געהן אין גליל — די אַרבייט ביי די פּלאַנטאַציעס בעפריעדיגט מיך ניט... אַ קאָלאָניסט וויל איך זיין, אַ פּראָסטער פעלאַך, איך און מיינע זיהן. ניט אַזוי, בחורים? און גיכען וועל איך אַריבערברענגען אַהער מיין ווייב און מיין טאָכטער מיט די איבעריגע קליינ־וואַרג. איך דאַרף נאָר ליקווידירען מיינע געשעפטען, וואָס זיינען דאָרט געבליבען...

און ער האָט אָנגעהויבען מאָהלען פאַר מיר זיינע האָפנונגען און חלומות.

פאַרנאַכט האָב איך איהם בעזוכט אין וויין־קעלער. מיר זיינען געזעסען איינ־איינעם און דערמאָנט זיך אַמאָליגע יאָהרען, יאָהרען פון זעלבסטשוץ און רעוואָלו־ציע, די טיפע יסורים און בעגייסטערטע מאָמענטען וואָס זיינען געווען און פאַראיי־בער... פון דער פערגאַנגענהייט זיינען מיר אַריבער צו דער צוקונפט, און מיין פריינד האָט מיר ווייטער געמאָהלען דאָס בילד פון זיין קומענדען לעבען, ווען ס'וועט צו איהם קומען זיין גאַנצע פאַמיליע און ער וועט זיך איינאָרדנען אַלס אַ קאָלאָניסט אַליין פאַר זיך, דאָרט, אינ'ם געבענשטען גליל...

די ארץ־ישראל זון האָט געשיקט צו אונז איהרע אַבשיעדס־שטראַהלען און בע־לויכטען דאָס געזיכט פון מיין פריינד, וואָס טרוימט אויפ'ן וואָהר. אין זיינע אויגען האָט זיך אַ יונגער־פייערל אָנגעצונדען און זיין קול ווערט אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער.

איך האָב איהם געפרעגט, צי איז דאָס ריכטיג וואָס מ'זאָגט, אַז ער האָט געלד־מיטלען גענוג צו קאָלאָניזירען זיך. נאָר ער האָט זיך צולאַכט, און פערקאַשערענדיג דעם אַרבעל פון זיין מיט סאַזשע פערשמוצטען אָרעם, האָט ער אָנגעוויזען אויף זיינע צוויי זיהן, וואָס האָבען זיך פון דערווייטען אומגעדרעהט איבער'ן הויף פון ווינקעלער.

— אָט דאָס איז מיין גאַנצער פערמעגען!

* * *

אין אַ האַלב יאָהר אַרום.

פאַרנאַכט, אַ טאָג פאַר פסח, בין איך געקומען אין אַ פאַרם אין גליל.

מיין פריינד האָט געאַרבייט אין יענער פאַרם. זיין וואוינונג איז געווען נאָהענט ביים גרויסען הויף פונ'ם „חאַן". ווען איך בין צוגעגאַנגען צו זיין דירה, איז מיר אַרויס אַנטקעגען זיין ווייב. שווער איז געווען זי צו דערקענען: זי איז אַראָב פון פנים, איהרע אויגען זיינען געווען רויטלעך. ביי די הענט האָט זי געפיהרט אַ קליינע מיידעלע. די פרוי האָט מיך פערבעטען אין שטוב אַריין.

— ערשט אַ וואָך אַז איך בין אַראָב פון שיף. מאָרגען איז שוין יום־טוב, און איך האָב נאָך גאָרנישט אָנגעגרייט, און די דירה...

איך האָב בעטראַכט דאָס צימער: קליין און ענג, ניט אַ קעהר צו טהאָן זיך. אויף דער נאַסער פאָרלאָגע זיינען אין אַ מיש־מאַש צוואָרפען פערשיעדענע געפעס. איך בין, ווייזט אויס, געקומען אין רעכטען מיטען פון די הכנות צום יום־טוב. אַ יונגע מיידעל האָט אויפגערוימט דאָס הויז, געוואַשען די געפעס. זי האָט מיך דערקענט און זיך אַביסעל פערשעמט, וואָס איך האָב זי געטראָפען ביי דער אַרבייט.

א סך צו ריידען איז געווען איבעריג. דער פנים פון דער פרוי האט שוין אלץ דערצעהלט. איהרע צוויי זיהן, וואס זי האט אויפגעכאוועט — וואס איז געווארען פון זיי! וויפיעל זי האט עס געהארעוועט, וויפיעל צער איבערגעלעבט צוליעב זיי און וויפיעל האפנונגען האט זי געהאט אויף זיי. קינדער געבענשט מיט טאלאנט זיינען זיי, בעזונדערס דער עלטערער... איצט איז טונקעל געווארען זיין פנים און פערברענט... זי האט געהאפט צו מאכען פון זיי ליים, אויב ניט דאקטוירים, וועלען זיי לכל הפחות ענדיגען די גימנאזיע. איצט, לויט'ן ווילען פון זייער פאטער, זיינען זיי געווארען איינפאכע פויערים. און די טאכטער! צי דען האט זי פערבראכט יאהרען אין דער גימנאזיע, כדי דא צו ווערען א פויערטע? היינט „ער“ אליין: וואו איז דאס געהערט געווארען, א מענש זאל גאר פלוצים ווערען אויף די עלטערע יאהרען א „פעלאך“... דער מענש רעכענט זיך ניט מיט זיין פאמיליע, ער האט אויף זיך אליין אויך קיין רחמנות ניט — האט זי ווייטער געזאגט מיט טרעהרען אין די אויגען — מסתמא האט איהר געהערט וועגען די וואונדען, וואס ער האט געקריגען פון די אראבער אויפ'ן וועג..... ער איז נאך איצט אויך ניט אינגאנצען געזונד, חאטש ער פערבעהאלט דאס פון אלעמען, אפילו פון מיר...

טרעהרען האבען זיך איהר געשטעלט אין די אויגען, שווער איז איהר געווען איינצוהאלטען אין זיך דעם געוויין...

„ער“ איז אריין. ער האט זיך אביסעל פערענדערט פון דער צייט ווען איך האב איהם צום לעצטען מאל געזעהן. זיין פנים איז פערברענט געווארען פון דער זון, זיינע האר זיינען גרויער געווארען. א פריהצייטיגער עלטער איז געלעגען אויף איהם. אבער דאס פייערל פון זיינע אויגען האט זיך ניט אויסגעלאשען. זיין בליק איז געבליבען לוסטיג און פריש.

— האסטו שוין געזעהען מיין פאמיליע? ביי אונז איז נאך א גרויסער מיש־מאש, אן אונארדנונג, און דא קומט אן דער יום־טוב. מיר האבען נאך קיין שטענדיגע דירה ניט; מיט גרויס מיה האב איך דערווייל דעם קליינעם צימער געפונען. אלע ארבייטער וואוינען אין הויף, פינף־זעקס אין א צימער, און איך בין אויך מיט זיי די גאנצע צייט געזעסען. איצט האב איך צוליעב מיין פאמיליע ווי עס איז געקריגען דעם חדר, אבער עסען וועלען מיר יום־טוב אינאיינעם, אין דער אלגעמיינער קיך, דארט וועלען מיר אבריכטען דעם סדר, אלע אינאיינעם.

פון זיינע רייד האט זיך געטראגען אן אינערע פרייד, א בטחון, אהן א שאטען פון יאוש, פון ענטטוישונג.

— קום, מיין טאכטער, און גיס מיר אויף!

ער האט אבגעוואשען זיין פנים, מיט די הענד.

מיט א בעזונדערער פרייד האט מיר מיין פריינד דערצעהלט, אז זיינע האפנונגען וועגען קאלאניזירען־זיך זיינען שוין נאהענט צו דער פערווירקליכונג, ער האט שוין אפילו א ווארט פון דער אדמיניסטראציע, אז אין גיכען וועט מען איהם געבען א „קאלאניזאציע“, און מיט אונגעדולד ווארט ער שוין אויף יענעם טאג...

די פרוי און די טאכטער האבען זיך אויפמערקזאם צוגעהערט צו זיינע רייד. די פרוי האט זיך בערוהיגט אביסעל, אבער דער אונצופרידענהייט...

— ווייסטו — האט זיך פלוצלונג מיין פריינד מיט בעגייסטערונג געווענדעט

צו מיר — היינטיגער טאָג איז געווען דער גליקליכסטער אין מיין לעבען. שטעל זיך פאָר: איך האָב געאַקערט מיט אַ פּאָר אָקסען, איך און מיינע צוויי זיהן נעבען מיר... מיר האָבען געאַרבייט, זאָג איך דיר, ווי אמת'ע קאָלאָניסטען. פּלוצלונג — און אָט די טאָכטער מיינע איז געקומען פון דערווייטען, און אין האַנד האַלט זי דעם פריהשטיק פאַר אונז... מיר האָבען אָבגעשטעלט די אַרבייט, און אַזוי זיינען מיר געשטאַנען ביי די אָקסען מיט'ן אַקעראייזען: דריי אידישע פּעלאַכען מיט אַ פּעלאַכקע...

ער האָט ליעבליך אַ גלעט געטהאָן זיין טאָכטער איבער'ן קאָפּ און אין זיינע אויגען האָבען זיך אָנגעצונדען פונקען פון אמת'ער פרייד:

— דער גליקליכער טאָג פון מיין לעבען — פון איהם האָב איך דאָך געטרוימט די גאַנצע יאָהרען מיינע!

אַ שוידער־נאַכט איז געווען די פּסח־נאַכט. גאָר פּלוצלונג, פאַרנאַכט, איז צו־שטערט געוואָרען דער יום־טוב. מיר האָבען געוואַרט אויף אַן אָנפאַל פון די שכנים. אַלע אַרבייטער זיינען אַרומגעגאַנגען גרופּענווייז אין הויף ביים טויער און האָבען זיך געשושקעט. די וועכטער, די רייטער ווי די פוסגעהער, זיינען געשטאַנען אויף זייער וואַך, די רעוואָלווערען און די ביקסען גרייט. אָן דעם סדר האָט מען אינגאַנצען פערגעסען.

אַ שווערער־שווערער וואָלקען האָט זיך געטראָגען אין דער לופט און האָט גע־דריקט אויף די הערצער. און אַ געפיהל פון דערביטערונג געגען דאָס אומבעוואוסטע האָט געהערשט איבעראַל.

—רבותי — האָט אַ בעקאַנטע שטים מיט אַמאָל איבערגעריסען די שטילקייט — פאַרוואָס געהט איהר אַרום ווי אבלים, דער יום־טוב קומט דאָך שוין אָן, און וואָס וועט זיין מיט אונזער „סדר"?

און זיינע איינפאַכע ווערטער האָבען געמאַכט אַ שטאַרקען איינדרוק. אַ שאָרך איז דורך דעם עולם, אַלע האָבען זיך ווי פאַרשעמט פאַר זייער שוואַכקייט.

מיין פריינד איז אַריין אין דער קיך, וואו דער „סדר" דאַרף זיין. נאָך איהם זיינען געקומען איניגע אַרבייטער. מ'האָט אָנגעהויבען בעפּוצען די ווענט מיט צווייגען און מיט בלומען, איינשטעלען די טישען, ליכט אָנצינדען. מיין פריינד איז געווען דער הויפּט־אָרדנער. פלינק און געשיקט האָט ער געטהאָן זיין אַרבייט. אַ פּאָר מינוט — און דאָס בעקאַנטע פאָלקס־ליעדעל האָט זיך געטראָגען פון דאָרט:

„יה חי לי לי יה עמלי!

די אַרבייטער האָבען זיך אָנגעהויבען צוזאַמענקלייבען אין קיך און אויך העל־פען יום־טוב מאַכען. אין שטוב איז געוואָרען ליכטיג, ס'איז לעבעדיגער געוואָרען און דאָס ליעד ווערט שטאַרק און הילכיג.

און די שטים פון מיין פריינד קלינגט אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער:

— יה חי לי לי יה עמלי!...

דער שווערער וואָלקען האָט זיך ביסלעכווייז צושטרייט....

אברהם יוסף באראל, געקומען פון ראוונא. ער איז געוועזען א וועכטער, און איז געפאלען פון א געהיימער קויל שטעהענדיג אויף דער וואך אין דער קאלאניע סעדזשערא דעם 24טען אייר ה'תר"ע (1910).

אברהם יוסף באראל

אברהם יוסף באראל איז געוועזן אן איינציגער זוהן ביי זיין מוטער, וועלכע האט אויף איהם געלייגט איהרע גאנצע האפנונגען. יונגערהייד האט ער שוין בעקומען סמיכה אויף רבנות און מען האט געהאלטען, אז פון איהם וועט ארויס א גאון.

אין איין פריהמארגען האט ער אבער איבערראשט זיין מוטער און זיין גאנצע שטאדט מיט זיין בעשלוס צו פאהרען קיין ארץ ישראל און דארטען צו ארבייטען.

ער איז געווארען אן ארבייטער אין חדרה. פאר א קורצער צייט האט ער גשווארנען די ליעבע און אנערקענונג פון זיינע חברים. וואו ער פלעגט ניט קומען, פלעגט ער אריינברענגען מיט זיך א נייעם שטראם פון לעבען.

ער האט זיך געקויפט א שטיקעל באדען אין חדרה און האט געטרוימט אראפּברענגען אהער זיין מוטער און זיינע שוועסטער, פארפלאנצען זיך א גארטען מיט מאנדלען אראנזשען און בלומען.

דערווייל איז ער אבער אוועק אין גליל און גענומען זיך צו דער וואך. דא, אין גליל, איז ער אויך אזוי שנעל בעליעבט געווארען ביי זיינע נייע חברים, ווי אין חדרה. פיער חדשים איז ער געוועזן וועכטער אין סעדזשערע, ווען מען האט איהם געמאלדען פון דעם ועד (קאמיטע) פון השומר, אז ער איז אריבערגעפיהרט פון סעדזשערע קיין יעמא. די לעצטע נאכט האט מען איהם פארגעלייגט אויסרוהען זיך, ער זאל קאנען אויף מארגען אריבערגעהן אויף זיין נייעם פאסטען. באראל האט זיך אבער ניט געלעגט שלאפען.

— „כ'וועל געבען א באקשיש (א מתנה) סעדזשערע נאך א נאכט“ — האט ער געזאגט מיט א שמייכעל.

ביז האלבע נאכט איז ער געוועזן אויסערגעוועהנליך פרעהליך און געטאנצט מיט זיינע חברים. דערנאך איז ער צוזאמען מיט זיי ארויס אויף דער וואך. עס איז געוועזן א פינסטערע נאכט. דער הימעל איז געוועזן בעדעקט מיט שווערע וואלקענס און א שטורם־ווינד האט געבושעוועט. די וועכטער זענען געוועזן אויף זייערע פאזיציעס, נעבען די אייקאליפטוס־בוימער. אין א אנדערהאלבען שעה ארום האט זיך דערהערט עפעס א שארף צווישען די בוימער. דער ערשטער איז באלד צוגעלאפען באראל. עס האט איהם געטראפען א קויל, און ער איז געפאלען טויט.

ב. אָסטראָווסקי:

א חבר'שע טרעהר

צוויי מאָהל האָב איך איהם אין מיין לעבען געזעהן, און דאָס דריטע מאָהל — —

א שטיל חנ'עוודיג אינגעל מיט שווארץ פינקלענדיגע אויגעלעך, פון הינטערן קליין חסידיש היטעלע האָבען געקרייזעלטע האָר און פאה'ליך ארויסגעקוקט. קורצע הויזעלעך מיט א לאַנג קאָרטען קאַפּאָטקע — אזוי האָט אויסגעזעהן אברהם יוסף באראַל, אָדער דער ראָוונער, ווי מ'האָט איהם גערופען, ווען ער איז קיין זוהיל געקומען, תורה לערנען.

אין גאַנצען צוועלף יאָהר אלט, אָבער זיין יונג הערצעל איז שוין דאָן אונרוהיג געווען. האָט מען אין דער ישיבה א חברה „מלביש ערומים" געגרינדעט, די אָרימע ישיבה בחורים צו בעקליידען, איז ער דער כל ולך געווען. האָט א בחור'ל קיין מיטאָג ניט געהאט — איז ער, דער ראָוונער, שוין ארומגעלאָפען פון טיש צו טיש און פרוטות געזאמעלט פאַר דעם הונגעריגען.

פרום איז ער געווען אויסערגעוועהנליך. געדאַוועגט פון א קליין וואַרשעווער סידור'על ווארט אין ווארט. דאָס גאַרטעלע ארום די לענדען שטייף פערצויגען. אָפט, זעהר אָפט אין וואַסער געגאַנגען. ווער שמועסט, אז שבת איז געקומען, איז ער כולו קודש געווען, נאָך „כעלות" אין וואַסער געגאַנגען, תהלים געזאָגט. דעם גאַנצען טאָג די פּאַטשיילע ארום האַלז ארום געבונדען און קיין דברי חול ניט גערעדט.

אָבער אפילו דאָן איז ער קיין יושב אהל ניט געווען, זיין יונגע נשמה האָט צום גאָס און נאַטור געצויגען. פלעגט ער אין די אָווענדען ביי די ברעגען פון טייך שפאַצירען, אָדער גלאָט זיצען אויף די שטיינער נעבען דער ישיבה און קוקען אויף דעם לויטערען פריהלינגס הימעל. זיינען נאָר די ספירה־טעג פאַריבער, האָט דער ראָוונער אָפּגעהיט דאָס באָדען זיך ווי דאָס דאַוונען און קריאַת־שמע. א שווימער איז ער אַן אויסגעצייכענטער געווען.

יאָהרען לאַנג האָבען מיר זיך ניט געזעהן. איך בין פערוואָרפען געוואָרען ערגיץ אין איינע פון די דרום גובערניעס, און ער, אברהם יאָסעל, נאָך אַלץ אין די וואָלינער זומפּען. די שטורעם טעג געקומען, ביידע האָבען מיר אין בעוועגונגען געארבייט, ער דאָ, איך דאָרטען — אָבער כמעט ווי ניט געהערט איינער פון צווייטען.

האָבען מיר אָבער איין מזל געהאט. האָבען ביידע אונזערע ליעבע וועגען פערלאָזען געמוזט... די אומשטענדען האָבען געטריבען — דאָן האָב איך זיך מיט איהם בעגעגענט אין א גרויסער וואָלינער שטאָדט. איך בין שוין דאָן א משמש בקודש געווען, ער זיך געשניטען אויף דעם, נאָך א טאָג, נאָך א טאָג און ער וועט אויך „ממלא מקום אביו" זיין.

ער האָט מיך איינרעדען געוואָלט, אז ער איז צופריעדען. די אפּיקורסישע יאָהרען זיינען שוין לאַנג פאַריבער. ער איז דאָך שוין עפּעס א פּראַקטישער מענש, ער איז דאָך מפרנס א גאַנצע פאַמיליע.... ווען מיר האָבען אָבער וועגען ארץ ישראל, ווע־

געז א אידישער צוקונפט גערעדט, האָב איך געזעהן אז ער האָט מיך נאַרען געוואָלט. ניין, ער איז ניט צופריעדען, אין הארצען נאָגט א וואָרעם...

„ווייסט וואס — האָט ער מיר אמאָל געזאָגט — איך מוז אהין פאָהרען. דו ווייסט דאָך — איך בין אַן אַלגעמיינער ציוניסט געווען און בין דאָס אויך איצט, איך קען שוין אַנדערש ניט זיין. נו, און א ציוניסט מוז מיט זיינע הענט דעם פאָלקס בנין בויען... מען טאָר ניט שטעהן פון וויטענס ווען עס ווערט געשאַפען פאָלקס געשיכטע... מיין אַלטע שוואַכע מוטער וועל איך אהין ברענגען. צוזאַמען וועלען מיר לעבען אויף אונזער נחלה אין אונזער אייגענעם לאַנד.“

באַלד האָט ער זיך פערטראַכט א ווײַלע און צוגעגעבען: „ניין, מיין מוטער דאַרט — טויג ניט. ארץ ישראל מוז זיין א לאַנד פאַר יונגע, ניט פאַר אלטע. איך וועל מיין פאַמיליע דאָ אין גלות פערזאָרגען. איך דאַרף אַליין אהין פאָהרען. א סאָלדאט קען ניט זאָרגען פאַר א פאַמיליע און איך וויל א סאָלדאַט זיין...“

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

און דאָס דריטע מאָל?

ווען איך בין אין ארץ ישראל געקומען, האָב איך שוין מאָך אויף זיין קבר ערגיץ אין גליל געפונען... זיין נאָמען איז שוין דאָן אין דעם העברעאישען „יזכר“ פעראייביגט געווען. פון א חבר בין איך געוואָרע געוואָרען אז זיין מוטער איז קיין ארץ ישראל געקומען. האַלב משוגע לויפט די ראָוונער שוחט'קע ארום איבער די גאַסען פון יפו און ירושלים, זוכען איהר בן יחיד.

„ער האָט דאָך געזאָגט: ער פאָהרט לעבען, ער פאָהרט בויען דאָס לאַנד... ניין, אברהם יאסעל איז ניט געשטאָרבען...“

י. ח. ברענער:

נאָטיצען

אמאָל דוכט זיך: דאָך זיינען פאַראַן מדרגות. און מיר שטייגען. — אמאָל...

פריהער איז מען געקומען און געזאָגט: השכלה. ס'איז געווען אַ גוטער סימן. אָרום אַ לעבען פון מילבען, קליינע מענשעלעך מיט קליינע השגות. אַ געזעלשאַפט פון מילבען: ווילקאָמיר, די געבורטסשטאָדט פון ליליענבלומען; דער מאַרק, די קלויז, אָדער מעקלעריי און רבנות איז געווען דאָס גאַנצע לעבען אונזערע. אפילו „תורה" איז געווען די בעסטע „סחורה"... אַ איד האָט געדאַרפט זיצען אין קלויז אָדער אין קראָם. אַ פערשימעלטע בלאָטע. פון אונטען — דערשלאָגענע, אונווי־סענדע בעלי־מלאכות, נעבען זיי קרעמער, מעקלער, פרומאַקעס; און פון אויבען — גבאים, לומדים, מגידים, משגיחים פון כל־ערליי סאָרטען — דאָס איז דאָס בילד פון דעם אידישען געהעטאָ אין יענער צייט.

די גראָבע זיילען פון דער דאָזיגער זומפיגער געביידע האָט פערטיידיגט די אידישע מילבען־געזעלשאַפט מיט אַ טעמפער אכזריות. די קוואַלען פון „רייכקייט" און פרנסה זיינען געווען די אַרענדע אויף שענקען און אויף דער טאַקסע. דער פרייז פון די „לומדים חתנים" איז געווען זעהר אַ הויכער און די אידישע טאָכטער האָט אויסגעקוקט אויפ'ן „שדכן".

דאָס ליכט פון וויסען, די פרייהייט פון'ם געפיהל, דער פייער פון גייסט, פאַר די אַלע זאַכען איז דאָך קיין פּלאַץ ניט געוועזען אין דער אידישער גאַס. אין דרווי־סען האָט געבושעוועט די פינסטערע הערשאַפט פון ניקאָליי דעם ערשטען און איג־וויניג — פערגליווערטקייט און טויט — — —

זיינען געקומען די משכילים — און אַ שטיין אַריינגעוואָרפען אין דער פער־גליווערטער בלאָטע. אַרבייט, אפילו ערד־אַרבייט האָבען זיי מתיר געווען מן התורה; זיי האָבען אויך מקיל געווען אין דער עבירה פון לערנען תנ"ך און דקדוק; זיי האָבען אויך געפריידיגט מ'זאָל זיך אויסלערנען די לאַנד־שפּראַך. אגב, האָבען זיי דערמאָהנט אַז פאַרצייטען האָט דוד המלך געליעבט מיכל'ן און דער פאַסטוך אמנון— תמר'ן; מיט זייערע מליצות געוועקט דאָס געפיהל פאַר שעהנקייט; בעלויכטען דעם תלמוד, געגאַרט נאָך פערבעסערונגען, אויסען געווען די טובה פון פאָלק — —

ס'פערשטעהט זיך, אַז פאַר דער דרויסענדיגער וועלט זיינען זיי ביי זיך שטאַרק בטל געוואָרען. און צוריק גערעדט — האָט דען אַנדערש געקאָנט זיין? סוף סוף איז דאָך דאָרט אין יענער פרעמדער ווייטער וועלט געווען שוין נאָכ'ן 18־טען יאָהר־הונדערט: זיי האָבען אַ וועלט איינגעלעגט. נאַטור־וויסענשאַפט, פילאָזאָפיע, טעכ־ניקע און פּאָעזיע און די גאַנצע לעבענס־פּראַכט... אין דער דרויסענדיגער וועלט האָט געלויכטען שילער, געטע, בייראָן, פושקין — אַלץ האָבען זיי פערמאָגט — און אינוויינינ? „מומיעם" און „ישיבות"...

„השכלה"! — געוויס. אַ גוטער סימן. די אידישע טבע צוצופּאַסען זיך — די עקזיסטענץ־געהיימניס פון דעם אידישען פאָלק בכלל — האָט אויפגעוועקט די לעצטע לעבענס־כחות. נאָר אַז אָך און וועה צו אונזערע לעבענס־כחות! אָרים, זעהר אָרים. די בעסטע קרעפטען פון דעם מומיען־פאָלק זיינען מאָגער און בעגרענעצט,

אהן טהאטען און אהן א וויטען האריזאנט זיינען געווען די משכילים אונזערע. די בעסטע פון זיי האבען פערמאגט נאר א נאאיווע אידיליע און פוסטע מליצות. די סענטימענטאלישקייט און פוסטקייט פון דער „שעהנער גלאטער שפראך".

און די ערגסטע? ס'הייסט דאס רוב פון די משכילים? דאס זיינען געווען פחדנים, קאריעריסטען און גייסטיגע קבצנים. דער רוסישער „טשינאווניק" איז געווען אין זייערע אויגען דער סימבאל פון פאלקאמענהייט, „האדון גובערנער" האט געשריבען מיט דעם ציטער פון א מלמד, ווייסט איהר ווער? דער מחבר פונ'ם „אהבת ציון". דער קנעפעל פון א „מונדיר" איז געווען דער אידעאל פון דעם משכיל ריב"ל ביז י. ל. גארדאנען. צו וואס זאלען מיר פערדיגען צו די אידען? לאמיר פערדיגען צו די ג ו י ם. דאס איז סוף כל סוף דער אויסדרוק פונ'ם משכיל'שען גייסט. דאס איז משכיליש ניט וועניגער ווי דער בעוואוסטער שענדליכער בעפעהל „היה אדם בצאתך ויהודי באהלך" — „זיי א מענש אין גאס און א איד ביי זיך אין שטוב.

און טעג פון שטורעם און שטרעבונגען זיינען יענע טעג געווען. א ביהנען־שטאק אנשטאט דעם פריהערדיגען מילבען־נעסט. אט קומען אן די אכטציגער יאהרען, אט די ערשטע פאגראמען, דער אנהויב פון דער עמיגראציע אין אמעריקא, „ניט קיין פאלק און ניט קיין געמיינדע" — נאר א צושפרייטע און פערלאזענע סטאדע וואס צולויפט זיך וואוהין די אויגען טראגען...

דאן איז אויפגעשטאנען א נייער דור און האט אויף זיין פאהן אויפגעשריבען: נאציאנאליזם. א קאמפף מיט די אסימילאטארען און מיט דער אסימילאציע. „זיי א איד אין דער היים און א איד אין גאס". ניט נעכטען זיינען מיר געבארען געווארען. א קולטור־פאלק צייט דריי טויזענד יאהר. מיר האבען א גרויסען היסטארישען עבר. אויפ'ן גרונד פון דעם עבר ענטוויקלען מיר ווייטער אונזערע נאציאנאלע ווערטען.

דאס איז די צווייטע מדרגה. נאר ווידער די זעלבע צרה. מעהר ווי נאציאנאלע טהאטען און א נאציאנאלען פראגראם האבען יענע נאציאנאליסטען געהאט סברות, טעאריעס און פלענער. מ'האט ארויסגעשלעפט די גאנצע שווערע ארטילעריע פון דער וויסענשאפט אום צו כשר'ען דעם נאציאנאליזם פון אידישען פאלק. א פאלק, ביי וועמען עס פעהלען אלע אטריבוטען פון א נאציע. גאר נישט קיין לייבטע שטיקעל ארבייט. לומדים האבען איינע די אנדערע די קעפ געשארפט אין הלכות־נאציאנאליזם און דערוויילע, אין דער צייט וואס מ'האט דעם „הכשר" געזוכט איז דאס פאלק, אונזער פאלק, אלץ מעהר צוברעקעלט געווארען, צוקראבענער און שוואכער געווארען. אהן א נאציאנאלער קולטור, אהן ארבייט, אהן א באדען אונטער זיינע פיס...

די קרעפטען פון פאלק זיינען אלץ אבגעשוואכט געווארען; די קוואלען פון דער גייסטיגער און מאטעריעלער יניקה אויסגעטריקענט; די רדיפות און צרות האבען זיך געמעהרט; די אינערליכע פערדארבענקייט און צופוילטקייט האבען זיך אלץ מעהר פערשפרייט; דאס וואסער — איבער'ן האלז...

און ווען ס'האט זיך ארויסגעוויזען אויך דער טעות פון דער מאדערנער נאציאנאלער אידעאלאגיע, איז געקומען דער י ח י ד, דער איינצעלנער פון אונזער דור מיט איין פשוטען ווארט — א ר ב י י ט.

ניט די פלאכע השכלה און די לעכערליכע סענטימענטאלישקייט פון אונזערע זיידעס; ניט די נאציאנאלע טעאריעס מיט זייערע גייסטיגע בעטגעוואנד פון אונ־

זערע פּאַטערס, נאָר אין דער אידישער א ר ב י י ט ליעגט די פערבעסערונג פון אונזער לאַגע.. די אידישע ווירקליכקייט ערוואַרטעט ניט קיין איבערקעהרעניש. זי איז צו נישטיג פאַר א רעוואָלוציע. מ׳מוז אַלץ פון אָנהויב, פון דאָס ניי אָנפאַנגען. נאָר די עלעמענטאַרע ארבייט גיט רעכט, שאַפט א געגענוואָרט. אָהן קיין שום „היה“, „זיי אזוי“ אָדער „זיי אַנדערש“. איך, דער אידישער יחיד, בין א מענש אין דערהיים, א מענש אין גאַס, ווען כ׳בעגעגען דעם פיינד... א מענש דורך מיין מענשליכער אַרבייט... איך דאַרף גאָרניט אַרויסגעהן צו דער וועלט, ווי די משכילים האָבען געלערנט, ווייל די גאַנצע וועלט איז אין מיר און איך בעשאַף עס פון ס׳ניי; איך דאַרף גאָר ניט פרעדיגען צו נאַציאָנאַלען בעוואוסטזיין און אַלץ מכון זיין לשם נאַציאָנאַליזם — ווייל מיין טאָג־טעגליכער לעבען איז פּאַקטיש נאַציאָנאַל.

איינזאַמע, געצעהלטע זיינען די דאָזיגע פשוט׳ע אידישע יחידים, נאָר זיי זיינען פאַראַן. נייע זיינען זיי: גאָר א נייער מין ביי אידען...

פון די, צוליעב וועמען דער „יזכור“ ערשיינט, האָב איך נאָר איינעם געקאָנט פערזענליך — באַראַל׳ן.

דאָס איז געווען פאַר דריי־יאָהרען. מיין ערשטען שבת אין א״י האָב איך געהאַט אין חדרה. ביי דעם אָרטיגען לעהרער האָב איך געטראָפען א קליינעם בינטעל ביכער פאַר די קינדער פון דער קאָלאָניע. ס׳איז געווען דאָס ערשטע מאָל אין מיין לעבען ווען כ׳האָב געפיהלט אַז אויך אין אונזער ליטעראַטור איז פאַראַן א נאַטירליכע בעדערפניש ערגיץ וואו אויף דער וועלט; אַז אויך צו איהר נשמה זיינען צוגעבונדען אַנדערע נשמות מיט א שטאַרקען נאַטירליכען צובונד. פאַרנאַכט ווען כ׳בין פערגאַנגען אין די אַרבייטער־וואָהנונגען האָב איך איהם געטראָפען.

ער איז געלעגען א באַרוויסער אויף איינע פון די בעטלאַך און אונטערגעברומט עפּעס א ניגון. א הויך־געוויקסיגער, א דינער און א גלייכער. אויף זיין קין א קוסטיק פון קליינע טונקעל גרויע האָר. די אויגען לויטערע און פרעהליכע, אָבגעריסען און אָבגעשליסען. די בעוועגונגען פלינקע און איילענדע.

דער געזיכטס אויסדרוק — בעסערע מענשליכקייט.

יאָ, א בעסערער מענש — כ׳האָב זיך צו איהם צוגעקוקט פון דער זייט און געטראַכט — די דאָזיגע לייט זיינען שוין מענשען. אונזערע שרעקליכע און גרויסע פגימות, אונזער אונמענשליכקייט: דאָס ניט־פערשטעהן די נאַטור, די ניט־צוגעבונדענקייט צו איין אָרט, די מיאוסע אויפגערעגטקייט, די פלאַכע בעציהונג צו יעטווידער געפיהל־זאַך — די אַלע פעהלערען ווערען אויסגעבעסערט דורך דער דאָזיגער הייפעלע מענשען. אַט זיין ליגען אויפ׳ן בעט, זיין אָברוהען פון דער אַרבייט און זיין זינגען — ס׳פיהלט זיך ביי איהם אינסטינקטען פון א ווירקליכען און נאַטירלען מענש. די איבעריגע שבחים זיינען איבעריג.

נאָר שפּעטער א ווײַלע, ווען כ׳האָב דערזעהן איהם ביים טיש, מיט וואָס פאַר אַן אַפּעטיט ער עסט זיין ברויט מיט די אָליוועז, מיט זיינע שבת׳דיגע זמירות און דער שמייכעל וואָס שוועבט אויף זיינע ליפּען — האָב איך זיך שוין ניט געקאָנט מעהר איינהאַלטען און א פרעג געטהאָן — ווער איז ער, דער יונגערמאַן?

האָט מען מיר דערצעהלט: ער איז פון וואָלינער גובערניע. זעהר א סימפּאַטישער בחור. בעליעבט ביי אַלע חברים. שוין געווען צוויי יאָהר א שוחט אין

זיין שטערטעל... איצט א גוטער פיאָנער, האָט אויסגעביטען זיין חלף אויפ'ן אַקער־אייזען, א חבר פון „הפועל הצעיר", דער לעבעדיגער גייסט פון דער גאַנצער סביבה...

— געהט, געהט! — האָט זיין קול ניט־ווילענדיג איבערגעריסען די ערצעה־לונג וועגען איהם; ער האָט שוין דיסקוטירט מיט עמיצען — ביי מיר איז דער עיקר: ניט קיין קליינע אידעלעך, ניט קיין מעקלערס, ניט קיין קרעמערלאַך. איהר פערשטעהט? די ע ה ר ע פ ו ן פ א ל ק! —

אין א קורצער צייט ארום איז באראל געוואָרען א שומר.

פון די געפאַלענע וועכטער האָב איך געקענט נאָר באַראלן; אָבער פון די אַרבייטער, וואָס זיינען געשטאָרבען ביי זייער ארבייט האָב איך פיעל מעהר געקענט. שמואלי, איינער פון די אַרבייטער וועלכע כ'האָב נאָהענט געקאַנט, איז אויך איינגעלאַדען געוואָרען צו זאָגען עטליכע ווערטער אינ'ם „יזכור" וועגען זיינע חברים וואָס זיינען געפאַלען, דערווייל איז ער אַליין געפאַלען און אויך זיין נאָמען שיינט צו זיין צווישען די אומגעקומענע.

שמואלי איז ניט דערהרגט געוואָרען — זיין הארץ איז צוריסען געוואָרען. ער האָט ניט געוואָלט בעראַטען זיך מיט א דאָקטאָר. טאָמער וועט מען איהם נאָך פערבאָטען צו ארבייטען, אוועקנעהמען ביי איהם דעם ע י ק ר פון זיין לעבען.

וואָס הייסט א שטאַרקער גייסט? דער וואָס איז בכח צו שטאַרקען אויך דעם שוואַכען קערפּער. דאָס איז די פּראָבע פונ'ם גייסט. שמואלי'ס גייסט האָט אויסגעהאַלטען די פּראָבע. דער שוואַכער גוף האָט געזאָגט: כ'בין א גבור, און איז געוואָרען א גבור...

קורץ איז געווען זיין לעבען. דרייסיג יאָהר. אָבער אַלץ וואָס דער אידישער געדאַנק האָט דורכגעמאַכט פאַר די לעצטע יאָהרען, תורה, השכלה, חסידות, סאָציאַליזם — און די לעצטע מדרגה... האָבען געפונען אַן אָבקלאַנג אין זיין האַרצען.

... חול המועד סכות אויף דער זעקסטער קאָנפערענץ פון „הפועל הצעיר," ווען ס'איז אויפגעשוואומען די אייביגע פראַגע: וואו זיינען איצט די אַלע אידישע אַרבייטער וואָס זיינען אָנגעקומען אהער מיט עטליכע יאָהר צוריק? פאַר וואָס זיינען מיר איצט פערבליבען אזא קליין הייפעלע מענשען? און פאַר וואָס עפּעס דוקא איצט ווען ס'איז פאַראַן אזא דרינגליכע באַדערפניש אין אידישע אַרבייטער זיינען זיי, די אַרבייטער ניטאָ? וואו זיינען זיי, די בעסערע זין פון אונזער פאָלק? צו איז נאָך ניט פערלאָרען אונזער לעצטע האָפנונג?

דאַן איז ער אויפגעשטאַנען — א יונגער מאַן, געגאָלט און אָבגעשאָרען ווי א סאָלדאַט, א הויכער, מיט בעוועגונגען פון א מענשען וואָס האָט זיך א סך צייט אָבגעגעבען מיט תורה, דעם קאָפּ ארומגעבונדען מיט א ווייסען טיכעל, ווי א פלח, און שטאַמלענדיג שטיל און פערשעמט, נאָר אויסגעהאַלטען קלאָר און מיט א פערביסענער עקשנות דערמאָנט זיינע חברים:

— אויב כ'וועל בלויז פינף געפינען... אפילו איין צדיק... וועל איך מוחל זיין דעם גאַנצען געגענד... אזוי האָט גאָט געזאָגט צו אברהם אבינו... מיר דאַרפען זיך ניט מיאש זיין... יעטווידער פון אונז וואָס טוט זיין ארבייט... ניט אין אונזערע הענד ליגט די גאולה פון פאָלק... ס'קאָן זיין אז דער יחסן וויל גאָר ניט קיין גאולה... אפשר וויל ער יאָ, נאָר ער האָט שוין קיין כח ניט... יעטווידער פון אונז ראַטעוועט

זיך אַליין... יעטווידער וואָס פערלאָזט די שטאָדט... דעם ווינד־און־שטויב לעבען... יעטווידער וואָס אַרבייט אין ארץ־ישראל... יעטווידערנס אַרבייט לייזט אונז אויס... שאַפט אַ באָדען אונטער אונזערע פיס... פערזיכערט אונזער עקזיסטענץ... כ׳מיין... יעדער איד... אינ׳ם זכות פון יעדערן...

אפילו איין צדיק. דאָס איז, נאַטירליך, זיין אייגענע הוספה. דער חומש פאָדערט ניט ווינציגער פון צעהן...

אפילו איין צדיק...

און ער איז געווען דער איינער פון די געצעהלטע. אַ מענש פון דער טאָגטעגליכער ווירקליכקייט וואָס קאָן און פערשטעהט דאָס לעבען און טרוימט איינצוואָרצלען זיך אויף דער ערד און טוט אַלץ וואָס ער איז נאָר אימשטאַנד צוליעב דעם און דערביי ריין און עהרליך, ריין, איידעל און שטאַרק ווי אַ פעלז. גוט און שטאַרק — אַלץ פון אינעווייניג.

אין דער פאַרם „כנרת“ האָט דער מענש געאַרבייט.

שטערבליכע, צייטווייליגע זיינען מיר, מענשען. מיר לעבען און שטאַרבען אייבער געוואַלט. פונ׳ם אונבעקאַנטען צום אונבעקאַנטען. ווי אַזוי מיר שטאַרבען איז קיין אונטערשיעד ניט, אָבער ווי אַזוי מיר לעבען — הלואי מיר זאָלען דערגרייכען צו דער מדרגה וואָס באַראַל און שמואלי האָבען דערגרייכט; יעטווידער פון זיי, לויט זיין שטייגער נאָך, איז דערהויבען געוואָרען דורכ׳ן לעבען. —

און זייערע ביינער, ווי די ביינער פון זייערע איבעריגע ברידער, זיינען פערבעהאַלטען אויף דעם ניט־גרויסען שטיקעל באָדען וואָס מיר האָבען אין גליל. איז דען די ערד פון גליל ניט הייליג?



מרדכי קאצאפ

האט געארבייט אין דער פארם כנרת; גערייניגט דעם באדען און געפיהרט די שטיינער צום ירדן. ביי דער ארבייט האט ער געקריגען א קלאפ פון א פרדה און אין א קורצער צייט ארום איז ער געשטארבען אין דעם שפיטאל אין צפת.

שמואלי

דעם 28טען אייר ה׳ תרע׳א איז ער פלוצלונג געשטארבען אין כנרת פון הארץ־פעהלער.

אין אנהויב אווענד איז שמואלי געקומען פון זיין הויז אין דער פארם, גענומען ברויט און האט זיך צוריק אומגעקעהרט אין זיין וואהנונג אין דעם מאטאר־הויז אויף דעם ברעג פון ירדן. אין א קורצער צייט ארום זענען צוויי פארביי א קאנאל פארביינעגאנגען און דערזעהן אינווייניג עפעס ווייס. מען איז צוגעלאפען צום פארם און אריינגערופען נאך מענשען. קומענדיג, האט מען געפונען שמואלי׳ן גוסס׳ען, זיין קאפ איז שוין געווען קאלט, נאר דער קערפער נאך ווארים.

שמואלי איז געווען איינער פון די בעסטע פיאנירען צווישען די ארבייטער, א מאן, וועלכער האט געקאנט זיינע טרוימען אין לעבען פערווירקליבען. זעקס יאהר האט ער געארבייט און געלעבט אין ארץ ישראל און האט א סך איבערגעטראגען אויף זיך. די ערשטע צייטען האט ער געארבייט ביי שטיינ־טעשעריי אין ירושלים, נאר צוליעב הארץ־שוואכקייט האט ער זיך געמוזט פון דער ארבייט ענטזאגען. דאן טרעפען מיר איהם אלס ערד־ארבייטער אין פערשיעדענע ערטער. דעם לעצטען יאהר האט ער געארבייט אין דער גרינס־גרופע אין כנרת.

שמואלי איז געוועזען א פלייסיגער ארבייטער און א טרעגער פון גייע שטרעבונגען און געדאנקען. זיינע שטרעבונגען, מיינונגען און האפנונגען פלעגט ער אויסדריקען אויף די שפאלטען פון דעם „הפועל הצעיר“ (אונטער דעם נאמען ממשי).

יחזקאל ניסאַנאָוו איז געבוירען געווארען אין טעמיר־חאן־שורא (קאווקאז) דעם יאָהר ה׳תרמ״ו. איינער פון די גרינדער פון דעם השומר. דעם 25־טען שבט ה׳תרע״א (1911) איז ער אויף טויט געשאָסען געוואָרען פון אראבישע הויבער פון האָרף סאראנא, נעבען דער קאָלאָניע בית־גן.

צבי בעקער :

יחזקאל ניכאנאָוו

(בלעטלעך פון זיין לעבען)

א.

איך האָב איהם נאָך געקענט פון מיינע קינדער־יאָהרען. איך בין דאָן אַ אינגעל געווען, אַ זוהן פון אַן אשכנז'ישען אידען אין דער שטאָדט טעמיר־האַן־שורא, אין דער פראָווינץ דאַגעסטאַן וואס אין קאווקאז. און ער — חאַצקעל קאווקאזער. מיינע חברים, די קינדער פון די אשכנז'ישע אידען, האָבען זיך ניט געוואָלט חבר'ן מיט איהם, „דעם ווילדען מענשען", און ער פלעגט אָנקלייבען אַ חברה אינגלאָך פון די טאַטערען און די בערג־אידען און מיט אונז מלחמה האַלטען. ס'רוב פלעגען די מלחמות זיין שבת אינ'ם שפּאַציער־גאַרטען. מיר פלעגען זיך אפילו אוועקמאַכען פון זיי, אָבער דערפאַר, ווען ער מיט זיין חיל פלעגט אונז פּאַקען, פלעגט ער אונז גוט־גוט צו'מזיק'ן.

די בערג־אידען זענען אָבגעזונדערט פון די אשכנזישע אידען און קומען מיט זיי כמעט גאַר ניט אין בעריהרונג. און דאָס האָט פערדראָסען יחזקאל'ען. עס האָט איהם געצויגען צו יענעם פרעמדען לעבען פון זיינע אשכנזישע ברידער. ענג איז איהם געווען צווישען זייניגע. ווען זיין טאַטע האָט געלעבט, פלעגט ער ארויסגעהן מיט איהם זוכען פרנסה: אינאיינעם פלעגען זיי גריבער גראָבען, האָלץ האַקען און דערפון פערדיענען זייער ברויט.

זיין מאַמע פלעגט געהן ארבייטען אין די אשכנזישע הייזער, ביי זיי וועש וואַשען. ער האָט אויך צוויי ברידער געהאט: איינער איז געווען אַ פאַרבער, דער אנדערער — אַ שניידער־געהילף. האָט יחזקאל זעהר מקנא געווען זיין ברודער דעם שניידער. — ער פלעגט עסען ביי זיין בעל הבית דעם אשכנזי און דער בעל־הבית פלעגט איהם אָנטאָן אשכנזישע מלבושים. און יחזקאל'ן פלעגט זיך אויך וועלען אַ בעל מלאכה ווערען, און אָפט פלעגט ער אַנטלויפען פון זיין טאַטען און פון זיין ארבייט, פער־ברענגען זיינע טעג ביים שניידער און בעטען זיך ביי איהם, ער זאָל איהם די מלאכה אויסלערנען, און גליקליך איז געווען יחזקאל, ווען ער האָט זי איהם ענדליך אויסגע־לערנט.

יחזקאל האָט שוין מעהר ניט צונויפגעקליבען טאַטערישע חברה'ניקעס מלחמה צו האַלטען מיט זיינע „פיינד". אַ חבר־ברודער איז ער געוואָרען מיט די שניידער־יונגען, האָט זיך פון זיי אַ פּאָר אידישע ווערטער אויסגעלערנט — ביז איצט האָט ער גאָרניט געקענט. און ווען ער איז אביסעל אונטערגעוואַקסען, און זיין ברודער צ., וואָס האָט זיך דערוויי ל אויסגעלערנט די ארבייט, האָט פערלאָזען טעמיר־האַן־שורא און איז אריבער אין אַ גרויסער שטאָדט, — האָט אויך ער אָנגעהויבען פערלאַנגען פון זיינע עלטערן, זיי זאָלען איהם אַ פּאַספּאָרט געבען, ער זאָל אין דער וועלט ארויס און ווערען אַ מענש, ווי זיין ברודער. דאָס איז געווען דאַן אַ נייע ערשיינונג אין דער פּאַטריאַרכאַלישער סביבה פון די בערג־אידען, וועלכע זענען אַלע געווען סוחרים און נאָר איינצעלנע פון זיי האָבען זיך בעשעפטיגט מיט בעאַרבייטען פעל —

פון קיין אַנדערע מלאכות האָבען זיי גאָר ניט געוואוסט. יחזקאל איז אוועקגעפאָהרען אין פּ. נאָהענט פון טעמיר־חאַן־שורא. און קומענדיג אַהיים אויף ימים־טובים צו זיינע עלטערן, פלעגט ער זיך שוין ניט אומקעהרען אליין, נאָר מיטברענגען מיט זיך נאָך חברים זיינע אין דער גרויסער שטאָדט אַריין.

אין ווערקשטאַט, וואו יחזקאל האָט געאַרבייט אין פּ. זענען געווען פיעל אַרבייטער פון פערשיעדענע שטעדט, וואָס פלעגען זיך אַ סך אַנדערצעהלען וועגען דעם שטורמישען לעבען ביי זיי אין דער היים, וועגען דער גרויסער שטאָדט באַקו, איהרע שטרייקען, דעמאָנסטראַציעס און פערשיעדענע רעוואָלוציאָנערע פּאַרטייען. יחזקאל'ן האָט דאָס אַלץ פעראינטערעסירט, נאָר ער האָט דאָס נאָך ניט אַזוי גוט בעגריפען, ווייל ער האָט רוסיש גאָר ווייניג געקאָנט. דאַן האָט ער בעשטימט צו פאָהרען אין באַקו און אליין זיך בעקענען מיט יענעם לעבען — מעג זיין וואָס עס וויל!

ב.

אין צוויי יאָהר ארום האָב איך יחזקאל'ן בעגעגענט אין באַקו. דאָרט האָט ער שוין געהאַט אַ סך פריינד און בעקאַנטע. ער איז שוין געווען דאַן אַ חבר אין דער ס. ד. פּאַרטיי, און ניט קיין חבר סתם, ניט קיין צופעליגער, נאָר אַ געטרייער, אַן איבערגעגעבענער. ער האָט געלערנט רוסיש אין די אָווענד־קורסען, און די לעהרער, וואָס זענען געווען ס. ד. איז געלונגען איהם צוציהען צו זיך. פון אידישען לעבען האָט יחזקאל האַן גאָרנישט געוואוסט. באַלד אָבער האָט ער אָנגעהויבען בעזוכען די לעקציעס פון אידישער געשיכטע, און דאָס האָט אין איהם עפּעס נייעס אויפגעוועקט. ער האָט אָנגעהויבען פרעגען פערשיעדענע קשיות זיין פּאַרטיי־אַגיטאַטאָר. און איין מאָל, ווען ער איז מיט מיר פון אַ גרויסער אסיפה געגאַנגען — דאָס איז געווען אין די צייטען פון דרייפוס־פּראָצעס — האָט מיר יחזקאל געזאָגט, אַז סוף־סוף וועט ער מוזען ארויס פון דער פּאַרטיי, ווייל זי פערענטפערט ניט אַלע זיינע פראַגען... דאָך, נאָך לאַנג האָט געדויערט, ביז ער און איך און נאָך פינף חברים פון די ס. ד. האָבען זיך ארומגעקוקט און איינגעזעהן, אַז מיר זענען אידישע נאַציאָנאַליסטען און מיר דאַרפען זיך אָנשליסען אַן דער יונגער פועלי־ציון פּאַרטיי, וואָס האָט זיך דאַן אָנגעהויבען צו גרינדען אין באַקו. אין דער ערשטער צייט ווען יחזקאל איז אַריין אין דער נייער סביבה, איז ער געווען ווי אַ מענש, וואָס האָט לאַנג ארומגעבלאָנדזשעט און צום סוף דאָך געפונען דעם ריכטיגען וועג. ער האָט מיט איבערגעבענהייט געלערנט די אידישע געשיכטע, באַלד האָט ער זיך אויך פעראינטערעסירט מיט פּאַלעסטינא. דער פעראיין פלעגט פון צייט צו צייט בעקומען ידיעות פון א"י און אונז האָט אינטערעסירט צו וויסען, ווי פערדיענט מען דאָרט, ווי געהט דאָרט דאָס לעבען. מיר האָבען געלייענט אוסישקינס „אונזער פּראָגראַם“, און דאָס בוך האָט אויף אונז געמאַכט אַ געוואַלטיגען איינדרוק. יחזקאל איז באַלד געווען גרייט, געהן אַרבייטען דאָרט די דריי יאָהר, וואָס עס פאָדערט „אונזער פּראָגראַם“ — און ארץ ישראל איז געוואָרען דער עיקר פון זיינע פערלאַנגען.

אין יענער צייט איז אויסגעבראָכען אין באַקו דער בעריהמטער פּאָגראָם אויף די אַרמענער. איך האָב געוואוינט דאַן אינאיינעם מיט יחזקאל'ן ביי אַן אַרמענער אין הויז, און פּאַר אונזערע אויגען האָט זיך אָבגעשפּיעלט דאָס שרעקליכע בילד. ניט איינמאָל האָבען די טאַטערען און די אַרמענער אָנגעשטעלט זייערע ביקסען אויף יחזקאל'ן — זיי האָבען איהם אָנגענומען פאַר אַ קינד פון אַזיען.

און ווען דער פאגראם האט זיך איינגעשטילט, בין איך מיט יחזקאל'ען ארומגעגאנגען איבער די גאסען און בעטראכט די הונדערטער הרוגים. יחזקאל האט זיך פערטיעפט אין געדאנקען, און אז איך האב איהם געפרעגט, וואס טראכט ער, האט ער מיר געענטפערט:

— ועה, די ארמענער און די טאטערען האבען דאך ביז איצט אזוי גוט געלעבט צווישען זיך... איך בין דאך אויסגעוואקסען צווישען די טאטערען... און פלוצלונג... דער ליעגט אהן א קאפ, דער אהן א האנד... מיט וואס זשע זענען מיר זיכער, אז אויך מיט אונז אידען קען אזוינס ניט פאסירען, און — ווער ווייסט, אויב ביי אונז וועלען זיך געפינען מענשען, וואס קענען פערטיידיגען זיך, ווי די ארמענער...

און פון דאן אן פלעגט יחזקאל שטענדיג מיט מיר איינ'טענה'ן, אז מיר טארען ניט וואוינען צווישען פרעמדע, מיר טארען זיי ניט טרויען. וואו זענען זיי — פלעגט ער טענה'ן — וואו זענען די אלע וואס האבען געשריען: אלע פעלקער, פעראייניגט אייך? וואוהין האבען זיי זיך בעהאלטען, ווען מ'האט דריי טעג נאכאנאנד געשלאכטען א גאנץ פאלק אין די גאסען? וואו זענען זייערע טויזענדער מענשען, וואס פלעגען קומען צו זייערע פערזאמלונגען און איצט זעהט מען זיי גאר אין גאס ניט? ניין, איך גלויב ניט מעהר אין זייערע שעהנע רעדעס... שעהנע רייד קענען ניט ביישטעהן אין צייט פון פאגראמען... וואס ס'האט מיט די ארמענער פאסירט, קען אויך טרעפען מיט אונז, אידען.

און איין מאל, ווען ער איז געקומען אין אונזער פעראיין, האט ער זיך דערוואוסט, אז זיין השערה וועגען פאגראמען אויף אידען איז מקוים געווארען. מ'האט איהם דערצעהלט וועגען קישינעוו, האמעל און נאך, און נאך...

ג.

נאכדעם האט יחזקאל מיט נאך א פאר חברים בעשלאסען צו פאהרען קיין א"י. אבער קיינער פון זיי האט קיין געלד ניט געהאט אויף הוצאות. די חברים האבען געראטען צו ווארטען, ביז ס'וועט זיך אנקלויבען די נויטיגע סומע. יחזקאל האט מיר אבער געזאגט: — מירביידע האבען דאך א זיכערע מלאכה אין האנד, און וואו מיר וועלען קומען, וועלען מיר זיך אויפ'ן לעבען פערדיענען. לאמיר־זשע ארויספאהרען פון דאנען אזוי שנעל ווי מיר קענען — וואס ס'וועט זיין זאל זיין. איך האב איהם געפאלגט, און אזוי זיינען מיר געקומען אין סעוואסטאפאל. די חברים האבען אונז בעגלייט און מיר זענען זיכער געווען, אז מיר וועלען זיך נאך זעהן אין א"י. א סך פון זיי האבען פון יחזקאל'ען גענומען א משל. מיר האבען אלע געפיהלט, אז דער היינטיגער טאג איז ניט ווי אלע טעג און אונזער חבר יחזקאל איז ניט גלייך צו די אנדערע חברים...

אין סעוואסטאפאל האבען מיר געפונען ארבייט, און באלד האבען מיר אנגעהויבען שפארען, כאטש אונזער פערדיענסט איז ניט געווען קיין גרויסער. נאר דאן האט מען אנגעהויבען רעדען אין שטאדט וועגען א פאגראם אויף אידען, ווייל די אידען האבען דארט א גרויסען אנטייל גענומען אין דער רעוואלוציאנערער בעוועגונג. דאס איז געווען א קורצע צייט פאר'ן אויפשטאנד אויף דער שיף „פאטיאמקין". דער „בונד" און די ס. ר. האבען געגרינדעט א זעלבסט־שוץ. אין איהר זענען געווען דאס רוב אידען אבער אויך א פאר קריסטען. יחזקאל האט אנגעפיהרט א שטארקע אגיטאציע געגען דעם, — מיר טארען זיי ניט גלויבען! — האט ער געזאגט, — אין

דער לעצטער מינוט וועלען זיי אונז פעראטען. און אונזער פוע״צ פעראיין, וואס האט געצעהלט 15 חברים האט געגרינדעט א בעזונדערע זעלבסט־שוץ פון 25 מענשען — 22 מענער און 3 פרויען. מיר האבען געהאט די בעסטע געוועהר, און ווייל יחזקאל איז געווען זעהר עהנליך צו אנ׳ארמענער, און אויך איך בין — לויט דער מיינונג פון די חברים — מעהר גוי איידער איד אויפ׳ן פנים — האט מען אונז אויסגעקליבען, מיר זאלען ארומגעהן צווישען דעם רוסישען המון און זיך איינהערען, וואס רעדט מען הארטען. אזוי זענען מיר אומגעגאנגען צווישען די כוליגאנעס, גערעדט מיט זיי רוסיש אין דער ארמענישער אויסשפראך און זיך דערוואוסט, וואס מיר האבען געדארפט.

צוליעב די שלעכטע צייטען איז געווארען ווייניג ארבייט אין סעוואסטאפאל — און יחזקאל איז געצוואונגען געווען אריבערפאהרען אין אן אנדער שטאדט. ער איז אוועקגעפאהרען אין יאלטא, און איך בין געבליבען אין סעוואסטאפאל. זייענדיג זעהר פערבונדען מיט זיינע פריינד, פלעגט מיר יחזקאל שיקען אפטע בריעף, און אין יעדען פלעגט ער מיך פרעגען וויפיעל האב איך פערדיענט אין דער וואך און וויפיעל האב איך אבגעשפארט אויף רייזע הוצאות. איינמאל האב איך געקריגען פון איהם א בריעף, וועלכען איך היט נאך ביז היינטיגען טאג. ער שרייבט דארט אזוי:

„טייערער חבר! שוין דריי חדשים אז מיר זענען פון באקו, און מיר האבען נאך קיין געלד ניט געזאמעלט. וואס וועט זיין דער סוף? היינט איז איינער פון די חברים פוע״צ אוועקגעפאהרען קיין א״י און איך האב איהם אזוי מקנא געווען. ווען וועלען מיר שוין קומען דערצו? די טעג האבען די פוע״צ געקריגען א בריעף פון א חבר, וואס איז אהין ניט לאנג אוועקגעפאהרען, און ער שרייבט, אז ער איז זעהר צופריעדען. ער ארבייט אין ראשון לציון אין א כרם און פערדיענט גענוג. אין גיכען וועט ער ווערען א וועכטער אין א כרם.

„מסתמא האבען אויך דארטען די אידען צרות, אבער דארט זענען מיר דאך ביי זיך אין דער היים. אה, ברודער, ווען וועט שוין קומען די צייט, ווען אויך מיר וועלען דארטען זיין, און וועלען אידישע וויינגערטנער היטען? ער שרייבט פון דארט, אז אין גיכען וועט מען איהם געבען א ביקס, פערשטעהסטו, ברודער, ווי פריי ס׳איז דארט. יעדערער טראגט זיין געוועהר. דארט איז דאך אודאי פארהאן א סך שומרים — קען מען דאך גרינדען א וועכטער־פעראיין און אלע גנבים פאקען... ווען וועלען מיר שוין האבען גענוג געלד אויף הוצאות און ווען וועלען מיר זיין גליקליך ווי יענע וויינגארטען־וועכטער?! איך וואונדער זיך, וואס דו האסט די וואך אזוי ווייניג אבגעשפארט. איך פערדיען גוט און וואלט זעהר געוואלט זיך זעהן מיט דיר. איך בענק נאך דיר זעהר. פון מיר דיין חבר חאצקעל״.

ד.

אין זיין לעצטען בריעף צו מיר פון יאלטא, פאר אונזער פאהרען קיין ארעס, שרייבט מיר יחזקאל אזוי:

„מיין חבר צבי. דיין בריעף האב איך ערהאלטען. דו שרייבסט, אז אונזער חבר ק־ן איז שוין אין אדעס און ווארט אויף אונז, מיר זאלען פאהרען אינאיינעם. ס׳ווייזט אויס, אז אונזערע חברה טהוען זייערס און זיי וועלען זיין אין פאלעסטינא נאך פאר אונז. זעהר גוט. אבער וואס קענען מיר טהון — מיר קענען דאך ניט פאהרען אהן געלד, און צווייטענס, דארפען מיר דאך גנב׳ענען דעם גרענעץ, אין דער

צייט ווען קדן האָט אַ פּאַספּאָרט. דעריבער זאָלסטו איהם שרייבען דעם גאַנצען אמת, אז מיר האָבען נאָך קיין געלד ניט און מיר קענען נאָך ניט פאָהרען. איך גלויב, אז אין אַ פּאָר וואָכען אַרום וועלען מיר שוין האָבען די מעגליכקייט צו פאָהרען. פון דעם וועכטער אין ראשון לציון האָבען מיר אָפּטע בריעף. ער שרייבט, אז דאָרט זיינען דאָ אַ סך גנבים, און ווען מיר וואָלטען געהאַט דאָרט אַ סך פון אונזערע, וואָלט מען זיי געקענט איינגאַנצען פערטרייבען פון לאַנד. ער שרייבט, אז דאָרט דאַרף מען מענשען, וואָס קענען זיך בענוצען מיט געוועהר. מיר דוכט, אז מיר זענען דאָס די, וואָס טויגען דערצו. ער שרייבט נאָך, אז דאָרט קען מען קריגען די בעסטע געוועהר און ניט טייער, דערפאַר דאַרף מען דאָ ניט קויפען. שרייב קדן, אז מיר וועלען איינגיכען קומען. זאָל ער דאָרט אנגרייטען ארבייט פאַר אונז. חבר! איך וואונדער זיך זעהר וואָס דו שרייבסט מיר, אז די וואָך האָסטו זעהר ווענינ אָבגעשפּאַרט. איך האָב אָבגעשפּאַרט גענוג. פון מיר דיין חבר, וואָס וויל דיך זעהר זעהן, חאַצקעל".

אז מיר זענען געקומען אין אַ פּאַר וואָכען אַרום אין אָדעס, איך פון ס., און ער פון יאַלטאַ, האָבען מיר זיך אָנגעהויבען פונאַנדערפרעגען וועגען דער מעגליכקייט צו פאָהרען מיט'ן שיף און בגנבה, ווייל קיין פּאַספּאָרטען האָבען מיר, ווי געזאָגט, ניט געהאַט. אָבער אין אָדעס האָט דאַן געהערשט קריעגס־צושטאַנד און קיין בעקאַנטע האָבען מיר דאָרט ניט געהאַט. יחזקאל האָט אפילו געהאַט אַ בריעף פון יאַלטאַ צו אַ חבר אין אָדעס און דער האָט אונז בעקאַנט מיט אַ'אַנדערען, וואָס האָט אונז אַ סך אַרויסגעהאָלפען. אָבער וועגען „גנב'נען די שיף" האָט אויך ער אונז גאָרנישט געקענט טאָן. זיצען און וואַרטען איז געווען אונמעגליך, ווייל ס'איז שווער געווען צו זיין אָהן אַ פּאַספּאָרט אין אָדעס אין צייט פון קריעגס־צושטאַנד. יחזקאל איז אָבער ביי זיך ניט אַראָבגעפאַלען. ער האָט אויסגעפונען אַן אַגענט, וועלכער האָט זיך אנגענומען, דורכפיהרען אונז דעם עסטרייכישען גרעניץ, און פון דאָרט — האָט אונז צוגעזאָגט דער אַגענט — איז צו קומען אין פּאַלעסטינאַ זעהר גרינג. דאָרט איז דאָ אַזאַ חברה דורך וועלכער מ'קען פאָהרען אין א"י פאַר אַ האַלבען פרייז. מיר אַלע, ווי אויך אונזער אָדעסער חבר, האָבען גאָרניט געוואוסט אין דער זאַך, און די אַגענטען האָבען געהאַלטען אין איין איינרייידען אונז און האָבען אונז געצויגען די מאַרך פון די ביינער. איך האָב געזאָגט יחזקאל'ען, אפשר איז בעסער פאַר אונז צו בלייבען אין אָדעס און דאָך וואַרטען אויף דער מעגליכקייט צו פאָהרען מיט'ן שיף, איידער אַריינפאַלען אין די הענד פון די אַגענטען, וועלכע איך האָב גאָרניט געקענט, וועלכע זענען מיר אָבער באַלד ניט געפעלען געוואָרען... נאָר יחזקאל האָט מיך ניט געוואָלט פאָלגען, אָדער בעסער — ער האָט מיך ניט ג ע ק ע נ ט פאָלגען. ער איז שוין איינגאַנצען געווען אַריינגעטאָן אין זיין נאָהענטער צוקונפט אין א"י און דעם וועכטער פון ראשון לציון האָט ער נאַכט אין נאַכט אין חלום געזעהן.

דאָס און נאָך אַ סך פון זיינע חלומות האָט ער מיר דערצעהלט. — איך האָב שוין קיין געדולד ניט צו בלייבען דאָ אפילו איין טאָג — האָט ער מיר געזאָגט — און דו ווילסט, מיר זאָלען דאָ זיצען חדשים! ניין און טויזענד מאָל ניין! און אויב ס'איז קיין אַנדער ברירה ניטאָ — קום, לאָמיר פאָהרען דורך גאַליציע!...

ה.

און אַזוי איז געווען. יחזקאל האָט געזיעגט. מיר זענען געפאָהרען דורך גאַליציע, אָבער ווי געפאָהרען! דאָס איז שוין געווען איינמאָל אַ נסיעה!

ערשטענס, האָט דער אַגענט ביי אונז צוגענומען דאָס גאַנצע ביסעל געלד. מיר האָבן אַבגערעדט, אַז ער דאַרף אונז ברענגען אין בראָדי פאַר 42 רובל און מיר האָבען איהם די געלד די געלד טאַקע בעצאָהלט בזומנים, אָבער קומענדיג צום גרענעץ, האָבען די אַגענטלעך פון דעם אַגענט בשום אופן ניט געוואָלט אונז דורכפיהרען, ביז מיר וועלען זיי ניט געבען געלד פון דאָס ניי.

דעם איינדרוק וואָס דאָס האָט געמאַכט אויף יחזקאל׳ען איז אונמעגליך צו בעשרייבען. „סטיימש — איז מעגליך רען, אַז אידען זאָלען טאָן אַזוינס זייערע ברידער, זייער אייגען בלוט און פלייש?!“ ער האָט זיך זעהר אויפגערעגט און האָט געוואָלט געהן אין שטאָדט, פער׳מסר׳ן די רויבער פאַר דער אידישער געמיינדע, נאָר אונזערע בעגלייטער האָבען איהם דערפון אַבגעהאַלטען, ווייל זיי האָבען מורא געהאַט, טאָמער וועט עס אויסגעהן צו זיי — און די אַגענטען האָבען געטאָן מיט אונז, וואָס זיי האָבען געוואָלט.

ס׳רוב פון אונזערע בעגלייטער זענען געווען פרויען און קינדער — און אָט דאָס גאַנצע בינטעל האָבען מיר געמוזט אַריבערפיהרען דורך היילען און דערנער, דורך טייכען און טייכען. ניט איינמאָל האָבען מיר זיך געדאַרפט אויסטאָן נאַקעט און טראָגען אויף זיך דעם „עולם“, כדאי איז געווען צו זעהן יחזקאל׳ען ביי דער דאָזיגער אַרבייט.

נאָר אָט זענען מיר אין לעמבערג. אין קעשענע איז קיין פרוטה ניטאָ. מיר האָבען זיך נאָכגעפרעגט, וואו איז דאָ די חברה, וואָס שיקט קיין א״י פאַר אַ האַלבער פרייז — האָט מען אונז אויסגעלאַכט. מיר האָבען געפרעגט, ווי פאָהרט מען פון דאַנען אין א״י? האָט מען אונז געענטפערט, אַז דער קירצסטער וועג איז דורך אָדעס, און פון לעמבערג דאַרף אונז די נסיעה קאָסטען ביי 50 רייניש ידען...

ביטער איז אונז געווען, זעהר ביטער. מיר זענען, פערשטעהט זיך, אָוועק אַרבייטען, אָבער ביליג איז דאַן געווען דער מענש אין גאַליציע. מאַסען אַנטלאָפענע זענען דאַן אַנגעקומען פון רוסלאַנד. הונדערטער פון זיי האָבען זיך אַרומגעוואַלגערט אין פערשיעדענע שטעדט, און ניט אַלע מאָל פלעגט אונז קלעקען דער פערדיענסט אויפ׳ן עסען, בפרט אַז ניט אַלע טאָג האָבען מיר געהאַט אַרבייט.

מיט גרויס מיה און נאָך פיעלע שוועריגקייטען איז אונז ענדליך געלונגען צו קומען אין קראָקוי. דאָ האָבען מיר בעשלאָסען בעזעצען זיך ביז מיר וועלען אָנקלייבען דאָס נויטיגע געלד צו דער נסיעה קיין א״י. מיט דער הילף פון אונזערע חברים פועלי ציון דאָרט האָבען מיר געקראָגען אונזער אַרבייט, וועלכע מיר האָבען גוט געקענט, און זיבען חדשים, זיבען שווערע, לאַנגע חדשים זענען אַריבער, ביז מיר האָבען אַבגעשפּאָרט דאָס נויטיגע געלד און זענען אַוועקגעפאָהרען.

אַזוי איז געפאָהרען יחזקאל ניסאַנאָוו פון באַקו קיין ארץ ישראל. אַ גאַנץ יאָהר האָט געדויערט זיין רייזע, אַ יאָהר פול מיט צרות, יסורים און העלדען־פאַנטאַזיעס, פאַנטאַזיעס פון אַרבייט און וואָך אינ׳ם לאַנד פון זיינע חלומות...

אבנר

האצקיל

דאס איז געווען תשרי־צייט ה'תרס"ח.

אין איינעם פון די אראנזשען־פרדסים, וואס רינגלען ארום יפו פון דריי זייטען, אין א קליין צימער אויף דעם צווייטען שטאק האב איך דאן געוואוינט.

א פאר הילצערנע „גאזע־קעסטלעך", צוזאמענגעשטעלט ביי די ווענט, האבען געדיענט אנשטאט א שרייב־טיש, בענק און ביכער־שראנק; א גרויסע אראבישע ראגאזשע האט בעדעקט די פארלאגע, און דאס איז געווען דאס גאנצע מעבעל.

שפעט ביי־נאכט. א דונקעל ליכט פון דעם קליינעם הענג־לעמפעל בעלייכט דעם צימער. אויף דער ראגאזשע אין מיטען שטוב גרופירען זיך אין אן ענגען קרייז פינף־זעקס יונגע בחורים; איינינע זיצען מיט די פיס צונויפגעלעגט אונטער זיך, אויף דעם אריענטאלישען שטייגער; אנדערע ליגען אויסגעצויגען און האלב אויסגעצויגען אויף דער ראגאזשע. אלע זיינען טיעף־טיעף פערטהאן אין געשפרעך, קיינער בעמערקט גאר ניט, ווי די נאכט לויפט פאריבער.

דאס איז געווען די ערשטע זיצונג פון דער גרופע, פון וועלכער עס האט זיך שפעטער אויסגעבילדעט דער השומר...

א מאדנעם בילד האט מיט זיך די קליינע גרופע פארגעשטעלט: דער לייטענדער גייסט האט געשיינט צו זיין דער עלטערער פון זיי — אן אויסגעשפראכענער טיפ פון א רוסישען רעוואלוציאנער: א הויכער יונג מיט לאנגע שווארצע געקרייזעלטע האר און געגאלטע וואנצעס, מיט א פייערדיגען בליק. מיט א מערקווירדיגער קראפט האבען זיינע ווערטער בעהערשט די פערזאמעלטע, חאטש זיי זיינען געווען איינפאך און ניט געקינסטעלט. מעהר פון די ווערטער האט געווירקט די גאנצע פיגור און טעמפעראמענט פון דעם יונגען מאן, וועלכער האט שוין העכער אלס דריי יאהר פערביטען דעם סטודענטען־אודיטאריום אויף דעם פיאש און אקער. זיין גייסט האט זיך דערמיט ניט בעפרידיגט, ער האט איהם געטראגען ווייטער, — און ער איז געווארען דער פאטער פון א נייעם געדאנק, און ער האט דעם געדאנק אין לעבען פערווירקליכט: ער האט געגרינדעט דעם השומר.

נעבען איהם זענען געזעסען אנדערע. דאס זענען געווען פראסטע ארבייטער — ארבייטער נאך פון דער היים. יעדער איינצעלנער איז אבער געווען א וועלט פאר זיך. אט איז א ברייט־פלייציגער, ביינערדיגער בעסאראבער בחור מיט א דורכגעטריבענעם שמייכעל אויף די ליפען. זיינע קורצע, שארפע פראקטישע בעמערקונגען ציגען ארויס א געבוירענעם שארפזינן און פלינקע פעהיגקייט זיך צו אריענטירען אין די פערוויקעלסטע סיטואציעס. אט איז גאר אן אנדער טיפ: א פעסט־געבויטער יונג מיט בלאנדע האר און בלויע אויגען מיט אונגעשיקטע בעוועגונגען. דאס איז א סיבירער יונגעל, א האלבער גר לויט זיין אבשטאמונג, אבער דאך א גאנצער ניט־צופאלעטשעטער נאטור־איד. זיינע ווערטער זענען אבגעריסענע, זיין אידיש איז א גוייאישער, אבער זיין געדאנק איז פעסט און הארט ווי שטאל. ער ווייס ניט פון קאמפראמיסען און האלבע מיטלען.

פון דער גאנצער קאמפאניע האט זיך נור איינער ווייניג וואס געמישט אין געשפרעך. דאס איז געווען א נידריגער מאגערער בחור, מיט פעך־שווארצע האר, מיט

אַ שאַרפֿען אָדלער־בליק. שטיל איז ער זיך געזעסען אַביסעל אָן אַ זייט און האָט אויפמערקזאַם זיך צוגעהערט צו אַלעם, וואָס עס איז דאָ אַרויסגעזאָגט געוואָרען. פֿיליכט האָבען איהם געשיינט צו זיין איבעריג רעדעס איבער דעם, ועגען וואָס ער האָט יאָהרען־לאַנג געטרוימט אין זיין האַרצען; און אֶפשר זענען איהם געוועזען לאַנג־וויליג ווערטער, בכלל. צו היציג איז געוועזען זיין טעמפעראַמענט, וועלכער האָט געגאַרט נאָך מעשים. אויב, אָבער, ער אַליין איז די גאַנצע צייט פערבליבען שטילשווייגענד, האָט דער קאַווקאַזישער פֿייערל אין זיינע אויגען געבערט און ענטדעקט סודות פֿון זיין נשמה.

דאָס איז געוועזען יחזקאל ניסאַנאָוו, אָדער ווי מיר פֿלעגען איהם פּראָסט רופֿען צווישען זיך — ח א צ ק י ל.

שוין באַלד צוויי יאָהר ווי ער איז געקומען צו אונז פֿון די בערג פֿון קאַווקאַז. פֿון חיפה, וואוהין ער איז אָנגעקומען, איז ער אַוועק מיט אַ גאַנצער גרופּע, וועלכע זענען מיט איהם צוזאַמען געקומען, — קיין זכרון־יעקב. אין דער קאָלאָניע האָט ער אָנגעהויבען צו אַרבייטען ביי ערד־אַרבייט.

זיין אומרוהיגער גייסט און זיין ברענענדער טעמפעראַמענט האָט איהם אָבער ניט געלאָזט בלייבען ביי געוועהנליכער ערד־אַרבייט. דער געדאַנק פֿון אידישער וואַך האָט איהם ניט געלאָזט רוהען, — און ער איז געוואָרען איינער פֿון די גרינדער פֿון השומר.

אומקעהרענדיג זיך נאָך דער יפו׳ר פֿערזאַמלונג קיין זכרון־יעקב, האָט חאַצקיל בעשלאָסען אַוועקגעהן אין גליל. דאָרטען, אין איינער פֿון די גליל׳ער פֿאַרמס, האָט זיך פֿערווירקליכט דער טרוים פֿון זיין לעבען: אידישע וואַך איז געוואָרען אַ ווירק־ליכקייט, און איינער פֿון די ערשטע אידישע וועכטער אין גליל התחתון איז געוועזען י ח ז ק א ל נ י ס אַ נ אָ ו ו.

צו דער וואַך האָט זיך חאַצקיל אָבגעגעבען מיט זיין גאַנצען לעבען, מיט דעם גאַנצען פֿייער פֿון זיין מזרח־נשמה. אַ פֿיהרער און אַ סאָלדאַט אין איין און דער־זעלבער צייט איז חאַצקיל געוועזען. קיין אַרבייט איז פֿאַר איהם נישט געוועזען שווער: אויפֿנעהמען נייע שמירות, בעאַרבייטען נייע באָדענס, אויסשטעהענדיג די גרעסטע געפֿאַהרען. חאַצקיל׳ס מוטה און ש ר ע ק ל אָ ז י ג ק י י ט איז געוועזען מוסטער־האַפֿט. ער האָט וויינג וואָס גערעדט, דערפֿאַר האָט זיך אָבער ביי איהם דער וואָרט ניט אָבגעטיילט פֿון טהאַט, וואָרום ער איז געוועזען ד ע ר מ אַ ן פֿ ו ן ט ה אַ ט.

פּסח־צייט אין דעם יאָהר תרס״ט האָב איך זיך מיט חאַצקל׳ען בעגעגענט אין גליל. פֿון דער קאָלאָניע יבנאל (יעמאַ) זענען מיר קיין סעדזשערא געגאַנגען, צוזאַ־מען מיט איינינע חברים און חברות. ווי נור מיר זענען פֿאַרביי דעם אַראַבישען דאָרף סאַראָנאַ פֿאַרבייגעגאַנגען, האָט אָנגעפֿאַנגען צו שפּריצען אַ קליינער, דריבנער רעגען — דער מלקוש (שפּעט־רעגען). אַרום אונז איז אַן אָפֿענער געגענד: בלויזע פֿעלזען מיט שיטערע בוימער, קיינע הייזער אָדער ביידלאַך זעהט מען נישט, וואו צו בעהאַלטען זיך איז ניטאָ. אַ ברירה האָבען מיר — געהען מיר ווייטער. מיר זענען שוין דורכגענעצט דורך־און־דורך. דערוויילע דערזעהען זיך פֿון ווייטען שטיי־נערנע הייזקעס פֿון דער טשערקעסישער דאָרף כ פ ר ־ ק מ ה. איך וויל שוין פֿער־סערוועו אין דאָרף אריין, כדי אויסצוטריקענען זיך אַביסעל פֿונ׳ם רעגען. נאָר דאָ האָט זיך יחזקאל שטאַרק איינגעשפּאַרט. וואָס איז? שווייגט ער. לסוף לאָזט זיך

אויס איין קליינינקייט: זיין ברודער האָט ניט לאַנג געהאַט אַ שטיקעל צוזאַמענ־שטויס מיט טשערקעסען, און האָט ביי איינעם פון זיי אַ ביקס צוגענומען, טאַקע דעם זעלבען ביקס, וועלכען ער, חאַצקיל, טראָגט יעצט אויף די פּלייצעס. פערשטעהט זיך, אַז ווען די טשערקעסען וועלען דערזעהן זייער ביקס ביי אונז, וועט אונז שוין מעהר ניט פעהלען...

דורכגעווייקטע, דורכגענעצטע האָבען מיר פאָרטגעזעצט אונזער וועג, אויסמיי־דענדיג די טשערקעסישע דאָרף, אויף אַן אָנשטענדיגער דיסטאַנץ...

די לעצטע טעג פון זיין לעבען האָט חאַצקיל פערבראַכט אין מרחביה, וואו ער האָט אַנטייל גענומען אין דער בעאַרבייטונג פון דעם נייעם באָדען. איינמאָל איז ער געפאָהרען צוזאַמען מיט נאָך אַ חבר קיין יבנאל אויף אַ וואָגען, געשפּאַנט צו מויל־אייזלען. דער וועג געהט פערביי דעם אַראַבישען דאָרף סאַראַנאַ, וועלכער שטעהט אויף אַ שפּיץ באַרג. פון דאַנען לאָזט זיך דער וועג אַראָב צו דער אידישער קאָלאָניע און דרעהט זיך אין זיגזאַגען פּונקט אַזוי ווי אַ שלאַנג ביי דעם זייט פון באַרג. אַ שטייפע ווערטיקאַלע פעלזענוואַנט הויבט זיך אויף פון איין זייט; פון דער צווייטער — לויערט אַ טיעפער אַבגרונד פון אונטען. איין פאַלשער טראַט, איין שפּרונג פון דער פרדה (מויל־עזעלטע) — און דער וואַגען מיט די פּאַסאַזשירען פאַלט באַלד אַריין אין אַ תהום.

די רויבער האָבען אַרויסגעקוקט פון אויבען פון דעם אַראַבישען דאָרף. ניט בעמערקטערהייד האָבען זיי זיך אַראָבגעלאָזען און איבערגעשניטען דעם וועג. ביי איינעם פון די ערטער, וואו דער וועג פערקערעוועט זיך, זענען זיי פּלוצלונג אַרויס־געשפּרונגען און אָנגעשטעלט די ביקסען אויף יחזקאל'ן. די צושראָקענע פרדות האָבען זיך אַ וואָרף געטהאָן, שיער דעם וואָגען ניט איבערגעקעהרט און מיט אַמאָל אָבגע־שטעלט זיך. די אַראַבישע באַנדיטען האָבען פערלאַנגט די פרדות און דאָס געוועהר.

די פאָדערונג אַליין איז שוין פאַר חאַצקלען געוועזען אַ בעליידיגונג. ווען עס פלעגט זיך אַמאָל טרעפען, אַז מען האָט ביי אַ קאָלאָניסט אוועקגערויבט אַ בהמה, פלעגט איהם יחזקאל שטענדיג פאָרוואַרפען: „דו ביזט לעבען געבליבען, און די בהמה איז ניטאָ — שעהמען מעגסט דו זיך!“

מיט אַ קללה פון פעראַכטונג האָט חאַצקיל געענטפערט אויף דער פאָדערונג. ער האָט אַרויסגעשטעלט זיין רעוואָלווער און געהייסען זיין חבר נ. אַנטרייבען די פרדות מיט אַלע כחות. אויף איין מאָמענט זענען די אַראַבער איבעראַשט געוואָ־רען פון דעם אונערוואַרטעטען ווידערשטאַנד, און זענען אַבגעטראַטען. אין אַ מינוט אַרום האָבען זיי זיך אָבער צוריק געכאַפּט און אָנגעהויבען צו שיסען פון די ביקסען. חאַצקיל האָט פון זיין זייט בעוויזען נור איין מאָל אָדער צוויי מאָל צו ענטפערן. די אַראַבישע קויל האָט איהם גלייך אין קאָפּ געטראָפען און זיין שאַרבען געעפענט. ער איז מאָמענטאַל אויף דעם דעק וואָגען געפאַלען. אין דער זעלבער צייט האָט נ. מיט אַלע זיינע קרעפטען געטריבען די מויל־עזלען, און האָט אפילו ניט בעמערקט ווי חאַצקיל'ס האַנד האָט זיך פערפּלאָנטערט צווישען דעם וואָגען און די רעדער.

ווי משוגע האָבען זיך די פרדות געטראָגען באַרג אַראָב, צו בית־גן. אין עטליכע מינוט איז שוין דער וואָגען געוועזען אין דער קליינער קאָלאָניע. ערשט יעצט האָט זיך דער חבר נ. אַרומגעזעהן, אַז יחזקאל ניסאַנאָוו איז טויט...

* * *

אַ שווערע טראַגעדיע האָט זיך אָבגעשפּיעלט ביי דעם טויטען קערפּער, בשעת חאַצקיל׳ס מוטער האָט זיך דערוואוסט פון דעם שרעקליכען אומגליק.

שטיל איז צוגעגאַנגען די אַלטע שטאָלצע אידישע טאָכטער פון קאַווקאַז צו איהר זוהנ׳ס קערפּער. קיין קרעכץ האָט זי ניט אַרויסגעגעבען, קיין טרעהר האָט זיך אויף איהרע אויגען ניט בעוויזען. אַ טויטע שטילקייט האָט אַלעמען בעהערשט.

— האָט חאַזקיאַל (יחזקאל) גענומען נקמה פון זיינע מערדער? — איז געווען איהר איינציגע פראַגע.

מען האָט איהר דערצעהלט, אַז חאַצקיל האָט פאַר׳ן טויט געשאָסען אין זיינע מערהדער און איינעם פון זיי שטאַרק פערוואונדעט.

אַ שאַרפער פייעריל האָט זיך אין איהרע אויגען אָנגעצונדען, און איהרע ליפּען האָבען שטיל געשעפּטשעט:

— ברוך השם.... ברוך השם....

צבי בארטאנאווסקי איז געוועזן אן ארבייטער אין יהודה. די לעצטע טעג האט ער געוועכטעוועט אין סעדזשערא. בשעת ער איז געגאנגען פון דער וואך האבען איהם אונבעקאנטע אראבישע רייטער פערוואונדעט און ער איז דעם זעלבען טאג געשטארבען, דעם 19־טען תמוז ה׳תרע״א (1911).

צבי באַרטאַנאָווסקי

אין דעם יאָהר ה׳תרע״א איז ער געקומען פון יהודה אין יבנאל (יעמא) אין דער צייט פון גורן (די ארבייט אויף דעם תבואה־שייער). די ארבייט אין יהודה׳ר קאָלאָניעס (ראשון און רחובות) האָט איהם ניט בעפרידיגט, און ער האָט געוואָלט אומבייטען זיין לעבען און ווערען א וועכטער אין גליל.

צוערשט האָט ער עס געוואָלט טהון אויף זיין אייגענער פעראַנטוואָרטליכקייט. ווייסענדיג, אַז דער „השומר" האָט בעשטראָפט סעדזשערא, אָראָבגעהמענדיג אויף איין יאָהר צייט די וואַך פון איהר, און אַז צו דערזעלבער צייט איז דאָס ניט קיין באַיקאָט, נור אַ שטראָף — האָט ער געוואָלט געהן פרואווען וועכטעווען דאָרט אַליין. ער האָט זיך בעראַטען מיט איינעם פון די שומרים, יענער האָט איהם ניט גע׳עצה׳ט צו געהן קיין סעדזשערא, צוליעב דער געפאַהר מצד די שכנים, וועלכע זענען געבליבען שונאים טראָץ דעם שלום־אָבמאַך, וועלכען מען האָט נישט לאַנג מיט זיי געשלאָסען (ניט אָנפרעגענדיג ביי דעם השומר).

צבי האָט אבער ניט געפאָלגט און געטהון זיינס : ער האָט זיך געשטעלט וועכטעווען אין סעדזשערא. איהם איז אָבער ניט בעשערט געווען לאַנג צו זיין וועכטער.

אין 7 טעג ארום, געהענדיג פאַרטאָג פון זיין וואַך אַהיים האָט ער פון דערווייטענס דערזעהן אראבישע רייטער, וואָס גנב׳ענען תבואה. ער איז געלאָפען גלייך אויף זיי, און זיי האָבען איהם באַלד געשאָסען און פערוואונדעט.

די וואונד איז ניט געוועזען געפעהרליך. מען האָט נור געדאַרפט איינהאַלטען דאָס בלוט. עס איז אָבער אויף דעם פלאַץ ניט געווען קיין מעדיקער. ביז מען האָט געבראַכט פון יעמא די דאָקטאָרין פון דאָרטען זענען דורכגעגאַנגען גאַנצע אַכט שטונדען.

צבי באַרטאַנאָווסקי איז איינפאַך אויסגעגאַנגען מיט בלוט.

חבר יצחק אחדותי, געבוירען געווארען אין ירושלים און האָט געארבייט אַלס זעצער אין דער דרוקעריי „האחדות“. פון ירושלים איז ער אַוועק קיין גליל און האָט זיך געשטעלט ארבייטען אין קאָאָפּעראַטיוו אין מרחביה. דעם 14־טען אייר ה׳תרע״ב (1912) איז ער אומגליקליכערוויזע אראבגעפאלען פון א וואָגען מיט תבואה און איז דער׳הרג׳עט געווארען אויף דעם אָרט.

זרבבל :

יצחק אחדותי

א לעבעדיגע, מונטערע, שטימונגספולע צייט איז דאמאלסט געווען. די פאר־טיי־בעראטונג פון פסח תר"ע האט בעשלאסען אנצוהויבען ארויסגעבען אונזער צייט־שריפט „האחדות", דעם ערשטען סאציאליסטישען ארגאן אין ארץ־ישראל, אין ירושלים, אין העברעאיש. ס'האבען זיך געוועבט חלומות פון א ברייטער קולטור־ארבייט: רעגעלמעסיג רעדען צו די ברייטערע פאלקס־מאסען אין דער שפראך פון זייערע לעבענס־נויטען און פראבלעמען, וועקען דאס בעוואוסטזיין, ארגאניזירען דעם ווילען, פערפלאנצען געזונדטע אידעען פון סאציאלען און נאציאנאלען שאפען אינ'ם באדען פון אלט־ניי־לאנד, אויפהודערען און קרעפטיגען דעם אידיש־סאציאליסטישען געדאנק... געלד איז געווען וויניג, ארבייטס־חשק און קאמפפס־שטימונג — א סך. און מיר זענען שוין צוגעטראטען צו די לעצטע פארבערייטונגס־ארבייטען פאר דער ערשיינונג פון דער צייטשריפט. מיר האבען זיך געשאפען א דרוקעריי, וואס זאל פערזיכערען די צייטשריפט, און אגב, ווערען א עקאנאמישע פאזיציע פאר די ארביי־טער אין ירושלים. ס'איז געווען דער געדאנק: קאנצענטרירען אין דער דרוקעריי א פאר פון די בעסערע ארבייטער טיפען פונ'ם אלטען ישוב, דערנעהנטערען זיי צו אונזערע קאמפפס־אידעאלען, און דורך זיי אויך בעקומען דעם צוטריט צו די בריי־טערע, אבגעשטאנענע און דערוויטערטע פון אונז ארבייטער עלעמענטען פון ירושלים. קליין איז געווען אונזער „דרוקעריי", א פאר פוד שריפט און איין קאסטען. אין א קליינעם, האלב־דונקלען צימער ביי אונזערען א חבר אין דער שכונה „זכרון משה" האבען מיר זי איינגעארדענט און לעת עתה אנגעשטעלט איין פרעמדען ארבייטער.

א מארגעם איינדרוק האט ער אויף מיר געמאכט די ערשטע טעג. א מאגערער זעכצעהן־יאהריגער בחור'ל, טאקע א ירושלימער א געבוירענער, אנגעטהאן עטוואס אויפ'ן אלטען שטייגער, אין א לענגערען רעקעל, אויפ'ן קאפ א יארמאלקע און אונטערן וועסטעל א טלית־קטן. נאר א פאר אויגען האט ער פערמאגט, שארפע, שווארצע, ברענענדע, און א ממזריש־פערשייטער בליק האט פון זיי תמיד ארויסגעקוקט. ס'האט געשיינט, ווי ער בעטראכט דיך אזוי איראניש און לאכט זיך אויס גאנץ שעלמיש פון דיר. אין דער זעלבער צייט איז דאס געווען א פרעהליכער קוק, און ס'האט זיך געוואלט גלייך ווערען מיט איהם היימיש. פון דער זייט פלעגט ער זיך צוקוקען צו אונזער חברה. אליין איז ער אויסגעוואקסען אין גאר אן אנדער אטמאספערע פון די „פאטריארכאלע" ארבייטס־בעציהונגען אין די ירושלים'ער דרוקערייען, אהן א בע־שטימטער ארבייטס־צייט, אהן א זיכערען ארבייטס־לוין און אהן שום אינטערעס צום געדרוקטען ווארט. האט ער זיך צו אונז צוגעקוקט מיט א נייגיריגקייט, שוויגענדיג, מיט'ן שמייכעל אין בליק.

די ארבייט האט אונז פערכאפט אינגאנצען; זי האט זיך געטהאן אזוי לייכט, פריי, זינגענדיג, און יצחק האט זיך געצויגען מיט זיין אונמיטעלבארער אויפריכטיגער פרישקייט און פרעהליכקייט צו אונזער חברה. אין זיין ביזאיצטיגער פערגליווערטער סביבה איז איהם געווען קאלט, אומעטיג, און ער גיט זיך אב דעם נייעם לעבענס שטראם. פערשוואונדען דער טלית־קטן, ס'האט זיך אפגערעקט דער שווארצער קאפ

האר; ער האט אנגעהויבן בעזוכן פערזאמלונגען און איז געווארען אן „אונזעריגער“. די דרוקעריי האט זיך שוין אריבערגעצויגען אין א גרעסערער דירה, ס'ארביטען שוין פינף־זעקס ארבייטער, און יצחק וואקסט צוזאמען מיט דער ארבייט. ער ווירקט אין זיין אלטער סביבה. זיינע אמאליגע חברים וואונדערן זיך אויף איהם און אינטערעסירען זיך מיט זיינע נייע חברים. ס'ברעכט אויס א שטרייק אין א דרוקעריי. דער בעל־הבית וויל ניט לאזען זיינע ארבייטער געהן בעזוכן דעם „בית העם“ און דעם ארבייטער קלוב. די ארבייטער פראטעסטירען, ווארפען די ארבייט. מ'דארף זיי ארגאניזירען, אונטערשטיצען די פאמיליאנטען, געבען ארבייט, פעראינטערעסירען די געזעלשאפטליכע מיינונג. די דרוקעריי אונזערע קומט צו נוץ. די שטרייקער קריגען דארט ארבייט. מ'לאזט ארויס אויפרופען. יצחק ווארפט זיך אריין מיט זיין גאנצען הייסען טעמפעראמענט אין דער זאך, און אין די קריטישסטע, ערנסטעסטע מאמענטען טראגט ער אריין מונטערקייט און פרישקייט.

ער טהוט אלץ וואס ס'איז נויטיג, נאר רעדען רעדט ער ווינציג. זיין בליק איז שוין ערנסטער, און דאך שטעקט נאך אין איהם א סך שטיפערישקייט. ער לייענט פיעל, ער הערט זיך צו צו אלץ, און איז פעראינטערעסירט אין דער צייטונג, זי איז זיינע, אנ'אייגענע. די צייטשריפט ערשיינט שוין וועכענטליך, און יצחק הארעוועט, זי זאל ערשיינען אין צייט. ענדיגט ער זיין ארבייט אין דרוקעריי, לויפט ער צום איינבינדער, און שפעטער העלפט ער זי פערשפרייטען.

אט קומט חנוכה. ס'איז שוין ביי אונז א מנהג פון יאהרען צו מאכען חנוכה־לאטקעס ביי אונזערן א חבר אין „גבעת שאול“ — א גרינס־קאלאניע, א שעה גאנג פון ירושלים. ווילט זיך זעהר, אז צום יום־טוב'ל זאל ארויס דער פרישער נומער „האחדות“, ס'ערשטע חנוכה־נומער. ארבייט מען ביינאכט, שטעלט מען צו נאך אן ארבייטער. מ'יאגט. די נאכט פאלט צו, דער נומער איז שוין אין פרעס. די חברים זענען אלע אוועק אין גבעת־שאול. איך בלייב ווארטען אויפ'ן נומער. יצחק איז אויך מיט מיר. נעה, חברה־מאן, רוה זיך אב. ווייס איך וואס?! גענאקט די פרישע, מיט פארב און דרוק־שמעקענדע בויגענס און מיר שפאנען צום איינבינדער. מיר נידערן אראב אין דער אלטער שטאדט, היפערן איבער פיעלע טרעפלעך, וואס פיהרען אין די שמאלע, שמוציגע, פערשאטענטע געסלעך און פליהען אריין צום איינבינדער. די ארבייטער זענען שוין אוועק, ס'איז שפעט. ערשט מארגען אין דער פריה. א פיינער עסק, כ'לעבען. מ'מוז דאך כאטש א פאר צעהנדליג נומערן גלייך פארטיג מאכען. מילא, ניטא קיין ברירה. מיר מאכען ניט קיין שהיות, ווארפען אראב די רעקלאך, פערקאשערן די ארבעל, און די ארבייט געהט אן. ביי יצחק'ן ברענט עס אונטער'ן האנד. אט קנייטשט ער די בויגענס, פאקט אריין אין דער הילע, נייהט אויף דער מאשין און בעשניידט די ברעגעס. אהער א ווארף געטהאן א וויטצעל, אהין א שמייכעל, אן אויגען־וואונק, גע'פטר'ט! מיר האבען די נומערן, און מיר לאזען זיך אוועק איליג צו גבעת שאול. צוערשט הויבען מיר זיך בארג ארויף העכער און העכער. מיר זענען פערשוויצט און לויפען. אט זענען שוין די לעצטע הייזער פון שטאדט, דער מושב זקנים, דער משוגעים־הויז — א ווייטע וועלט האט זיך אויפגעדעקט. דורכזיכטיג אוןווארם איז די חנוכה־נאכט אין ירושלים. טיעף בלויע זענען די הימלען וואס האבען זיך אויסגעשפרייט איבער אונזערע קעפ און זיי זענען אויסגעזעצט מיט מיליאנען העל־פינקעלנדע שטערען. אויף די בערג ארום און אין טאל אונטען ציינען זיך און ווינקען פייערלעך. ס'בלאזט א פרישער ווינטעל.

די ברוסט בעוועגט זיך שטאַרקער, פרייער. מיר שטעלען זיך אָב. אונטען אין טאָל ליעגט גבעת שאול. איין הויז איז מעהר בעלויכטען. דאָרט איז אונזער חברה. מ'וואַרט אויף אונז. איך גיב אַ קוק אויף יצחק'ן. ער איז אַן אַנדערער געוואָרען. אין זיינע אויגען שטראַהלט אַן ענטציקונג, אַ פרייד. אָבער דאָך געבראַכט דעם נומער! ס'איז זיין שטיק ארביים, אמת!

ס'טראָגען זיך פון אונטען זינגענדע קלאַנגען, מיר וואַרפען אַ בליק אַרום. שען און יום־טוב'דיג. מיר שפּרינגען פון איין פעלז אויפ'ן צווייטען, אַריין אין צימער, די צייטונג אין האַנד. אַ שטאַרקער, מונטערער „הידד" בעגעגענט אונז. לחיים, מ'כאַפּט אַ שנעפּסעל, האַנד צו אַקסעל, אַ ניגונ'דעל, און דער עולם איז אין ראָד. יצחק איז אַרויס פון די כלים! ניטאָ זיין שעמעוודיגקייט און שווייגעוודיגקייט. ער זינגט און טאַנצט, און מיר חדוש'ען זיך אויף איהם: פון וואַנען נעהמט זיך עס צום ירושלימ'ער בחור אַזוי פיעל לעבענס־לוסט, אַזוי פיעל פרישקייט און מונטערקייט!

ס'איז אַוועק אַ יאָהר אַנדערטהאַלבען. די לופט האָט אַ ציטער געטהון. אין רעדאַקציע פון „האחדות" בעקומען זיך טעלעגראַמען איינע דריקענדער פון דער אַנ־דערער. אין סערזשערא גע'הרג'עט אַ וועכטער. אונטערגעצונדען דעם שייער. אַנ־געפאַלען אויף אַ אידישען רייטער. אין בית־גן געוואַלט אונטערצינדען דעם שייער, אין מרחביה אונרוהיג. ס'וואַקסט אַ געפיהל פון פערדרוס, ערביטערונג. ס'ציהט דאָס האַרץ אַהין, צום גליל, נאָהענטער צו דער סכנה. ניט שטעהן פון ווייטען. ניט לאָ־זען פער'יתומ'ט די אידישע פעלדער... ס'שטיקט די שטאָדטישע לופט. ס'פאַלט די אַרבייט פון די הענד. וואָס פאַר אַ טעם האָט זי, אַז דאָרטען אין גליל ווערט פער־גאָסען אונזער בלוט, און ס'ווערען שיטערער די רייהען. דער חבר יוסף וואָס אַרבייט אין דרוקעריי, ערקלערט, אַז ער פאָהרט אין גליל צו געהן וועכטשטוען. יצחק שווייגט. נאָר זיין מאַטאָווער פּנים איז געוואָרען נאָך טונקעלער, און דאָס פייערל אין די אוי־גען שאַרפער. דורכגעגאַנגען אַ טאָג צוויי. יוסף איז שוין פאַרטיג צום פאָהרען, ערשט פלוצים — יצחק פאָהרט אויך. אין דער היים, די מאַמע — וויל ניט, זי האָט מורא. אַזאַ צייט! ווער ווייס, די שעה זאָל ניט זיין. נאָר יצחק איז אויף זיינס בעשטאַ־נען. ער קען איצט מעהר ניט פערבלייבען אין שטאָדט. ער וויל אין גליל זיין.

מיר פאָהרען צום באַהן. נו, וואָס טהוט מען, וועגדעט ער זיך צו מיר, איך וויל זיך אַ נאָמען נעבען, און קאָן ניט געפינען. האָסט זיך דאָך שוין אַ נאָמען געגעבען בן־שפרה? ס'זאָגט נאַרניט. כ'וויל עפּיס אַ נאָמען, וואָס זאָל מיר בלייבען אַ זכר פון דער לעצטער צייט, פון מיין אַרבייט מיט אייער חברה. און ווידער שיינט מיר, אַז ער איראָניזירט איבער מיר. ער שטעהט אָבער צו צו מיר. לעג איך איהם פאָר דעם נאָמען „אחדותי". ס'דערמאָנט אַן דער דרוקעריי, אַן דער צייטונג, אַן דער איי־ניגקייט פון די אַרבייטער. יאָ, ס'געפעלט איהם. מ'קלינגט אין גלעקעל, מיר צוקושען זיך, דער צוג ריהרט זיך פון אָרט, לאַנגזאָם, לאַנגזאָם, דרעהט זיך ווי אַ שלאַנג, אַ קעהר אַוועק אין אַ זייט, דער לעצטער וואַגאָן פערשוואונדען, און יצחק אחדותי איז שוין אויפ'ן וועג אין גליל.

ער איז נאָך יונג געווען, איז ער אַוועק אין דער קאָאָפּעראַטיווער אַרבייטער־גע־נאָסענשאַפט אין מרחביה. אין אַ יאָהר אַרום איז מיר אויסגעקומען צו זיין דאָרטען. אין אָוונד, ס'איז שוין נאָך דער אַרבייט, מיר זיצען אין קיך אַרום די לאַנגע טישען און מ'חאַפּט אַ שמועס איבער פאַקטען און ערשיינונגען פונ'ם אַרבייטער לעבען. דער ברומט אַ ניגונ'דעל, יענער טופּעט צו מיט אַ פוס. איך זעה יצחק'ן. ער איז אונטער

נעקומען שפעט פון פעלד. איך האב איהם כמעט ווי ניט דערקאנט. העכער געווארען, ברייטערע פּליצעס, א שטארקערע ברוסט, מענליכער, פערברענטער. א פּאר מינוט האבען מיר זיך אנגעקוקט. איך פערוואונדערט, ער שטיפעריש, און שוין קלינגט זיין זילבערנער געלעכטער און פילט אן אלע ווינקעלעך. ער איז דער ליעבלינג פון דעם קאאפּעראטיוו. א פלינקער ארבייטער, א הארציגער חבר און א לעבעדיגער יונג האט ער זיך לייכט און שנעל איינגעלעבט אין דער ארבייטער־סביבה און אריינגענומען געווארען אלס מיטגליעד אינ'ם קאאפּעראטיוו. דא, אין מרחביה, איז ער אויך געווארען אנ' אפיציעלער חבר פון דער פּארטיי. איהם ווילט זיך שטארק זיין אין ירושלים, זיך זעהן מיט די אנדערע ארבייטער פונ'ם אלטען ישוב, פעראינטערעסירען זיי מיט דעם נייעם דארפישען לעבען. ער פיהלט זיך גוט. די ארבייט שטארקט איהם פיזיש און גייסטיג. מ'דארף זעהן שיקען אהער וואס מעהר בעוואוסטזיניגע ערנסטע חברים— ס'איז דא פיעל צו טהון און ווירקען. שוין ניטא אין איהם קיין שפור פונ'ם אמאליגען זעצער. א נייער מענש. און אייגענטליך פאנגט ער דאך ערשט אן צו לעבען.

דער ערשטער מאי אין ירושלים. פערזאמלונגען ביי די תימנים, ביי די אשכנזים, א גרויסער מאס־מיטינג אונטערן פרייען הימעל, ס'איז גוט צו רעדען אין ירושלים וועגען דער נייער וועלט פון ארבייט און פרייהייט. ווייס, מיט לבנה־שיין בעגאסען, איז די נאכט, דורכזיכטיג און פריש איז די לופט. דאס ווארט פון סאציאליזם קלינגט אזוי שטאלץ אין העברעאיש, און דער עולם הערט זיך איין פערגאפט. נאך די רעדעס הילכען רעוואלוציאנערע ארבייטס־ליעדער, ס'וועקט זיך א שטארקער געפיהל פון ארבייט און שאפען, ס'וואקסט די שמחה — א מאי־נאכט אין ירושלים. און לסוף דער ארץ־ישראל'דיגער רקוד'ל. אלע האבען זיך בעהעפט און צונויפגעפלאכטען, ס'בעוועגט זיך א מענשען־כוואליע, די טענער ווערען שטארקער, די פיס ריהרען זיך פלינקער, די פנים'ער שטראהלען פון פרייד. דאס אלטע ירושלים איז פער'חדוש'ט, — נייע מענשען, נייע ליעדער, נייע צייטען — א נייע וועלט שאפט זיך. אין יפו איז דער מאי־יום־טוב ארויס נאך געהויבענער. מעהר ארבייטער, אינ'ם אייגענעם ארבייטער־קלוב, געסט־פערטרעטער פון דער אלוועלטליכער פועלי ציון בעוועגונג. איז קאנקרעטער די איינינקייט פונ'ם אידישען ארבייטער־קלאס, ווערען קלארער זיינע רעוואלוציאנערע אויפגאבען אין דער גאנצער וועלט.

פלוצים א טעלעגראם פון גליל. ס'פערכאפּט דער אטעם. יצחק אחדותי איז גע'הרג'עט. געפיהרט דעם ערשטען וואגען תבואה פונ'ם ערשטען שניט אין דער ערשטער קאאפּעראטיווער ארבייטער־גענאסענשאפט אין דעם ערשטען דארף אין עמק יזרעאל. האבען די מויל־עזלען צוטראגען בארג אראב, האט ער זיך אראבגעגליטשט אויפ'ן וועג, און די פרדות מיט'ן שווער־אנגעלאדענעם וואגען זענען איבער איהם אריבער, האט זיין בלוט פערגאסען די געשניטענע אידישע תבואה.

געלעבט—געארבייט. געשטארבען—דארף די ארבייט פארטגעזעצט ווערען. זיינע ירושלים'ער חברים זענען מקנא זיין לעבען, און זיי פערלאזען די פינסטערע שמוציגע געסלעך, די שטאדט, און זיי געהען אין גליל.

איך בין ווידער אין מרחביה. איך געה צו יצחק'ס קבר. כ'קלעטער אויפ'ן „קליינעם חרמון". אט באלד ענדיגט זיך דער אידישער באדען. איך שטייג העכער און העכער. ס'עפענט און ס'ברייטערט זיך אויס פאר מיר דער עמק יזרעאל. די בערג וואס נעהמען און צאמען איהם ארום רוקען זיך אוועק. א גרינער בליהענדער פעלד. אן ווייסט זיך א שטיין איבער מיר. איך שטעה שוין ביי איהם. פה נקבר

יצחק אחדותי... דער ערשטער אידישער קבר אין עמק יזרעאל. האָט שוין מרחביה אַן׳ אייגענעם בית־עלמין. ווערט היימישער, בעוואוינטער דער פּלאַץ. וועט זיך אַר־ ביימען געשמאַקער. וועט דאָס פערגאַסענע בלוט ניט לאָזען רוהען, און די האַנד וועט זיין זיכערער.

געשטאָרבען אחדותי. געבליבען דער נאָמען. דערמאָנט אָן דער דרוקעריי, אָן דער צייטונג. אָן דער אייניגקייט פון די ארבייטער.

אבטליון :

צווישען זאַנגען

(זכרונות וועגען יצחק אחדותי)

די נאַכט איז געווען אַ זומערדיגע, אַן אויסגעשטערענטע. אויבען איז געשוואומען אַ פולע, העלע לבנה און בעשיינט די ברייטע פעלדער פון מרחביה. ס׳האָט אַ בלאָז געטאָן אַ קיהלער ווינטעל און די פולע זאַנגען בעוועגט. אין דער לופט האָט זיך געטראָגען דער געשמאַקער ריח פון פולע צייטיגע זאַנגען, וואָס האָבען זיך חויך איבער׳ן פעלד אויפגעהויבען און זיך שוין גענומען בייגען צו דער ערד.

עס איז געווען אַ פּאָר טעג פאַר׳ן שניט.

אויף אַ קליינעם שטעגעלע, אַן אַ זייט פון דעם מרחביה׳ר ארבייטער־הייזעל, בין איך פּאַמעליך מיט יצחק׳לען ארומגעגאַנגען און געשמועסט, דערמאָהנט זיך אַמאָליגע טעג.

ס׳איז שוין געווען אַ פּאָר שעה אין דער נאַכט און דאָס קליינע מרחביה׳ר אַר־ בייטער־געזינדעל האָט שוין לאַנג גערוהט נאָך דעם הייסען שווערען ארבייטס־טאָג.

— נו, יצחק׳ל, ווי געהט עס דיר דאָ, אין מרחביה?

נאָר יצחק האָט ניט געענטפערט. בלויז אַ שמייכעל געטאָן, אַ שמייכעל פון צופריעדענהייט. מיר זענען געגאַנגען. דאָס געשפּרעך האָט אונז פערפיהרט ווייטער ווייט פון דאַנען.

אַט זעה איך איהם, יצחק׳לען, אין יענע ענגע, שמוציגע געסלעך פון ירושלים, פערראומערט, בעטריבט. ער בלאָנקט ארום איבער דער אלטער שטאָדט. ער זוכט ארבייט. שווער צו געפינען אין ירושלים. נאָר — ער געפינט. ער ארבייט. אַ פינסטערע, שמוציגע דרוקעריי. די געשטיקטע לופט וויל פער׳סמ׳ען זיין יונגינקען קערפּער, און אַ טיעפער טרויער בעהערשט איהם. נאָר אַט — נייע חברים. נייע ליעדער. אַ רוף צו אַ פרייען געזונטען לעבען ביי דער ערד פון דעם פאַטערלאַנד. און יצחק פערטראַכט זיך ניט לאַנג. עס ציהט איהם, דעם יונגען קינד פון דער אלטער שטאָדט, ארויס פון די שמאָלינקע געסלעך, ארויס צו דער פרייער נאַטור. ער איז דאָך נאָך אַזוי יונג, אַזוי פריש און מונטער. איז דען ניט זיין אָרט דאָרטען, צווישען די פעלדער?!

איך עפען אויף מיינע אויגען — יצחק׳ל צווישען די זאַנגען פון מרחביה...
די לבנה איז שוין געהאַנגען נידעריג אויפ׳ן האָריזאָנט. ווי דער ליעבער כנרת,

איז דער עמק יזרעאל געלעגן צושפּרייט און זיך שטיל געשושקעט מיט זיינע פּולע זאנגען. יצחק'ל האָט זיך צופלאַמט — שוין ניט דער יצחק פון ירושלים.

— פערשטעהסטו מיך, פריינד, ניט אזוי גרינג איז מיר אָנגעקומען, ביז איך האָב זיך צוגעפּאַסט, שווער איז געוועזן, די ארבייט א שווערע, איינגאַנצען ניט קיין בעקאַנטע פאַר מיר. די היץ גרויס — און איך בין דאָך פון א שטאָדט אָנגעקומען, פרעמד פון דאָס אלץ. אין די דושנע דרוקערייען אין ירושלים ווען האָב איך די זון געזעהן? נאַר איך האָב זיך צוגעוואוינט. איך האָב זיך מיט דער ערד פערבונדען און די אַרבייט איז מיר גרינג געוואָרען, איך האָב די זון דערשפּירט און די היץ איז מיר ליעב געווארען. איך בין שוין געווארען א בירגער, א תושב פון דעם עמק יזרעאל. און די ליידען ווען זיי קומען און די שוועריגקייטען — איך האָב צו זיי א גרויסע, א הייליגע טרייסט — אַט דאָס אַלץ איז אונזערס!

יצחק האָט א מאַך געטאָן מיט דער האנד אין דער לופטען, בעווייזענדיג די געגענד ארום. אין זיינע שווארצע אויגען האָט זיך נאָך העלישער דאָס פייער'ל אָנגעצונדען.

— און גוט איז מיר געווען ווי קיינמאָל ניט פריהער. איך האָב געפיהלט, אַז איך פערמאָג דאָס, צו וואָס איך האָב אזוי געגאַרט. נאַר — מיט אמאָל איז עס אַנדערש געוואָרען.

געווען איז דאָס אין איינער פון די ווינטער־נעכט ביי אונז. אין דרויסען איז נעגאַנגען א רעגען. אין מיין קליינעם חדר'ל זענען מיר אויף א ראגאָזשע געזעסען — עטליכע יונגע ארבייטער־חברים. מיר האָבען גערעדט וועגען ארבייט, וועגען לעבען. נאַר דאָ האָט זיך דוד דער גאַליציאַנער צופלאַמט: — וואָס ווייסט איהר, וואָס ווייסט איהר פון ארבייט? וואַרט, עס וועט קומען דער שניט און דער שייער וועט אָנגעפילט ווערען מיט אונזער פרוכט — ערשט דאַן וועט איהר פיהלען וואָס אונזער ארבייט בעטייט. דוד דער גאַליציאַנער האָט לאַנג ניט אויפגעהערט צו ריידען — ער האָט אלץ דערצעהלט וועגען דעם שניט. אלע חברים האָבען איהם גוט צוגעהערט. איך האָב איהם אָבער געפיהלט. ער האָט אין מיר עפּעס פערבאָרגענעם אויפגעוועקט. און פון דאַן אָן, מיין פריינד, רוהט אין מיר ניט מיין בלוט — זאָל שוין קומען דער שניט, זאָל ער קומען! — נאָך א פּאָר טעג און ער וועט שוין קומען.

יצחק'ל האָט אויפגעהויבען זיינע שווארצע אויגען פון די זאַנגען און אין מיר זיין יונגען דורכדרינגענדען בליק ארייגעשטאָכען.

— בלייב דאָ, בלייב דאָ מיט אונז ביז'ן שניט. דער ערשטער אידישער שניט אין דעם עמק יזרעאל, אין אונזער מרחביה. פריה, מיט'ן מאָרגענשטערן, וועל איך צו דער ארבייט ארויסגעהן, און ווען מיר וועלען אלע ווי איינער דעם גרויסען וואָגען מיט תבואה אָנפילען, — דאַן וועל איך אויבען ארויף, אין דער הויך, איך וועל נעהמען די לייצעס אין האנד און וועל פיהרען אונזער ערשטען וואָגען תבואה צום שייער.

מיר זענען נאָך לאַנג ארומגעגאַנגען אויפ'ן שטעגעלע וואָס הינטער דעם ארבייטער הייזעל. עטליכע מאָל האָט אונז מאיר'קע דער פעלדוועכטער בעגעגענט און איז אונז לאַנגזאַם טריט ביי טריט אויף זיין הויכער שטאָלצער „אצילה" פערביי געריטען.

יצחק האָט מעהר ניט גערעדט. — ס'איז שוין געווען שפּעט אין דער נאַכט. די לבנה איז שוין לאַנג פערגאַנגען. א פינסטערניש איז געהאנגען איבער'ן עמק. מיר האָבען זיך ביידע אויפ'ן דאָך שלאָפען געלעגט. איך בין נאָך לאַנג ניט איינגעשלאָ־

פען. אין מיין פאנטאזיע האבען זיך פערשיעדענע בילדער געפלאנטערט. נאר יצחק איז באלד איינגעשלאפען. איהם האט דער שארף פון די זאנגען פערהוינט...

ניך ווי דער ירדן צווישען די בערג, לויפט דורך די צייט ביי דעם ארבייטער־גליל. מיט׳ן פיאש, מיט׳ן אקעראייזען פערטרייבט מען זי דארט. און די פאר טעג זענען גיך דורכגעלאפען, ס׳איז געקומען דער שניט.

יצחק האט אויסגעפיהרט זיינס. בעגינען איז ער צו דער ארבייט ארויס. און ווען דער ערשטער וואגען איז געווען אנגעפילט, איז יצחק׳ל ארויפגעשטיגען הויך, אויפ׳ן שפיץ פונ׳ם תבואה־הויפען, האט גענומען די לייצעס אין האנד און ע ר האט געפיהרט דעם ערשטען אידישען תבואה־וואגען אין עמק יזרעאל.

אבער דער וואגען האט זיך איבערגעקעהרט. און דארט, אונטער דעם גרויסען הויפען תבואה האט זיך יצחק׳ל געזעגענט מיט זיינע חלומות אויף אייביג, אייביג...

סאחאראוו

דער פערשטארבענער האט פערבראכט איבער אכט יאהר אין לאנד ביי דער ערד ארבייט. דעם לעצטען זומער איז ער געווען א וועכטער אין די גערטנער פון ראשון לציון. תשעה באב ה׳תרע״ב (1912) האט מען איהם געפונען אן ערמארדע־טען אין זיין וועכטער־ביידעל מיט׳ן מעסער צונויפגעדריקט אין זיין טויטער האנד. דער גאנצער קערפער איז געווען שרעקליך און אכזריות׳דיג צוקאליעטשעט.

חבר משה טייך האָט פערלאָזען אלס קינד, 15 יאָהר אלט, זיין היים, גאַ־ליציען, און איז געוואָרען אַן ערד־ארבייטער אין זכרון און גליל. ראש־השנה ה'תרע"ג (1913) האָט ער געוועכטעוועט אין בורדזש, נעבען זכרון יעקב, און האָט זיך צופעליג אליין שטערבליך פערוואונדעט. אין 3 טאג ארום איז ער געשטאָרבען.

משה טייך

אויף דעם גרעניץ פון קינדהייט און יוגענד האָט מ ש ה ט י י ך פאַרלאָזען זיין געבורטסשטאָדט און זיין פאַמיליע אין גאַליציען, און פריה איז ער אוועק פון דער וועלט. פופצעהן יאָהר איז ער אַלט געווען, בשעת ער איז געקומען ארבייטען קיין ארץ ישראל, און פיער יאָהר איז ער געוועזען אין לאַנד, ביז וואַנעט זיין לעבען האָט זיך איבערגעריסען האַקט דורך אַ טראַגישען צופאַל.

טראָץ זיין פרישער יוגענד איז דער חבר משה טייך געוועזען איינער פון די בעסטע ארבייטער, מיט ליבע און זעעלע איבערגעגעבען דער ארבייט און צו די אידעאַלען פון פועלי־ציון. ער האָט פיינד געהאַט וואַנדערן פון איין קאָלאָניע אין אַ צווייטער, און האָט אויסער מלחמיה און מרחביה, פערבראַכט אין זכרון־יעקב. און דאָ, אין די פעלדער פון זכרון איז ער געשטאָרבען אויף זיין פּאָסטען, בעוואַכענדיג דעם שייער אין בורדש, נעבען דער קאָלאָניע.

עס איז געוועזען שבת פאַר טאָג, אויף מאָרגען נאָך ראש־השנה ת׳תרעג. נאָך דער נאַכט וואַך איז משה געגאַנגען שלאָפען. צופעליג האָט זיך איהם פּאַרטשעפּעט דער רעוואָלווער און פון זיך אויסגעשאָסען. די קויל איז אריין אין בויך און ארויס דורך די נירען. אַ פאַרבייגעהענדער אראַבער האָט עס דערזעהען און אָנגעזאָגט אין קאָלאָניע. מען איז געלאָפען פון זכרון קיין בורדש, עס איז שוין אָבער געוועזען צו שפּעט: אויפ׳ן וועג האָט מען געטראָפען אַ וואָגען מיט משה׳ן אין אַ געפעהרליכען צושטאַנד. משה האָט קוים בעוויזען צו דערצעהלען ווי עס האָט מיט איהם פּאַסירט.

די גאַנצע מיה פון דעם דאָקטאָר איז געוועזען אומזיסט: זונטאָג דעם 4־טען תשרי איז משה טייך געשטאָרבען נאָך שווערע יסורים.

משה איז געוועזען אַן איינציגער זוהן ביי זיינע עלטערען. זיי האָבען זיך ביי איהם געבעטען ער זאָל קומען אהיים זעהען זיך מיט זיי נאָך פיער יאָהר. ער האָט טאַקע געטראַכט וועגען דעם, דורכצופאָהרען זיך קיין גאַליציען נאָך דער ארבייט פון שייער, עס איז איהם אָבער נישט געוועזען בעשערט.

חבר מאיר חאזאנאָוויטש פון קאווקאז, איז געוועזען 8 יאהר אין לאנד. מאיר איז געוועזן פון די ערשטע און פעהיגסטע אידישע שומרים. בשעת אן אנפאל אויף מרחביה האָט איהם געטראָפען א קויל, פון וועלכער ער איז אין א פּאָר טאג ארום געשטאָרבען, ל"ג בעמר ה'תרע"ג (1913).

אהרן אסטראווסקי :

מאיר חאזאנאוויטש.

דאס ערשטע מאל האב איך איהם בעגעגענט באלד נאך זיין קומען, פארנאכט, שפאצירענדיג מיט א חבר צווישען פתח־תקוה׳ר גערטנער. זיין בילד איז געווארען אליז קלערער און בולטער ווען ער האט זיך דערנעהנטערט צו אונז אויף דעם גרויסען זאמד־וועג וואס פיהרט פון יפו קיין פתח תקוה.

זיין פיגור, זיין קליידונג, האבען איהם ארויסגעגעבען העכער און קענטיגער פון די איבעריגע : עטוואס העכער פון מיטעלען וואוקס, שלאנק און ברייטביינערדיג. זיין הויכע, גרויסע קאווקאזער היטעל, פון א מין שווארצען פוטער מיט לאנגע האר, האט איהם געמאכט מיט צוויי קעפ העכער פון אלעמען ; זיינע איידעלע שטיוועלעך אויף די פיס און די שווארצע, הארט צום קערפער צוגעפאסטע „טוזשורקע” האבען נאך מעהר בעטאנט זיין בראווען אויסזעהן. זיין פנים איז געווען פריש, לויטער און יונג.

מיר זענען זיך צוזאמענגעקומען אויף א בערגעל אין דער זייט פון וועג נעבען א שורה הויכע קאליפטוס־בוימער. דער נייער גאסט האט אויף מיר מיט מיין חבר געמאכט דעם געוועהנליכען איינדרוק, וואס עס מאכען פערשיעדענע טיפען, וועלכע קומען אן אין ארץ ישראל פון ארבע כנפות הארץ. איינער פון די אנגעקומענע געסט האט זיך געאיילט אונז איבער׳רעש׳ן מיט א נייעס, אז היינט איז אנגעקומען א שיף מיט א סך יונגע לייט. מיין חבר האט קריטיש א שאקעל געטאן מיט׳ן קאפ און האט געווארפען אויף דעם גאסט א טיעף דורכדרינגענדען בליק וואס האט געהייסען : וואס ביזטו און וואס קענסטו זיין פאר ארץ ישראל? ביזט דו א דורכפליהענדע פויגעלע, וואס שטעלט זיך דא אפ א רגע און פליהט ווייטער? אדער א פערבלאנדזשעטע טויב, וואס האט זיך אומגעקערט צו איהר טויבענשלאג? מאיר האט דעם בליק גוט פערשטאנען, און מיט א דרעה פון זיין רעכטען אקסעל, א קוק אויף די טאלען און בערגלאך בעוואקסענע און פערפלאנצטע, האט ער צוריקגעוויזען און פערטריבען יעדען חשד אין שוואכקייט און אונענטשלאסענהייט.

אין דעם דונקלען בין השמשות, צווישען הויכע פלויטען פון אקאציעס זענען מיר, די גאנצע חברה, געגאנגען צו דעם גאסט׳ס אלטען חבר פון באקו. דער גאסט האט דערצעהלט וועגען זיין ארבייט אין זיין ארגאניזאציע, וועגען מיטינגען דורכגעפירטע מיט גוואלד אויף צו להכעים דער רעגיערונג און פערבלאנדזשעטע אידישע ארבייטער ; וועגען זיין לעבען צווישען די גויים, און זיין ענדליכען בעשלוס צו פאהרען קיין ארץ ישראל : עס איז איהם שווער געווען זיין אפען צווישען די גויים, ד א ס ו ו א ס ע ר א י ז, און ער איז אוועקגעפאהרען דעריבער קיין ארץ ישראל. אין זיינע ווערטער האט זיך געפיהלט די גאנצקייט פון א געזונטער נשמה אין א געזונטען קערפער.

נאך א פערלויף פון א יאהר האב איך איהם געטראפען זומער־צייט אלס ארבייטער אין מטולה *), וואו איך האב אויך א שטיקעל צייט געארבייט. פארנאכט פלעגען מיר זיך צונויפקומען אויף דעם שטיינערנעם ברייטען וועג אין מיטען דער

*) א קאלאניע אין אויבערשטען גליל.

קאַלאַניע. אָפט פלעגן מיר זיך אוועקזעצן אויף דער געמויערטער וואַנט, וואָס צוימט אָפּ און בעפעסטיגט די קאָלאָניע, און דער שמועס פלעגט אַנגעהן איבער די טשערקעסן־וועכטער פון קאָלאָניע, דעם שומר וועלכער איז ניט לאַנג דערשאָסן געוואָרן פון זיין אייגענער ביקס, וואָס האָט נאַטירליך ארויסגערופן טויזענד פרושים און איבער דער שאַנדע פון פרעמדער שמירה. מאיר פלעגט אויסברעכן פון צייט צו צייט מיט אַ כעס און בייזע ווערטער און פאַרשעלטן דעם געביין פון די שוואַכלינגע, וואָס ערנידריגען אונז אין די אויגען פון אַלעמען. נאָר מעהר פון אַלעם פלעגן מיר ריידען וועגן די אַנפאַלען פון די דרוזען אויף דער קאָלאָניע אין פערשיעדענע צייטען און וועגן דעם העלדען־טויט פון די אידישע פיאָנערען־קעמפפער פון מטולה.

פון וויטענס, דורך אַ לייכטען בלוילעכען נעבעל אין צפון האָבען ארויסגעקוקט צוויי ווייסע שנעע פאַסען פון דעם ח ר מ ו ן און ל ב נ ו ן. לינקס פון זיי, נעהענטער צו אונז — אַ גרויסער דאָרף וועמעס שייכ׳ס האָבען גע׳שמ׳ט פאַר גרעסטע העלדען פון געגענד. אין מזרח זענען געלעגען מיט לאַנגע שורות העכערע און ניעדעריגערע בערג פון ג ל ע ד, תמיד בעדעקטע מיט גרויען נעפּעל ווי מיט אַ לעגענדאַרען טרוים. און פון דרום האָבען אונז שטילע ווינטעלאך געשעפּצעט גרוסען פון אונזערע חברים, וואָס זענען צוזייט איבער אַלע קאָלאָניען פון גליל און יהודה... דאָס אַלעם האָט געצויגען און גערופען דאָס יונגע הארץ צו נעהמען אַנטייל אין דעם גרויסען נאַטור קאַמפּף פון לעבען און האָט צוגעזאָגט אונענדליכען גליק. עס האָט זיך געוואָלט זיין ש ט אָ ל ץ א ו ן מ ע כ ט י ג ו ו י ד ע ר ח ר מ ו ן א ו ן ל ב נ ו ן.

אויף אַ הויכער קופּע תבואה אונטער׳ן טיעף בלאָהען, אויסגעשטערנטען הימעל, אין דער אינטימער שטילקייט פון דער היימישער נאַטור האָט מאיר געוועבט זיינע פאַנטאַזיעס וועגען אַ לעבען פון גבורות און העלדישקייט, טרוימען וועגען אַ יונגען קרעפטיגען, פייל־געשווינדען „פעגאַס“ *) און זיך — אַלס זיין רייטער און זיעגער, מעכטיג מיט כח און געוועהר, מיט אַ דונערנדער שפּראַך פון אַ נביא און הערשער צוזאַמען, פאַר אַלעמען — פאַר אידען און אַראַבער...

שעה׳ן לאַנג פלעגן אוועקגעהן אין די שעהנע פלענער און איך פלעג אימער דערמאָנען די ווערטער פון ביזאַנען: „דער שעהנסטער נצחון, וואָס דער מענש האָט דערגרייכט, איז דער נצחון איבער׳ן פערד“. און דאָס יונגע אידישע הארץ, וואָס פיהלט די שעהנקייט פון דער נאַטור און פון דעם מענשענס נצחונות איז געוואַקסען פון טאָג צו טאָג אין מיינע אויגען.

אַ מתנה האָט מיר מאיר געשענקט אין יענע גליקליכע שטונדען, אַ ניגון, וועלכער האָט זיך געזונגען אָהן אויפהער, ווי נור מען האָט איהם אָנגעפאַנגען און האָט זיך געצויגען אין אַ מאָנאָטאָנער הערצליכער התלהבות, אויסדריקענדיג אַ טיעפע בענקשאַפט צו דעם גרויסען מענשליכען נצחון פון פרייהייט, און טריי האָב איך דעם ניגון געטראָגען צו אַלע פיהלענדע הערצער איבער גליל און יהודה.

האָס דריטע מאָל האָב איך איהם געזעהן אין יבנאל (יעמאַ) וואוהין איך בין געקומען פון דגניה אויף מיין פערד וועגען אַ נויטיגען עניין. דאָס ערשטע איז, נאַטירליך, געווען געהן זעהן זיין „אסיליע“ („אצילה“ — אַ יחוס־פערד ביי די אַראַבער). די „אַסיליע“ איז געווען זעהר שלאַנק, הויך און האָט געהאַט אַ וואונדערבאַרען קאַ־

---

*) אַ לעגענדאַרער פערד מיט פליגלען.

ליר. צערטליך גלעטענדיג זי איבער'ן האלז אלס אן ענטפער אויף איהר דרעה און סנארען מיט דער נאָז, וועגדעט ער זיך צו מיר מיט א קענטיגער פרייד: „נו, וואס זאָגסטו?“ און ניט ווארטענדיג אויף מיין ענטפער האָט ער מיר גלייך אויסגע־חשבונ'ט איהר גאנצען יחוס־אבות. ער האָט אראפּגענומען פון איהר די דריי־פוסיגע פענטע און האָט זי ארויסגעפיהרט פאר מיר אין הויף. די אַסיליע האָט געשטעלט איהרע טריט עלעגאנטיש און קאָקעטיש, ווי די עכט ערצויגענע סאלון־פריילין אין אַ טאנץ, און איהר פעררים סענעם קאָפּ מיט אויפגעשטעלטע אויערען און ברייט־אָפענע בלויע אויגען האָט זי געדרעהט אין אלע זייטען גלייך ווי זי וואָלט וועלען זעהן דעם פרייד־אויסדרוק פון איהרע ליעבהאבער. זי האָט זיך בעוועגט אין אַ מאַיעסטעטי־שער דעקאָדענס. מאיר האָט באמת הנאה געהאט פון איהר שעהנקייט. ער האָט ניט פערלארען קיין איינציגע בעוועגונג איהרע, ער האָט זיך פערגעסען אויף דעם שעהנעם ליכטיגען טאג, אויף מיר, און, געוויס, אויך אויף זיך אליין...

ווען נאָך אַ קליינעם „דור“ (שפּאַציער) איבער די פעלדער, זענען מיר פארטאָג געקומען צום שטוב, האָט מאיר אויסגעשפּרייט אַ ראגאזשע אויף דער טערראסע און זיך גענומען זידען קאַפע אויף דעם שוואכען פייער פון אן אלטמאָדישער ספּירט־מאַשינקע. אין מזרח, פון אונטער די בערג, האָט זיך אויפגעהויבען דער מאָרגען שטערען און מיט זיין ווייט שלאָגענדער שיין האָט ער געזוכט צו טרעפען די סודות פון דער נאכט. מאיר האָט פערצויגען דעם אראבישען „יאַ לייל“ (די נאכט), וועלכער האָט זיך געצויגען ווייט איבער די פעלדער און טהאָלען און איז פערלארען געווארען צווישען די בערג אין דער פארטאָגעדיגער פינסטערניש. ארומגעוויקעלט מיט זיין שווארצער אבאיע (אראבישער מאַנטעל), מיט דעם אגאל (אַ וואָלענער בייגעל) און קעפיע (אַ קאָפּ־טוך) פערבונדען דעם קאָפּ, זיצענדיג אָנגעשפּארט אין דער וואנט האָט ער אָנגעהויבען דעם שיר מיט אַ לאנגזאַמען, רוהיגען, שטילען טאָן. דער „יאַ־ליל“ האָט זיך איבערגע'חזר'ט נאָך יעדען פערז און האָט אויסגעדריקט אלע וואונדער פון דער מיסטישער נאכט: היינטיגס מאָהל האָבען די פערזען געקלונגען אזוי: „איל קאמער חיזום, איל פּאראס סעהריע, ולמארא אמטיע“, די דריי וואונשען פון דעם בעדואינער: „די לבנה זאָל שטענדיג שיינען ווי אַ ציערונג אין הימעל, די אסיליע מונטער און די פרוי געהארכזאם“. יעדער וואונש האָט זיך ארומגערעדט אין אַ בעזונדער פערז, וועלכער האָט זיך פערבונדען מיט דעם צוזאנג אין דעם זעלבען אונאויפהערליכען, מאָנאָטאָנעם ניגון, וועלכער איז אָבער געוואקסען אין קראַפט פון דעם ערשטען וואָרט פון פערז ביז דעם לעצטען וואָרט פון צוזאנג און האָט פער־כאפּט דעם אטעם פון זינגער און צוהערער מיט די לעצטע אויסגעצויגענע, פער־לארענע אין דער טיעפער שטילקייט, טענער.

פערטראכט בין איך געזעסען און עס האָט זיך מיר געדאכט צו זעהן אן עכטען אראבישען עקסטאטיק, לויט זיין שפּראַך, געפיהלען און אידעען, און אַ יאוש האָט מיך אָנגעכאפּט: איך האָב זיך געפרעגט, אויב מאיר'ס פאַנטאַזיעס פון מטולה, וואס זענען געוועבט אזוי נאאיוו און מיט אזעלכע שעהנע געפיהלען, הויבען זיך ניט אָן צו פערווירקליכען, און אויב אַ געזונטער מענש, וואס פאָדערט אַ גאנצען נאַטירליכען לעבען מוז ניט איבערלאָזען הינטער זיך אונזער צובראָכענעם פערקריפּעלטען לעבען, אום צו זוכען אַ תקון פאר זיך אין פ ר ע מ ד ע פ אָ ר מ ע ן...

איך בין געווען ווייט פון ארץ־ישראל, ווען די צייטונגען האָבען מיר געבראכט די טרויעריגע ידיעה פון מאיר'ס טויט און איך האָב איהם פּלוצים דערזעהן אין אן

ארעאל פון הייליגקייט און ריינקייט, וואס וועט אייביג שטעהן פאר מיינע אויגען. און איך האב קלארער ווי אלע מאל פערשטאנען, אז דער געזונטער מענש, דער גבור, שפאלט א ים פון ווידערשפרוכען, טראגענדיג אין זיך פערבארגען א הייליגען און פאלקאמען ציעל, וועלכער איז אונזיכטבאר פאר דער אויג פון דעם געוועהנליכען בע־אבאכטער: אונזערע ציעלען זענען צו הויך, אונזערע מיטלען צו קליין, און ניעדריג ביי דער ערד, אונזער בליק צו פלאך און שוואך, און שווער איז אונז צו זעהן און פערשטעהן די שעפפערישע קראפט בשעת יצירה.

נור דער שעפפערישער, בזיענדער כח קען גובר זיין די שוויריגקייטען, וועלכע שטעהען פאר די אלע, וואס טראגען הויך דעם ציעל צווישען די קליינליכקייטען פון לעבען. מאיר האט עס געטהאן בעסער פון אנדערע, הגם זיין אויפגאבע איז געוועזען פיעל שווערער, ווארום איבערנעהמענדיג אויסערליך די אויסערע פארמען פון ארא־בישען לעבען, האט ער נים ווילענדיג געשטעלט אין געפאהר זיין אינערליכען איך, אלס איד. עס האט זיך אמאל געקענט דוכטען, אז ער נידערט אריין אין תהום פון א פרעמדער, אונפריינדליכער אטמאספערע. ער האט זיך אבער ארויסגעלאזען אהין נאר צוליעב קענען העכער ארויפברענגען זיין אייגענע מענשליכע און אידישע אינ־דיווידואליטעט, כדי דערמיט בעסער צו בעזיעגען די ארומיגע ווילדע בארבארישע סביבה.

אליעזר קאנטאראוויץ:

„מ א י ר ׳ ק ע"

א. די „טשערעדע".

א שטיק צייט האב איך אלס וועכטער צוזאמען מיט מאיר׳קען פערבראכט אין גליל און זיך שטענדיג גע׳חדוש׳ט פון וואנען שעפט מאיר׳קע זיין ריעזיגען כח, וועל־כער שפירט זיך אין אלע זיינע העלדענטהאטען, מיט וועלכע ער האט זיך אזוי בע־ריהמט געמאכט איבער דעם גאנצען גליל, פון דעם כרמל ביז צום חרמון. און בע־ריהמט געווען איז מאיר׳קע נישט בלויז צווישען די חברים און די קאלאניסטען, נאר אויך צווישען מעהרערע אראבער, וועלכע האבען זיין כח בעוואונדערט און פאר איהם מורא געהאט. פאר מיר איז דאס קלאר געווארען בעת׳ן אנפאל אויף דער „טשערע־דע" פון דער קאלאניע יבנאל, וואו מאיר׳קע איז פערוואונדעט געווארען, און שוין פערוואונדעטערהייד מעהר פון אלעמען אנטייל גענומען אין אפשלאגען דעם ארא־בישען אנפאל.

ס׳איז געווען א שעהנער זומערדיגער נאך־מיטאג. מיר, די וועכטער, זענען ערשט וואס פון אונזער שלאף אויפגעשטאנען, אבגעטרונקען קאפע און געזעסען אויף דער ערד, די פיס ארונטער זיך. מיר זענען געזעסען צוזאמען מיט מאיר׳קען און געשמועסט וועגען דעם, ווי נויטיג ס׳איז צו פערשטארקערען די קאלאניע־וואך, ווייל דער שייך „איסא" מיט זיינע אראבער, די פריהעריגע בעלי־הבתים פון דער קאלאניע, גרייטען זיך צו אן אנפאל אויף יבנאל. ריידענדיג אזוי האבען מיר מיט אמאל דערהערט א געשריי אין קאלאניע. א טומעל און א גערודער. די קאלאניסטען שרייען: וואו זיינען די וועכטער? מיר האבען זיך אויף גיך אנגעטאן, דאס גע־

וועהר אַנגעלאָדען, אַרויסגעלאָפּען אין פֿעלד און דערזעהן ווי אַראַבער טרייבען די קאַלאַניע־טשערעדע צום ירדן זייט, און די קאָלאָניסטען קוקען צו שווייגענדיג. זיי האָבען זיך אין גאַנצען פֿערלאָרען אין דעם מאָמענט און געוואָרט וואָס די וועכטער וועלען טהאָן.

דער ערשטער וועכטער פֿון אונז אויף דעם פֿערד איז געוועזען מאיר׳קע מיט זיין „אבו־חאמסע“ (אזוי פֿלעגט ער רופֿען זיין פֿינפֿער־מאַרטין־ביקס) אויף זיינע ברייטע אַקסלען. מיט׳ן שטענדיגען ליעבען שמייכעל אויף זיינע ליפּען, מיט זיין נאַאיווען קוק פֿון אַ קינד אויף די אַלע וועכטער און קאָלאָניסטען האָט ער זיך אַזוי ווי אַ ווינד־צוג פֿייל־אוים׳ן־בויגען אַוועקגעלאָזט דער ערשטער נאָכיאָגען די אַראַבער־רויבער וואָס האָבען געטריבען די אידישע טשערעדע, דאָס ביסעל אייגענס אידיש האָב און גוטס וואָס די קאָלאָניע האָט נאָך אַזוי פֿיעל מיה, מיט אַזוי פֿיעל צער אויפֿגעהאָרעוועט. נאָך מאיר׳קען האָט זיך באַלד אַ לאָז געטהאָן די גאַנצע קאָלאָניע, ווער רייטענדיג אויף פֿערד, ווער אויף פּרדות און ווער צו פֿוס. אַלע זיינען געלאָפֿען נאָך דעם פֿיהרער מאיר׳קען, איהם מיטצוהעלפֿען אין זיין קאַמפּף מיט די אַראַבער־רויבער. מאיר׳קע, נאָך זייענדיג איינער אליין אויפ׳ן פֿעלד, האָט נישט לאַנג געקלעהרט און מיט גרויס העלדישקייט האָט ער זיך אַריינגעלאָזט אין קאַמפּף מיט די אַראַבער אָפּצונעהמען ביי זיי די „טשערעדע.“

ווען איך בין דער צווייטער נאָך איהם אָנגעלאָפֿען, האָב איך שוין געטראָפֿען מאיר׳קען אויסהאַלטענדיג גלענצענד זיין ערשטען צוזאַמענשטויס. מיט די ערשטע צוויי שאָסען פֿונ׳ם „אבו־חאמסע“ האָט ער אַוועקגעלעגט טויטע איינע פֿון די אַראַבישע בעסטע, טייערסטע שקאַפֿעס, אַן „אצילה“, וואָס שטאַמט פֿון גרויס יחוס און ווערט דעריבער געשאַצט ביי די אַראַבער פֿיעל טייערער ווי די יונגסטע שעהנסטע פֿרוי. דער האָזינער פֿאַל האָט אָפּגענומען דעם מוטה און אָבגעשוואַכט דעם קוראַזש פֿון די אַראַבער, אָבער דער געפֿיהל פֿון נקמה האָט זיך דאָך ביי זיי צוהיצט און זיי האָבען אָנגעהויבען האָגלען מיט קוילען אויף מאיר׳קען. איין קויל האָט איהם געטראָפֿען אין פֿוס. אין דער צייט איז שוין די גאַנצע קאָלאָניע געוועזען אין פֿעלד אין קאַמפּף. לאַנג האָט עס גענומען ביז מיר האָבען זיך איינגעבעטען ביי מאיר׳קען, ער זאָל גלייך פֿאָהרען צוריק אין קאָלאָניע אַרויסנעמען די קויל פֿון פֿוס און די וואונד איבערבינדען. זיינע קליידער, צוזאַמען מיט דער שקאַפֿע, זיינען שוין געוועזען שטאַרק בעפֿלעקט פֿון זיין אייגען בלוט, און דאָך האָט ער זיין ביקס אויף איין ווייל פֿון האַנד נישט אַרויסגעלאָזט און ס׳איז אונמעגליך געווען איהם איבערצורעדען.

— גזלנים, וואָס איהר זענט, — האָט ער צו אונז געשריגען, — וואָס לאָזט איהר מיך נישט ענדיגען די אַרבייט. מ׳מוז דאָך די טשערעדע אָפּנעהמען. מיט מאַטערניש האָב איך איהם ווי עס איז קוים בעאיינפֿלוסט צו פֿאָהרען מיט מיר צוריק אין קאָלאָניע. מיר זיינען געקומען אין קאָלאָניע־אַפּטייק, מען האָט איהם אָפּגעוואַשען די וואונד, אַרויסגענומען די קויל, אַרומגעבונדען די פֿוס, אין בעט איהם אַריינגעלעגט און אָנגעזאָגט איהם צו ליגען שטיל, נישט ריהרען זיך פֿון אָרט. איך האָב איהם בערוהיגט ווי עס איז ער זאָל ליגען, אָבער נישט מאיר׳קע איז פֿון יענע רוהיגע וואָס וויל איינליגען אין בעט ווען אין פֿעלד קומט פֿאָר אַ קאַמפּף פֿאַר אידישער עהרע. און אַ רגע אַרום, ווען די שאָסען פֿון פֿעלד האָבען צו זיינע אויערען דערגרייכט, האָט ער זיך אַ הויב און אַ שפּרונג־אויף געגעבען מיט אַזאַ ריעזיגער קראַפֿט פֿון בעט, פּונקט ווי ער וואָלט געלעגען אויף גליהענדע קויהלען, אַרויסגעלאָפֿען מיט זיין געשאָסענער פֿער־

באנדראזשירטער פוס אין גאס אריין, ארויפגעכאפט זיך שנעל אויף זיין שקאפע און מיט א שטארקען געשריי, נקמה, נקמה! נקמה! האט ער זיך געלאזט לויפען צוריק צום פעלד. ער האט זיך ווידער אוועקגעשטעלט צווישען די ערשטע קעמפפער, און גלייך בעפריעדיגט זיין נקמה־געפיהל. ער האט זיך גוט געציעלט און גוט געטראפען אין דער צווייטער ארראבישער „אצילה“, וועלכע איז באלד טוידט געפאלען.

די אראבער האבען זיך פערלארען אויף א ווייל, און די אידען האבען אויסגענוצט דעם גינסטיגען מאמענט פונ׳ם צוזאמענשטויס. די גאנצע קאלאניע האט זיך גלייך ארויפגעכאפט אויף דעם העכסטען בארג, פערנומען די בעסטע קאמפפס־פאזיציע וואס פיהרט צום טהאל און פון דארטען אראב געהאגעלט איבער די אראבער פון טהאל מיט א מבול־האגעל פון קוילען. צוליעב דעם אונערווארטעטען פלוצימדיגען שטארקען אנגריף האבען זיך די אראבער שטארק פערלארען און געווען געצוואונגען אבצוטרעטען פון דער גערויבטער קאלאניע־טשערעדע. מאיר׳קע מיט נאך א פאר קאלאניסטען פון דער נאהענטער קאלאניע בית־גן האבען ווי געניטע פאסטוכער צונויפגעטריבען צוריק אין איין פלאץ די טשערעדע וואס איז זיך צולאפען אין שרעק. מיט גרויס טריאומפף איז מאיר׳קע מיט זיין פערוואונדעטער פוס אריינגעפאהרען פארנאכט אין די טויערען פון דער קאלאניע אויף זיין שעהנעם טייערען פערד, פיהרענדיג די אפגעשלאגענע טשערעדע. די גאנצע קאלאניע האט הארציג און שטארק פריינדליך געגריסט איהר העלד און רעטער פון דעם אידישען כבוד. איך האב זיך איינגעקוקט פון דער זייט אין מיין ליעבען טייערען חבר, און מיר איז קלאר געווארען פון וואנען מאיר׳קע שעפט זיינע וואונדערבאר־ריעזיגע שעפפערישע כחות. פון דער מוטער־ערד איז עס. מאיר׳קע איז געווען פון די יעניגע הברים פון „השומר“, וועלכע האבען פיינד געהאט תכלית־שנאה טעאריעס און רייד, און וועלכע האבען געשעצט נאר טאטען און העלדישקייט, אהן פאזע, אהן קונצען. אן אמת׳ער אייניקעל פון אונזער אמאליגען פאסטוך־נביא עמוס.

די אקסען מיט וועלכע מאיר׳קע האט געארבייט אויף דעם פעלד האבען איהם פיעל מעהר געלערנט ווי טויזענדער ביכער וואלטען איהם געקאנט לערנען, און דעריבער האט ער טאקע אזוי ליעב געהאט אלע לעבעדיגע בעשעפענישען און אזוי געהאסט ביכער און טעאריעם.

ב. אין „וואדי־פעדזשאם“.

נאך איין מאל איז מיר אויסגעקומען צו זעהן מאיר׳קען אין זיין גאנצער גרויס. דאס איז געווען אין איינע פון די שעהנסטע זומערדיגע גליל־נעכט. איך מיט נאך א חבר פון „השומר“ און מאיר׳קע, זיינע אין דרייען געפאהרען צו א חבר אויף חתונה אין א אידישער קאלאניע ביים ירדן. ארום האלבע נאכט, ווען מיר זיינען צוגעקומען צו דעם בעוואוסטען רויבער־טהאל „וואדי־פעדזשאם“, און שוין אריינגעפאהרען טיעפער אין איהם, האבען מיר פלוצלינג דערזעהען ווי אנטקעגען אונז שניידען זיך שאטענס פון עטליכע נאכט־רויבער, מיט וועלכע דער טהאל שוויבעלט און גריבעלט, און א דאנק וועמען ער האט א שם געקראגען. אין איין אויגענבליק שפעטער זיינען שוין נעבען אונז אויסגעוואקסען דריי אראבער — נאכט־רויבער. דאס ערשטע מיט וואס זיי האבען זיך צו אונז געווענדעט, איז געווען דער בעוואוסטער אראבישער „אעטיני־סיגארא“ וואס הייסט אויפ׳ן פשוט׳ען לשון נישט מעהר ווי, „גיב מיר א ציגאר“, אבער אין אמת׳ן איז דאס אן ארויסרוף אויף רויב אויף די וועלכע גיבען טאקי פאר

שרעק א ציגאר. מיר האבען די אראבער־רויבער א ווײַלע גאר נישט געענטפערט. איין אויגענבליק האט געדויערט, און מאיר׳קע איז ארויסגעפאהרען דער ערשטער אנטקעגען די רויבער, און מיט א פעסטען קול פון ענטשלאסענהייט האט ער זיי געענטפערט, אנשטעלענדיג דעם ביקס געגען זיי און ארײַנשטעקענדיג אין איהם א „ציגאר": „תפאדאל־יא־שייך", און ארויסגעלאזט די ערשטע קויל אין דער לופט. אין דער זעלבער צייט האט ער זיך צו אונז געווענדעט מיט זיין שטענדיגען שמייכעל: „חברים, וואס זשאלעוועט איהר זיי עפּיס סיגארעטליך, א?" ווען מיר זיינען שוין אויך גרייט געוועזען צו געבען די רויבער אזעלכע פאר סיגארעטלאך פון אונזערע ביקסען, האבען די רויבער זיך דערשראקען, גלייך געביטען דעם טאן און מיט די אראבישע פאלשע, חיטרע רייד אנגעהויבען טענה׳ן אז זיי קאנען אונז פון לאנג, און אז מיר זיינען גאר זייערע „עסחאב", דאס הייסט זייערע בעסטע גוטע פריינד און זיי זיינען גאר ארויסגעפאהרען אונז אנטקעגען אלס מכניסי־אורחים, אונז צו פערבעטען אויף קאפע צו זיך. וויסענדיג די אראבישע הינטישע פאליטיק פון די רויבער, האבען מיר אבער פון איידעלקייט און העפליבקייט וועגען זיי נישט געקאנט ענטזאגען און האבען זיך אויסגעזעצט מיט זיי טרינקען קאפע און פערפיהרט געשפרעכען פון שעהנע שקאפעס, שעהנע מיידלאך.... און וועגען דער „חארב־אל־מאסקאב", דאס מיינט וועגען דער רוסיש־טערקישער קריעג. מיט אמאל ווענדען זיי זיך צו אונז מיט אזא מילדער, ווייכער גוטהערציגקייט, צי קאנען מיר זיי נישט ווייזען א קוק טהאן אונזערע גוטע ביקסען, די „מארטיך־אינגליזיע", וועלכע זיי האבען קיינמאל נישט געזעהן אין זייער לעבען....

איך קוק זיך איין אין מאיר׳קען, וועלכער פערלירט זיך קיינמאל נישט אין אזעלכע מאמענטען, און איך זעה ווי ער האלט שוין זיין ביקס, זיין „אבו־חאמסע", ביים „העהנדעל" און אין די אויגען ברענט שוין א פייער׳ל. גאנץ גלאסען רופט ער זיך אן צו די רויבער: אויב איהר פערלאנגט דאס, קאנען מיר אייך זיי שענקען, נאר פאר איין וועגס שוין צוזאמען מיט א פאר „אינגליזיע־סיגארעטליך".

די אראבער האבען זיך פון אזא אומגעריכטען כיבוד פערשעמט און זיי האבען אנגעהויבען רעדען, אז די „וולאד־אל־מאסקאב", דאס הייסט מיר, די געקומענע פון רוסלאנד, זיינען שוין מעהר נישט קיין וולאד־אל־מות (קינדער פון טויט), און געבען אונז שבחים. מיר האבען זיך ארויפגעזעצט אויף אונזערע פערד און שקאפעס און ווי אמת׳ע גלייכע גוטע פריינד „עסחאב", זיך צוזעגענט מיט א פריעדליכען שלום. זיי זיינען אוועקגעפאהרען צוריק אין טהאל טיעפער אויף זייער נאכט־רויב, און מיר זיינען אוועקגעפאהרען צו אונזער חבר אויף דער חתונה.

יענע נאכט ביז טאג האט מאיר׳קע מעהר פון אלעמען געטאנצט אלערליי פערשיעדענע אראבישע טענץ און מיט זיין ווילדער אראבישער „דעבקע", וועלכען נאר ער האט געקאנט טאנצען, האט ער די נאכט פער׳כישופ׳ט אלע מיידלאך וואס זיינען דארט געוועזען אויף דער חתונה, און מעהר פון אלע מיידלאך, די שעהנע געזונדע יונגע סאנ׳קע. זי האט אויף איהם איהרע ברענענדיגע שווארצע אויגען, פול מיט גליהענדער מזרח־ליעבע געווארפען און ער האט איהר מיט ליעבע־אויגען געענטפערט. יענע נאכט איז געשלאסען געווארען מאיר׳קע׳ס ליעבע מיט דער שעהנער יונגער סאנ׳קע, וועלכע דרעהט זיך שוין יעצט ארום אן אכצעהן־יעהריגע אלמנה, בלאנדזשעט צווישען די שעהנע בערג פון גליל און ווי די אמאליגע שולמית רופט זי און רופט איהר געליעבטען, וועלכער האט איהר הארץ געפאנגען, און וועלכער וועט זיך צו איהר קיינמאל נישט אומקעהרען. קיינמאל נישט....

אַלכּסנדר:

אויף מאיר חאַזאַנאָוויטש'ס קבר.

ניט אַ מצבה שטעלען, ניט וויינען און קלאָגען בין איך אויסען. וועט בין איך פון „הספדים", פון אזכרות...

איין אויסוועג איז פאַראַן, פערגראָבען זיך אינ'ם שווערען קאַשמאַר וואָס וועהט איבער'ן נייעם בערגעל אין מרחביה... ס'פעהלט, אָבער, יענע גרויסע רוהיגקייט וואָס איז נויטיג צוליעב דעם שטומען טרויער... עפּעס פּלאַטערט אין דיר, ברענט ווי מיט פייער צונגען, מאַנט און רייסט זיך...

מיט זיבען־אַכט יאָהר צוריק האָט זיך אויפגעהויבען אַ מחנה נייע ביל"ו'יצעס און זיינען אַוועק אין א"י. נייע ביל"ו'צעס, נאָר אָהן דעם פערפיהרענדען צויבער, אָהן דער נאַאיווער אילוזיע פון די ערשטע. געטראָגען פון טרוים און פאַנטאַזיע, זיינען אָנגעקומען די ערשטע ביל"ו'יצעס; געטראָגען פון שטאַרקען ווילען צום שווערען קאַמפּף און פיינליכער פּראַצע — זיינען אָנגעקומען די לעצטע. משיח'ן האָבען מיט זיך געטראָגען די ערשטע און געהאָפט אין גיכען די גאולה צו אַראָבברייינגען, דעם וועג פאַר משיח'ן — דעם זאַמדיגען שווערען וועג — זיינען געקומען אויסטרעטען די לעצטע, און געטרוימט וועגען „עולם־הבא" — וועגען אַ ווייטער צוקונפט. אַ מחנה פון ק ע מ פּ פ ע ר, און ניט בלויז פון טרוימער זיינען זיי געוועזען. די נייע ביל"ו'יצעס האָבען אויפגעהויבען די פאָהן פון נאַציאָנאַלען כבוד און שטאָלץ און מיט זייער בלוט געהייליגט איהר. געפאַלען איז איינער, נאָך איהם אַ צווייטער, אַ דריטער און ס'וועט פאַלען אַ פיערטער. און ס'וועט ווערען ווידער שטיל און טויט־וויסט ווי ס'וואָלט קיינמאָל גאָר ניט געשעהן...

ווייל קליין, זעהר קליין איז די צאָהל פון דעם דאָזיגען סאָרט נשמות אין די אוצרות פונם אַלטען ישראל... נאָר ניט „חשבונות מאַכען" קום איך איצט אין דער הייסער מינוט; אין דער מינוט געהט מיר גאָר ניט אָן די גאַנצע „בוכהאַלטעריע" פון שכר און פערלוסט... ס'קרענקט דאָס האַרץ אויף דעם וואָס איז אַוועק פון אונז, דער וואָס האָט זיך אינגאַנצען מיט ליעב און לעבען פערטהאָן אין דער אַרבייט, מיט אַלע זיינע כחות אָבגעגעבען זיך דער שווערער איופגאַבע וואָס ער אַליין האָט אָנגעוואָרפען אויף זיינע אייגענע פּלייצעס, און צוליעב דעם — פון אַלץ אָבגעריסען זיך און דערוויטערט זיך... איינגעשלאָסען זיך און אַריין אין די סאַמע ברענענדסטע אַרבייטען פונ'ם האַרבען מאָמענט; ס'קרענקט דאָס האַרץ אויף דעם וואָס איז אַוועק פון אונז. ווינציג זיינען פאַראַן צווישען אונז וואָס האָבען זיך, ווי ער, צוגעפּאַסט צו די בעדינגונגען פון לאַנד און אויפגעפּאַסט זיין גייסט... און דאָס איז דאָך מעגליך נאָר דורך אַ גוואַלדיגער איבערגעבענהייט און דורך אַן אונגעוועהנליך שטאַרקען ווילען; נור דורך מסירות־נפש און אַ שטענדיגער, אונפערלאָשענער התלהבות איז איהם געלונגען אויסרייסען פון זיין האַרצען דאָס גאַנצע פריהערדיגע לעבען און ווערען אַ „שומר" וואָס לעבט בלויז אויף זיין שווערד און פערד.

הימעל און ערד און זיין עהרען־וואַך!

* * *

אַזוי שאַרף־לעבעדיג שטעהט פאַר מיינע אויגען דער דאָזיגער קאַווקאַזער בחור, וואָס קאַווקאַזער בלוט און דער גייסט פון איהרע בערג קלאַפּען אין זיין ברוסט,

וואס פערמאגט שטאלענע אדערען אין האנד און אן אייזערנעם גייסט — אין דער נשמה. א האנד וואס שיסט אין ציעל און א הארץ וואס איז דורכגעפיהלט מיט דער בענקשאפטליכער אומעטיגער מזרח'ישער מעלאדיע... אזוי פיעל קראפט און לעבען — און דער טויט! ווי א לעבעדיגער גוואלדיגער פראטעסט, ווי א בונט נעגען דער ידיעה וועגען זיין טוידט שווימט ארויף פאר מיינע אויגען דאס בילד ווי דער מאן מיט די ברייטע פלייצעס, מיט'ן רוהיגען, געזונדטען און ווארימען געזיכט, פערברענגט איינעם פון זיינע „פארנאכטען", דער רוסישער „הארמאניק", מיט דער ברייטער און ווייכער מעלאדיע, די פייערדיגע, געזונדטע טענץ אנגעזאפט מיט יענער קרעפטיגער שמחה, וואס שלאגט פון דעם פרישען קוואל פון לעבענס־ליבע און לעבענס־לוסט; און ניט איינמאל האב איך בעוואונדערט דעם „דיסאנאנס" צווישען זיין אייזען־שטייפען אידעאליסטישען כאראקטער מיט זיין כמעט מגושמ־דיגער געזונדקייט; זיין נשמה־פלאם וואס האט איינמאל אין זיין לעבען אויפגע־פלאקערט און אוועקגעטראגען איהם אין זיין לאנד, האט זיך ניט אויסגעלאשען און איז ניט אבגעקיהלט געווארען ביז דעם לעצטען טאג. איינער פון די שטארקס־טע און דרייסטעסטע איז ער דאך געווען, אייגער פון די פלינקסטע און רוהיגסטע, פון די, וואס אפילו ווען דער חלף ליגט אויפ'ן האלז — פערלירען זיי ניט זייער רוהיגקייט און געלאסענקייט. ער איז געווען איינער פון די זיילען פון דער האזי־גער מחנה.

האט דאך א געוויסער אידעאל, א העכערע שטרעבונג צונויפגעבראכט אהער מאיר'ן מיט זיינע חברים און ארייגגעגעבען אין זיי דעם פערהארטעוועטען, אייזען־געשמידטען גייסט. נאר צו געזונד גייסטיג, צו שטאלץ און עהרליך זיינען זיי אום זיי זאלען ריסעווען און איבערנעהמען זיך פאר דער אידישער געזעלשאפט... פאר די „מאיר'ס" מאכט מען ניט קיין ווארע... בעשיידען פערבעהאלטען אין זייער ווינקעלע זיצען זיי. זיי סאפען ניט און קרעכצען ניט שלעפענדיג דעם שווערען כלל־יאך... און טהוען קיינעם ניט קיין טובות מיט זייער ארבייט. זיי קומט פאר אז אזוי ד א ר ף זיין, אזוי איז נאטירליך, אזוי איז זייער אייגענער און פער־זענליכער בעגעהר.

לוסטיג־פריי, ווי איינער וואס ערפילט זיין קאפריז, ווערט אלץ אבגעטהאן, ווי א מענש וואס גיט זיך אב זיין הפקר־דיגער, ליידענשאפטליכער נשמה ווערען אבגע־טהאן די שווערסטע ארבייטען און ערפילט די הארבסטע פליכטען. די „הפקר'דיגע ליידענשאפטליכע נשמה", און אין דער דאזיגער נשמה האט דאך געברענט יענער פייער וואס האט איהם בעלויכטען זיין וועג...

* * *

צו דער מדרגה פון „קדושים וטהורים" האט ער ניט דערלאנגט — וועלען זיך קרימען די סקעפטיקער. טרייבט נישט איבער — וועלען זיך בייזערען די לייט פון וואג און מאס. געוויס, די שעהנקייט פון מאירס גייסט און זיינע חברים איז נאר פון אן אנדער מין. ניט אין די טיעפקייטען פון דער מחשבה און אין די דינקייטען פון פיין־גייסט זאלט איהר זי זוכען. אין די אריסטאקראטישע ספערען פון דער נשמה וואהנט זי ניט. זי איז אבער דער אונמיטעלבארער כח וואס בעוועגט דעם ווילען און די מוסקולען. ער געהער ניט צו די רייכע גייסטער וואס בעלויכטען און בעפוצען דעם לעבען — נאר צו די קרעפטיגע עהרליכע גייסטער וואס בויען און שאפען די יסודות פונ'ם לעבען.

אינ'ם לעבען פון דעם מין מענשען געפינסטו אַלע הסרונות און אונפּאַלקאָמענ־הייטען, די גאַנצע גרויע לאַנגווייליגקייט פון יעטוועדער געוועהנליכען בשר ודם, נאָר גלייכצייטיג איז פערבאָרגען אין זייער נשמה עפּעס אַ גייסטיגער שטורעם, וואָס צושפּיעלט זיך אין דעם נויטיגען מאָמענט... און אין זייער גדלות, אין דעם דאָזיגען נשמה־שטורעם מישען זיך אויס דער עלעמענטאַרער ברען פון דעם קאַמפּפס־דאָרשטיגען מענש, און פונקען פון דעם „העכערען בעוואוסטזיין" וועגען מענשליכער עהרע און ווירדע. ניט פון דער איידעלער ראַסע פון „חסידים" און „בוציניך־קדישין" שטאַמען זיי אַרויס, נאָר פון דער „משפּחה ע ר אָ ב ע ר ע ר" (משפּחת הכובשים). די לייט, וואָס פערשטעהען צו פערוואַנדלען זייער פיינליך־שווערען לעבען — אין אַ שפּיעל, וואָס שטעהען אויס די גרעסטע געפאַהרען לייכט און פריי; וואָס קומען פון און מחמת זייער אידעאַליזם צו הפקרות. די דאָזיגע לייט זיינען עס די ק י נ ס ט ל ע ר פ ו ן ל ע נ ד ע ר ע ר אָ ב ע ר ע ן. און אַזאַ מין קינסטלער, אַ זוהן פון דער „משפּחה ערָאבערער" איז געווען מאיר חאַזאַנאָוויטש.

* * *

„די משפּחה ערָאבערער" — ווי נויטיג זי איז אונז און ווי קליין און אָרים זי איז ביי אונז. גענוג, איבער גענוג פערמאָגען מיר „קדושים", „גייסט־העלדען". פון דעם ווייטען און נאָהנטען עבר שפּאַרען אָן צו אונז זייערע שאָטענס מאַסענווייז און פערשטעלען אַזש די ליכטיגע שיין... אין זייער זכות אָבער וועלען מיר דאָך קיין מאָל ניט אויסגעלייזט ווערען... די אידישע גאולה קאָן קומען נאָר דורך די „העלדען און ערָאבערער", און די דאָזיגע — פון וואַנען וועלען זיי קומען צו אונז?... די איינציגע, וואָס זיינען אָנגעקומען, לאָזען זיך אויס ביסלעכווייז, אַנדערע אויף זייער אָרט קומען ניט... און פון זיך אַליין ערוועקט זיך און מאַטערט אַ וועהטאָגיגע פראַגע: צו האָבען מיר דאָס רעכט אָנצונעהמען די דאָזיגע קרבנות?

נאָר... כ'ווייס, איין אויסוועג איז פאַראַן — פערגראָבען זיך אין דעם קאַשמאַר וואָס וועהט אויף דעם נייעם בערגעל פון מרחביה...



חבר שמואל פרידמאַן געקומען פון ליטא דעם יאָהר ה׳תר״ע. די לעצטע צייט איז ער געווען וועכטער אין יהודה. אין צייט פון אַן אַראבישען איבער־פאַל איז ער געלאָפען צו הילף, און איז אויפ׳ן וועג דערשאָסען געוואָרען נעבען די כרמים פון ודי־חנין אין אָנפאנג אב ה׳תרע״ג (1913).

נחום אלקושי:

שמואל פרידמאַן

(זכרונות)

א תלמיד פון לידא׳ר ישיבה, אַ צוהערער פון דעם בעוואוסטען מזרחיסטען־פיהרער הרב ריינעס איז ער געווען די לעצטע פאַר יאָהר פאַר׳ן קומען אין ארץ ישראל. קיין ירושלים איז ער געקומען מיט׳ן צוועק פאַרטצוזעצען זיין לערנען און איז אריינגעטרעטען אלס תלמיד צו דעם בעוואוסטען רבי יצחק מתמיד אין ישיבה.

געפונען האָט ער זיך ביי זיינעם אַ פעטער, אַ רב פון אַ קאנטרי אין אַמעריקאַ, וועלכער איז צוזאמען מיט זיין פרוי געקומען אויף די עלטערע יאָהרען קיין ירושלים און זיך מפרנס געווען פון אַ קליין קלייטעל אין איינער פון די אידישע שכונות. ניט האָבענדיג אליין קיין קינדער, האָבען זיי שמואל׳ן געהאַלטען ביי זיך און גע־דענקט אַז ער וועט מיט דער צייט ווערען אַ רב אָדער אַ שוחט. אַנדערש האָט אָבער געדענקט דער יונגער שמואל. זעהענדיג די פוסטקייט און נוצלאָזיגקייט פון׳אַ ישיבה לעבען, וואו יונגע מענשען פערשווענדען אויף גאָרנישט זייערע בעסטע יאָה־רען, פערבלייבען שטענדיגע באַנק־קוועטשער, און דאַרפען קוקען תמיד אויף די חלוקה געלדער, וואָס קומען פון חוץ־לארץ, איז ביי איהם אָפגעפאַלען דער חשק אוועקצוגעבען זיין גאַנצע צייט דעם לערנען אין ישיבה. דעם תלמוד, און בכלל די אַלטע אידישע ליטעראַטור האָט ער אפילו זעהר ליעב געהאַט, און אויך שפּע־טער, ווען ער איז שוין אַן ארבייטער געווען, פלעגט ער נאָך אויך יעדען אָוועגד נאָך דער ארבייט אָדער פאַר־טאָג פאַר דער ארבייט לערנען תלמוד און תנ״ך; אָבער אנדערש איז דאָס לערנען צוליעב אייגענער בעפריעדיגונג, ווי דאָס לערנען צוליעב פרנסה.

צופעליג האָט ער זיך בעגעגענט מיט איינינע ארבייטער פון „בצלאל״ און אַ דאַנק זייער השפעה איז ביי איהם געבאָרען געוואָרען דער געדאַנק צו ווערען אליין אַן ארבייטער, אום צו קאָנען זעלבסטשטענדיג איינאָרדנען זיין צוקינפטיגען לעבען. פון אָנהויב האָט ער אַפילו געהאַט געדענקט אָנצוקומען אין לעהרער־סעמינאר און ווערען מיט דער צייט אַ לעהרער, נאָר ער האָט דעם געדאַנק באַלד אויפגעגעבען, ווייל אויב שוין יאָ אויפהערען לערנען צוליעב אַ פרנסה־צוועק, דאַן איז קיין גרוי־סער אונטערשיעד ניטאָ צווישען אַ תלמיד אין ישיבה אָדער אַ תלמיד פון סעמינאר;ביידע לערנען צוליעב מאַטעריעלען נוצען, און דאָס גראָדע איז איהם ניט געפעלען. בעסער איז צו ארבייטען און אין דער פרייער צייט לערנען „תורה״ לשמה. שמואל איז אָנגעקומען אין „בצלאל״ און איז געוואָרען אַן ארבייטער. די ארבייט זעלבסט ווי אויך דאָס בעגעגענען זיך מיט אַנדערע יונגע לייט וואָס האָבען מיט איהם צו־זאַמען געאַרבייט, האָט אויף איהם שטאַרק געווירקט און ער איז אַ גאַנץ אַנדער מענש געוואָרען. דער ענגער קרייז פון „ד׳ אמות של הלכה״ האָט זיך אויסגעברייט־טערט, און פאַר שמואל׳ן האָבען זיך אויפגעדעקט זאַכען פון וועלכע ער האָט פרי־הער זעהר ווייניג, אָדער כמעט גאָר ניט געוואוסט. זיצענדיג אַ גאַנצען טאָג אין ווערקשטאַט צוזאַמען מיט אַזעלבע ארבייטער וואָס זיינען אהער שוין געקומען מיט בעשטימטע אידעאַלען פון פאָלקס־אויפלעבונג און נאַציאָנאַלען שאַפען, האָט ער זיך דערוואוסט אַז יעצט האָט דאָס קומען קיין ארץ־ישראל אַ גאַנץ אַנדער צוועק

ווי דער, צוליעב וועלכען ער און נאָך אנדערע אזעלכע זיינען געקומען. אין די געשפרעכען פון זיינע מיטאַרבייטער האָט ער געהערט וועגען אידישער אַרבייט אין די קאָלאָניעס פון יהודה און גליל, וועגען אידישע וועכטער וואָס שטעלען איין זייער לעבען אום צו פערזיכערן דאָס אידישע פאָלקס־אייגענטהום אין ארץ ישראל, און פאַר איהם האָט זיך געעפענט אַ נייע און שעהנע וועלט פון לעבען און אַרבייטען צוליעב גרויסע פאָלקס־אידעאַלען און נאַציאָנאַלע שטרעבונגען. ער האָט אָנגעהויבען לייענען די אַרבייטער־פרעסע פון ארץ־ישראל, און אויך פערשיעדענע ביכער אין אידיש וועגען אַרבייטער־לעבען און פאַר איהם איז ענטפּלעקט געוואָרען אַ נייער קוואַל, פון וועלכען ער האָט אָנגעהויבען שעפּען ידיעות וועגען בעציהונגען צווישען מענשען; דערצו האָבען אויך פיעל מיטגעהאָלפען זיינע אייגענע איבערלעבונגען אין בצלאל, וואו איהם איז אויסגעקומען צו זעהען די פערשיעדענע אונרעכטען מצד די וואָס שטעהען אין שפּיץ פון אַנשטאַלט און זייערע בעציהונגען צו די אַרבייטער, פון וועלכע איהם אַליין איז אויסגעקומען צו ליידען.

מאָדנע האָט ער זיך געפיהלט די ערשטע צייט. עפּעס האָט דאָס ניט הארמאָנירט, ניט געשטימט מיט זיינע רעליגיעזע מיינונגען און געוואָהנהייטען און ער פלעגט אין זיינע שמועסען מיט די חברים בעמיהען זיך זיי אויפצואווייזען, אַז דאָס אַלעס איז טאַקע גוט, אָבער פאַר וואָס ניט פרום זיין? צוליעב וואָס פערוואַרפען דאָס „אידישקייט" אין דעם זין ווי ער איז געוואָהנט געווען צו בעגרייפען עס ביז יעצט? „צי קען מען דען ניט זיין אַ גוטער און איבערגעבענער אַרבייטער פאַר פאָלקס־אידעאַלען, אַ הייסער קעמפּפער פאַר די שעהנסטע מענשליכע אידעאַלען, און צו דער זעלבער צייט פערבלייבען אַ פרומער איד און אָפּהיטען אַלע מצוות, און זיך אויסהיטען פון עבירות?" האָט ער גע'טענה'ט. צו ביסלעך אָבער, און אַליין אפילו ניט בעמערקענדיג ווי אַזוי דאָס איז פאָרגעקומען, האָט ער זיך בעפרייט פון עול פון די פערשיעדענע רעליגיעזע מנהגים, און אָנגעהויבען לעבען אויף דעם זעלבען שטייגער ווי זיינע חברים ביי דער אַרבייט. פאַרשטעהט זיך, אַז וואָס מעהר ער איז פרייער געוואָרען בנוגע די רעליגיעזע צערעמאָניעס, אַלץ מעהר איז דאָס ניט געפעלען געווען זיינע פרומע פעטער און מוהמע, און עס הויבט זיך אָן אַ סדרה פון אינווענינסטע סכסוכים און רייבונגען אין דער קליינער פאַמיליע. זייענדיג געצוואונגען צוליעב זיין קליינעם פערדיענסט אויפצוהאַלטען זיך ביי זיי, ליידט ער אַ געוויסע צייט, און אינ'ם ליידען ווערט ער נאָך מעהר בעוואוסטזיניג און בעפרייט זיך אינגאַנצען פון זיין ביזהעריגען קוק אויפ'ן לעבען. צו ענדע בעשטימט ער זיי צו פערלאָזען און אָנהויבען לעבען זעלבסטשטענדיג, אויף אייגענע אחריות אין זיינע בעציהונגען צו „גאָט און לייט". מיט דעם שריט ענדיגט זיך דער איבערגאַנגס־פעריאָד פון פריהעריגען אונבעוואוסטזיניגען ציעל־לאָזען לעבען צום נייעם לעבען פון פּראָדוקטיווער אַרבייט.

צוזאַמען אין איין צימער האָב איך מיט איהם פון דאַן אָן געוואָהנט די גאַנצע צייט וואָס ער איז געווען אין ירושלים, און איך האָב געהאַט די מעגליכקייט איהם גוט צו דערקענען. פאַר מיינע אויגען איז ער אויסגעוואַקסען פון אַ נאַאיווען ישיבה בחור וואָס ווייסט מעהר ניט ווי פערטיעפען זיך אין די סוגיות פון „אביי ורבא" און פערענטפערען די שווערע תוספות־קשיות, אין אַ בעוואוסטזיניגען און ציעל־בעוואוסטען אידישען אַרבייטער אין ארץ־ישראל, וואָס ווייסט און אָנערקענט זיינע פליכטען צו זיין פאָלק און זיין לאַנד, זיינע אויפגאַבען אַלס פאָרקעמפּפער צוזאַמען

מיט אַלע אַרבייטער פאַר אַ בעסערער און ליכטיגערער צוקונפט פאַר דער גאַנצער מענשהייט. פיעל מאָל אין אונזערע געשפּרעכען האָט ער מיט אַן ערנסט־נאַאיוועון טאָן אויסגעדריקט זיין פערוואונדערונג אויף די אַרבייטער אין די קאָלאָניעס, ווי גרויס און טיעף ס׳דאַרף זיין זייער גלויבען אין דער נויטיגקייט און נוצען פון זייער אַרבייט, פאַר דער צוקונפט פון פאָלק, ווי שטאַרק ס׳דאַרף זיין זייער אָפּפערוויליגקייט צו אַרבייטען אין די פערשיעדענע ניט־גינסטיגע און ניט־נאָרמאַלע בעדינגונגען און נאָך אַלעמען זיין צופרידען, און זייער איינציגע דאגה, זייער איינציגער ווילען זאָל זיין, ווי אַזוי זאָל אין די קאָלאָניעס, וואָס עקזיסטירען שוין, זיך פערמעהרען די צאָהל אידישע אַרבייטער, און נייע אידישע קאָלאָניעס אַלס אַ פּלאַץ פאַר נייע מחנות אידישע אַרבייטער זאָלען זיך גרינדען. אויפגעהאַפּט האָט ער אַלעס וואָס ער האָט געהערט אָדער געלייענט אין די צייטונגען וועגען די אַרבייטער אין די קאָלאָניעס, ווי אַזוי זיי לעבען, מיט וואָס זיי בעשעפטיגען זיך נאָך דער אַרבייט, און שטאַרק געווירקט האָט דאָס אויף איהם. מיט טיעפער אויפמערקזאַמקייט און אינטערעס האָט ער זיך צוגעהערט צו די ערצעהלונגען וועגען דעם אידישען שומרים־לעבען, וועגען זייער אויסער־געוועהנליכען מוטה און שרעקלאָזיגקייט און בעוואונדערט האָט ער זייער גבורה און אָפּפערוויליגקייט. אַ נייער געדאַנק האָט זיך ביי איהם אָנגעהויבען ענטוויקלען. ס׳איז ניט גענוג וואָס ער איז איבערגעגאַנגען פון ישיבה צו אַרבייטער־לעבען. ניט אין שטאָדט אין זיין פּלאַץ. אין קאָלאָניע דאַרף ער געהן און אַז אַרבייטער אָדער וועכטער דאָרטען ווערען. ווייל גרויס און שווער איז די אויפגאַבע פון אידישען אַרבייטער און וועכטער, זעהר פערענטוואָרטליך פאַר דער צוקונפט פון אידישען פאָלק איז זייער אַרבייט, אָבער ווייניג, זעהר ווייניג זיינען זיי דערווייל, און אויף יעדען פון די יעניגע וואָס האָבען שוין אָנערקענט די גרויסע פאָלקס־אויפגאַבען און ציעלען וואָס שטעהען פאַר אונז, איז אַ חוב זיך צו שטעלען אין זייערע רייהען און פערגרעסערען זייער צאָהל.

פיעל צייט האָט גענומען ביז דער געדאַנק איז געוואָרען גענוג קלאָר אום צו קענען בעוועגען איהם איבערצוגעהן צו מעשים, אָבער ענדליך איז דאָס פאָרגעקומען, — שמואל פערלאָזט ירושלים און פאָהרט אַוועק דערווייל אין די יהודה׳ר קאָלאָניעס אַרבייטען. אָפּאַרבייטענדיג אַ שטיקעל צייט איז אונטערגעקומען דער סיזאָן פון וועכטעריי אין די גערטנער פון מאַנדלען און וויינטרויבען, און ער ווערט אַ שומר אין דער קאָלאָניע ראשון־לציון.

עטליכע וואָכען זיינען פאַראיבער. געקומען בין איך קיין ראשון־לציון, און באַלד זיך נאָכגעפרעגט אויף שמואל׳ן. מען האָט מיר געזאָגט אַז זיין פּאָסטען געפינט זיך זעהר ווייט ביי די זאַמדען פון עין־הקורא, און אַז אין אָוועגד זאָל איך געהן אין יענער זייט און פרעגען ביי די וועכטער וואָס איך וועל בעגעגענען, אויף שמואל׳ן, וועלען זיי מיר ווייזען וואו איהם צו טרעפען.

אויף דער נאַכט בין איך אַוועק צווישען די כרמים און ביים ערשטען וועכטער, וואָס איך האָב אָנגעטראָפען, געפרעגט אויף שמואל׳ן. דער שומר האָט מיר געהייסען געהן ווייטער, וועל איך טרעפען אַ צווייטען, וועלכער וועט מיך צופיהרען צו דער זייט וואו ס׳געפינט זיך שמואל׳ס פּאָסטען. איבערגעהענדיג אַזוי עטליכע פּאָסטענס האָב איך צו־ענדע אָנגעטראָפען אויף אַ שומר וואָס זיין פּאָסטען גרענעצט זיך מיט שמואל׳ס, און מיט איהם בין איך נאָך אַ פערטעל־שעה׳דיגען קנעטען אין טיעפען זאַמד, געקומען צו שמואל׳ן. פינסטער איז געוועזן, זיין פּנים

האָב איך ניט געקאָנט זעהן. פאַר מיר איז געווען אַ יונגער מאַן מיט אַ „כפיה“ און „עגל“ אויף'ן קאָפּ, בעוואָפענט, אַן עקאַליפּטוס שטעקען אין האַנט און אויפ'ן ברוסט דאָס וועכטער־פייפעל. ער האָט מיך באַלד אָוועקגעפיהרט צו זיין „ביידעל“, ניט ווייט, אין אַ פּרוכט־גאָרטען, מיר געוויזען ווי ער האָט זיך „איינגעאָרדענט“, מיך מכבד געווען מיט טיי וואָס ער האָט אויפגעקאָכט אויף אַ פייער פון דאַרע צווייגען, און מיר האָבען זיך אַוועקגעלאָזט „שפּאַצירען“ איבער זיין פּאָסטען. דערצעהלט האָט ער מיר וועגען דער שמירה, ווי פעראַנטוואָרטליך זי איז בכלל און ווי פעראַנטוואָרטליך און שווער ס'איז זיין פּאָסטען בפרט. „שטעל זיך פאָר“, האָט ער מיר געזאָגט מיט אַ טיפער ערנסטקייט — „דאָ איז דער וועג וואָס פיהרט קיין עזה. יעצט איז די צייט ווען גרויסע שיירות גמלים אָנגעלאָדען מיט תבואה געהען דאָ דורך. פערשטעהט זיך אַז די אַראַבער, די קעמלען־טרייבער, זיינען צוגעוואָהנט נאָך פון די פריהערדיגע יאָהרען, ווען ס'איז דאָ נאָך ניט געווען קיין אידישע שמירה, זיך אַריינצוכאַפּען אין די כרמים און „נעהמען“ אַביסעל „ענב“. יעצט דאַרפען מיר זיי דערפון אָפּגעוועהנען. און דאָס קומט גאַנץ שווער אָן. דער פּלאַץ איז זעהר ווייט פון קאָלאָניע. אויף דער צווייטער זייט וועג ציהט זיך אַוועק דער־וויסטער זאַמד־שטח ביז'ן ים, און אויף דעם גאַנצען וועג, וואָס נעהמט כמעט אַ שעה איהם איבערצוגעהן, זיינען מיר נאָר צוויי וועכטער. טאָמער טרעפט זיך עפּעס מיט איינעם פון אונז, דאַרף דויערן פיעל צייט ביז דער צווייטער זאָל קומען צו הילף. איך פיהל די פעראַנטוואָרטליכקייט נאָך מעהר ווייל איך בין דאָך אַ נייער שומר, — און מיר דאַכט זיך, אַז אויף אַזאַ שווערען פּאָסטען האָט מען געדאַרפט שטעלען אַ שומר וואָס איז שוין לאַנג אין דער שמירה און האָט שוין פּראַקטיק אין איהר“.

טרויעריג האָבען געקלונגען זיינע ווערטער אין דער טיפער נאַכט־שטילקייט, געפיהלט האָט זיך אין זיי דאָס טיפע בעוואוסטזיין פון פעראַנטוואָרטליכקייט וועלכע בעהערשט איהם, און די מורא, טאָמער איז ער ניט פעהיג ווי געהעריג צו ער־פילען זיין פליכט אַלס שומר.

געקלאָגט האָט ער זיך פאַר מיר אויך, אַז איינינע דוקא פון די מעהר געניטע וועכטער פערהאַלטען זיך צו גרינג, נאָך זיין מיינונג, צו דער וואַך. — „און זיי פערשטעהען און ווייסען דאָך שוין בעסער די ערנסטקייט פון דער אידישער שמירה, און נאָך אין אַזאַ קאָלאָניע ווי ראשון־לציון, וואו די אידישע שמירה דאַרף זיך ערשט אויסקעמפּפען אַנערקענונג סיי מצד די קאָלאָניסטען, און נאָך מעהר — פון די אַראַבישע שכנים.“

גענעכטיגט האָב איך אין זיין ביידעל. דעם צווייטען טאָג, בעגעגענענדיג זיך אין קאָלאָניע מיט דעם פאָרשטעהער פון השומר אין ראשון־לציון, חבר ס., האָב איך איהם געפרעגט וועגען שמואל'ן צי איז ער אַ גוטער שומר, און פאַר וואָס ער האָט איהם געשטעלט אויף אַזאַ ווייטען און איינזאַמען פּאָסטען. — „אויף אַזעלכע פּאָסטענס דערקענען מיר די „פרישע“ אויב זיי טויגען פאַר אונז. קיין פּחדן איז ער ניט, ערנסט און איבערגעבען צו דער זאַך איז ער דערווייל אויך, מיר וועלען זעהן וואָס ס'וועט פון איהם אַרויסקומען“, איז געווען זיין קורצער ענטפער אויף מיינע פראַגעס.

אין עטליכע טעג אַרום איז מיר ווידער אויסגעקומען זיין אין ראשון־לציון. איך האָב שמואל'ן שוין געפונען אויף אַן אַנדער פּלאַץ. מיט שמחה און התפעלות

האט ער מיר דערצעהלט אז אין די עטליכע טעג איז ער שוין געווען אויף א צווייטען פאסטען. אין דער זייט וואס געהט קיין ודי־חנין איז דא א גרויס שטיק ניט־בעארבייט פעלד, פול מיט בערגלעך און טהאלען, אן אויסגעצייכענטער פלאץ פאר גנבים, האט מען איהם דארט אוועקגעשטעלט; אין דעם האט ער געזעהען די אנערקענונג פון „באכח", אז ער איז ניט קיין שלעכטער שומר, און מען קאן איהם אנטרויען א פעראנטווארטליכען פאסטען, און היינט האט מען איהם שוין ווידער איבערגעפיהרט אויף דער זייט וואו ס'געפינט זיך דער וועג, וואס פיהרט קיין רמלה, ניט ווייט פון בית־הקברות. פאריגע נעכט זיינען דא געווען גנבים, האט מען דעם וועכטער פון דאנען צוגענומען אין דער איגעוועניגסטער קאלאניע־וואך און איהם, שמואל'ן, אוועקגעשטעלט אויף זיין פלאץ. ער האט שוין גערעדט מיט א זיכערען טאן וועגען דער שמירה. אין זיינע רייד האט זיך געפיהלט די צופרידענהייט פון דעם, וועלכער האט דאס בעוואוסטזיין אז ער געפינט זיך אויפ'ן ריכטיגען פלאץ. דערמאנט האט ער מיר אויך מיט א שמייכעל, ווי ער איז פריהער ניט געווען צופריעדען וואס די ארבייטער און די שומרים טהוען אן „כפיה'ס" מיט „עגל'ן", ווי די אראבער. ער האט אין דעם געזעהען א מין נאכגעבען זיך דער השפעה פון די אראבער. יעצט האט ער בנוגע די שומרים געביטען זיין מיינונג. פאר זיי איז פראקטישער די „כפיה" מיט דעם, וואס זי בעשיצט פון פערקיהלונג פון דעם ביינאכטיגען טהוי, און דער „עגל" בעשיצט דעם קאפ פון „נבוט"־קלעפ, און דערפאר טראגט ער זיי אליין אויך.

אין אווענד האב איך ווידער מיט איהם ארומגעשפאציערט אויף זיין נייעם פאסטען. ס'איז געווען א שעהנע לבנה־נאכט, ער האט אלץ גערעדט פון דער שמירה, ווי זיכער ער פיהלט זיך שוין יעצט. מיר זיינען מיעד געווארען און האבען זיך אוועקגעזעצט ביים זייט וועג אפרוהען. איינער פון די 4 רייטער־שומרים איז אנגעפאהרען אויף זיין שקאפע, אביסעל געשמועסט מיט אונז און איז אפגעפאהרען אביסעל ווייטער און אנגעהויבען לערנען זיין שקאפע אריבערצושפרינגען איבער דער קאנאווע, וואס האט זיך געפונען ביים זייט וועג. שמואל האט מיט קנאה געקוקט אויף דעם רייטער'ס בעוועגונגען און פער'חלומ'ט אנגעהויבען פאנטאזירען, אז אין גיכען וועט זיך ענדיגען דער „בציר", ער וועט אוועק אין ירושלים, ענדיגען זיינע חשבונות אין „בצלאל", נעהמען זיינע זאכען און אוועק אין גליל. דארט, אין דעם נעסט פון „השומר", וועט ער ערנסט זיך נעהמען פאר דער וואך. ער וועט שוין מעהר ניט זיין א סעזאן־שומר, ווי דא אין די כרמים; ער וועט זיין א יעהרליכער שומר אין איינער פון די גליל'ער קאלאניעס. ער וועט זיך ארויפארבייטען און ווערען א „חיל", ער וועט קריגען א שקאפע און דאן, ערשט דאן, וועט זיך פאר איהם אנהויבען די אמת'ע תקופה פון שמירה, ערשט דאן וועט ער פיהלען אז ער ערפילט זיין חוב אלס שומר, ווייל ניט קיין פוס־געהער וועכטער וועט ער זיין וואס קאן היטען נאר זיין אפגעגרענעצטען ענגען פאסטען; ער וועט זיין א חיל, און וועט זיך, רייטענדיג אויף זיין שקאפע, ווי א וויכער ארומטראגען אויף די ברייטע גליל'ער תבואה־פעלדער, און אונטער זיין השגחה וועט זיך געפינען א גרויסער שטח וואס דאס אויג קאן ניט כאפען זיינע גרענעצען. ווי גוט ער וועט זיך דאן פיהלען... דאמאלס, און נאר דאמאלס וועט ער זיכער זיין אז ער איז א „שומר", איינער פון די יעניגע, אהן וועלכע ס'איז ניט מעגליך די זיכערונג פון אונזערע ערווארבענע פאזיציעס אין אונזער לאנד, אין ארץ ישראל.

* * *

ניט בעשערט איז איהם געווען צו פערווירקליכען זיין אידעאל: קומען אין דעם נעסט פון „השומר” און ווערען דארט דאס, צו וואס ער האט אזוי געגארט.

א שטיקעל צייט נאך איידער דער „בציר” האט זיך געענדיגט, האבען אייניגע אראבער פון א דורכגעהענדער שיירה געפרובט גנב'ענען טרויבען. דעם וועכטער, וואס האט זיי געוואלט שטערען האבען זיי שטארק געשלאגען, איהם געבונדען, אראפגעריסען פון איהם זיין געוועהר, און אנטלאפען. אנדערע וועכטער, וועלכע זיינען אנגעקומען דערהערענדיג דעם געשלאגענעמס סיגנאלען איידער מען האט איהם געבונדען, זיינען נאכגעלאפען די אראבער, זיי אנגעיאגט אין מיטען וועג צווישען ודי־חנין און רחובות, און האבען ביי זיי געפאדערט צוריק דאס פערנומענע געוועהר. ס'איז געווארען א געשלעג, עס זיינען אנגעקומען אראבער פון נאהענטען דארף, און זיינען צוגעשטאנען צו די אראבער פון דער שיירה, און זיי געהאלפען נעגען די עטליכע וועכטער פון ראשון. עס זיינען געקומען צולויפען אייניגע אידישע וועכטער פון רחובות צו הילף די ראשונ'ר, און אין דער שיסעריי פון ביידע צדדים זיינען פערוואונדעט געווארען גרינג עטליכע אידען און איין אראבער איז שווער פערוואונדעט געווארען. די ארבייטער און די איבעריגע וועכטער פון ראשון זיינען אלע געלאפען צו דעם פלאץ וואו דאס געשלעג איז פארגעקומען. שמואל, וועלכער האט, זייענדיג אויף זיין פאסטען, געהערט די סיגנאלען וואס האבען גערופען צו הילף, איז אויך געלאפען, אבער ניט מיט דעם זעלבען וועג וואס אלע. ער איז אוועק איבער די פעלדער מיט א נעהענטערען וועג, און האט אנגעטראפען פונקט אויף דעם פלאץ וואו עטליכע אראבער זיינען געזעסען און געהיט זייערען א שווער פערוואונדעטען. דערזעהענדיג שמואל'ן האבען זיי איהם דערשאסען. די שפעטער אנגעקומענע וועכטער פון ראשון האבען איהם געפונען א טויטען. זיין קערפער איז געווען צולעכערט פון די קוילען וואס מען האט אין איהם אריינגעשאסען. א פאר חברים זיינען געבליבען היטען דעם טויטענס קערפער, און די איבעריגע זיינען אוועק ברייגנען א וואגען פון רחובות אויף וועלכען מען זאל איהם ברייגנען אין קאלאניע. אויף מארגען האבען איהם אלע ארבייטער און וועכטער בעגלייט אין זיין אייביגער רוה.

ניו־יארק, אדר א' תרע"ז.

לעוויטאן

פון אן אנדער וועלט איז ער אין ארץ ישראל געקומען. ער איז געוועזען א קינסטלער. אלס קינד, זיינען ביי איהם געשטארבען די עלטערען, און ער איז געבליבען א יתום, אהן מיטלען צו עקזיסטירען אוןענטוויקלען זיין טאלאנט. א קריסט א פילאנטראפ, וועלכער האט דערפילט זיינע פעהיגקייטען, האט איהם אויף זיין רעכנונג געשיקט אין דער קונסט־שולע קיין אדעס, און פון דארטען איז ער אריבערגעפאהרען צו פערפאלקאמען זיך קיין פעטערבורג. אלס איד האט ער דארט ניט גע־טארט וואהנען, און האט דעריבער געמוזט פערלאזען די שטאדט, צוזאמען מיט די האפנונגען אריינקומען אין דער אקאדעמיע. דאן איז ער גענומען געווארען צו מיליטער דינסט. אבדיענענדיג א קורצע צייט איז ער אנטלאפען קיין פאריז. דערוויל איז דער פילאנטראפ, וועלכער האט איהם געשטיצט געשטארבען, און לעוויטאן האט געמוזט איבעררייסען זיין שטודיום. א געוויסע צייט האט ער געלעבט אין פאריז, ערנעהרענדיג זיך פון ארבייט. ער האט זיך, אבער דערהמיט ניט געקאנט בעפרידיגען, און איינינע חדשים פאר זיין טויט איז ער געקומען אין לאנד און געווארען א וועכטער. זיין ארבייט האט ער ערפילט טריי און איבערגעבען. טראצדעם וואס ער איז געוועזען ניי ביי דער ארבייט, האט מען איהם אנפערטרויט איינעם פון די שווערסטע און געפעהרליכסטע פונקטען, וויסענדיג ווי ווייט מען קאן זיך אויף איהם פערלאזען.

אין א פינסטערער נאכט, שטעהענדיג אויף דער וואך אין איינעם פון די רחובות'ער כרמים, האט ער דערשפירט אראבער, וואס זיינען געקומען גנב'ענען, און איז צו זיי צוגעלאפען. די גנבים האבען אין איהם געשאסען און איהם דער'הרג'ט. אז די ארומיגע וועכטער זיינען אנגעקומען האבען זיי איהם שוין געטראפען טויט, א מעסער אין זיין האנד און א ז א ק מ א נ ד ל ע ן, וועלכען די גנבים האבען איבערגעלאזען אנטלויפענדיג — נעבען איהם....

משה באַרסקי

האָט געשטאַמט פון סקווירע, קיעווער גובערניע. אין ארץ־ישראל האָט ער די גאַנצע צייט געאַרבייט אלס מיטגליעד פון דעם קאָאָפּעראַטיוו אין דער ארבייטער־פאַרם דגניה. גע'הרג'עט געוואָרען פון אראבער־רויבער אויפ'ן וועג צו מלחמיה כ"ב חשון ה'תרע"ד (1913).

ש. דין :

משה באַרסקי

אַ קינד פון דאָרף, פון דער נאַטור איז משה געווען. דאָרט, אינ׳ם דאָרף וואו ער איז געבארען געווארען, אין קיעווער גובערניע אין רוסלאַנד, האָט ער מעהר דאָס לעבען פון די גוים דערקענט, איידער דאָס אידישע לעבען. די נאַטור פון זיין געבורטס־אָרט, דער טייך, דער פישער, דער פויער, דאָס פערד — זיי האָט ער געקענט און פון זיי פלעגט ער ליעב האָבען צו דערצעהלען.

די יוגענד־קראַפט פונ׳ם נאַטור־קינד און די ציוניסטישע ערציהונג, וואָס ער האָט געקראָגען אין דער שטעדטעל סקווירא, האָבען איהם אין ארץ ישראל געבראַכט. און דאָ, אין לאַנד, האָט ער ניט געוואוסט פון יענעם יאוש און צרות, פון וועלכע אונזערע ארבייטער ליידען אזוי, ניט אינ׳ם פעהלען פון ארבייט, און ניט אין דער צופּאַסונגס־שווערקייט. ווייל דורכגעזאַפּט מיט דער פרישקייט פון דער נאַטור איז געווען זיין גוף — פרעמד זענען איהם געווען די צווייפלען און ריסען פון לעבען.

און מיט אָפענע ארימס האָט איהם די ארבייט און די נאַטור צוגענומען. אין זיי האָט ער אַן אינהאַלט פאַר זיין לעבען געפונען, זיי האָט ער זיין נשמה געשענקט. דגניה איז געווען זיין ארבייטס־פּלאַץ פון דעם ערשטען טאָג אָן. ניט געוואוסט האָט ער קיין שווערקייט אין דער ארבייט, ניט אין לעבען.

ארייגזאַפּען פלעגט ער אין זיך די רייד פון זיינע חברים און פלעגט זיי אָפט איבער׳חזר׳ן. פלינק און פלייסיג איז ער געווען אין זיין ארבייט און אין אַלץ שטענדיג טאַנצען, שפּרינגען פלעגט ער. אַן אינערליכע קראַפט פלעגט ארויסשפּריצען פון איהם און זיך ארום צוגיסען. פון דער ארבייט האָט ער געשעפּט זיין פרייד און זיין אומעט.

איינער פון די ווענינע טיפּען צווישען די אידען, צווישען אונזערע ארבייטער אין לאַנד.

זעהר יונג איז געווען משה באַרסקי, נאָך קיין ניינצעהן יאָהר ניט. ווייניגער ווי ניינצעהן יאָהר איז ער אויף דער ערד ארומגעגאַנגען און גאָרנישט ניט געזעהן. געבליבען איז איהם פרעמד דאָס לעבען. די שעהנקייט פון קולטור, די קונסט, די פּאָעזיע און די וויסענשאַפט פון בוך — ניט אין סקווירא, ניט אין דגניה האָט ער זיי ניט דערקענט.

נאָר אַכט חדשים האָט ער מיט אונז געלעבט, און פאַר דער קורצער צייט האָט ער זיך אזוי ענג מיט די חברים, מיט דער ארבייט און מיט׳ן אָרט פערבונדען. נאָר דער טויט האָט געקענט זיי צושיידען. אויך אין לאַנד אליין האָט ער נאָך גאָר ווייניג געזעהן — נאָר דעם גליל התחתון. גערעכענט האָט ער פסח זיך דורכשפּאַצירען קיין גליל העליון.

עלענדער! ער האָט גאָר ניט געפיהלט, וואָס עס ערוואַרט איהם.

און די ריינע נשמה, דער פרישע יונגער משה׳קע איז פערדעקט מיט אַ קליינעם בערגעלע ערד אין דעם איילבערטען־גארטען וואס ער אליין האָט דאן בעארבייט, געאַקערט.

פון מיינע הענד שפּירט זיך נאָך דער ריח פון בלוט, וואס איך האָב אין איינעם מיט דער ערד אין זיין קבר אריינגעלעגט.

עס פערקווועטשט דאָס הארץ ביים אַנדענק פונ׳ם יונגען משה׳קעס בילד, פון יע־

נעם שבת צו־נאַכטס כב׳ חשון אין מלחמיה, וואָס ביים ירדן. הייליג איז מיר פון איהם יעדער זכרון, הייליג די מינוט ווען פאַר אונז האָט זיך זיין פערבלוטיגט־פערוואונ־דעטער פּנים ענטפּלעקט.

משקה׳לע האָט זיך אליין אַנגעגעבען, אַז ער וויל געהן אוועקטראַגען רפואות אַ קראַנקען אין מלחמיה. און אויף זיין וועג צוריק, זענען איהם זעקס גזלנים בעפאַלען און האָבען געוואָלט ביי איהם די פרדה צונעהמען, אויף וועלכער ער האָט גערוטען. ער איז אראב פון דער פרדה, האָט זי אַ שמיץ געטאָן מיט׳ן בייטש און זי אהיים פערטריבען, זיך אליין האָט ער אין סכנה געשטעלט. ער איז געבליבען מיט די אַראַ־בער.

און די פרדה איז געקומען אהיים אליין, אָהן איהר רייטער. אזוי לעבט און אזוי שטאַרבט אַ אידישער אַרבייטער אין ארץ ישראל!

משה׳קע איז געשטאָרבען אַ שעהנעם טויט, אַ העלדענטויט. וועט די ערד איהם גרינג זיין? אַ ליגען! ערד איז ניט גרינג. און נאָר דאָס בלוט פון די מערדער זיינע וועט שטילען די שטים פון זיין יונגען בלוט, וואָס שרייט צו אונז פון דער ערד ארויס.

אַ בריעף

סקווירא, יום ז׳ תשרי תרע״ר.

געעהרטע חברים — די גרופּע פון דגניה!

איך האָב געקריגען אייער טייערען בריעף געשריבען מיט טרעהרען און מיט בלוט. אין איהם האָב איך געזעהן אמת׳ע ווערטער וואָס געהען ארויס פון הערצער פון ליעבענדע, פון פריינד, וואָס זענען פערבונדען אַ הארציגען בונד וואָס וועט קיינמאָל ניט צוריסען ווערען.

טייערע ברידער! וואָס מיר האָבען ניט ערוואַרט, האָט פּאַסירט. אַ גרויסער בראָך איז געקומען אויף אונז, אבער איך גלויב, אַז אייער גייסט וועט ניט פאַלען און איהר וועט ניט צוריקגעהן חלילה. אדרבה! איך האָף, אַז דער געדאַנק פון מיין פערשטאָרבענעם זוהן וועט נאָך אייך צוגעבען מוט און שטאַלץ בייצושטעהן אייער הייליגע מלחמה ביז מיר וועלען פערווירקליכען אונזער גרויסען געדאַנק, וואָס צוליעב איהם און צווישען אייך האָט מיין זוהן זיין בלוט און לעבען מקריב געווען.

ברידער! ניט נאָר דאַנקען אייך פאַר אייער בעטייליגונג אין מיין צער, נאָר אויך טרייסטען אייך וויל איך, ווייל מיין צער איז דאָך אויך אייער צער. לאָמיר־זשע האָפען אינאיינעם, אַז דאָס בלוט פון אונזער גרויסען קרבן — דאָס בלוט פון מיין זוהן און אייער ברודער משה וועט בעוויליגט ווערען, און אפשר וועט דאָס זיין דער לעצטער קרבן אויפ׳ן מזבח פון אונזער הייליגען געדאַנק. מיט ציון׳ס־גרוס און מיט טרייסט, אייער פערעהרער וואָס האָפט אויך אייך בעקאַנט צו זיין.

הירץ באָרסקי.

חבר יוסף זאלצמאן, געארבייט ביי ערד. ענדע חשון ה׳תרע״ד (1913)
זענען איהם איבערפאלען פיער אראבער און געטויטעט נעבען נאצ. פאנד פארם כנרת.

אלכסנדר:

יוסף זאַלצמאַן

(פֿון וואַרשאַ ביז כנרת.)

ס'איז געווען ווינטער, 1912־טען יאָהר. נאָך דער רוסישער רעוואָלוציע. ווי פֿערליעבטע, וואָס האָבען זיך מיט אַמאָל אויסגעניכטערט האָט אַ פּוסטקייט געמאַטערט. אַ טהייל איז אַוועק צו זייגע שמאָלע פּערזענליכע אינטערעסען, אַ טהייל האָט זיך געראַטעוועט מיט קונסט, מיט'ן עסטעטיזם. אַ כאַראַקטערלאָזע צייט — אַ פֿערלעגענהייט געווען.

פֿאַר די ניט פֿיעלע וואָס זיינען געווען אויף פֿריהער, אין טומעל צייט, פֿערבונדען מיט א"י איז איצט דאָס לאַנד געוואָרען נאָך נאָהענטער און דרינגליכער.

אין דער צייט פֿון דער רעוואָלוציע איז מען געוועזען זעהר פֿערנומען. פּאַלעסטינא איז געווען ניט מעהר ווי אַ ווייטע אַבסטראַקציע; אַ מין געמיש פֿון דער חדר־ראָמאַנטיק מיט'ן חורבן־קאַשמאַר.... א"י איז געווען אונקלאָר און ווייט.

ווען פֿון דעם רוסישען „משיח“ בן יוסף — פֿון דער רעוואָלוציע האָט זיך גאָרנישט אויסגעלאָזען, דאַן איז אויפֿגעוועקט געוואָרען אַ נייער אינטערעס צו א"י. ס'האָט זיך געוואָלט קאָנען און וויסען דאָס לאַנד.

דערצו די אָפּטע גרוסען וואָס פֿלעגען אָנקומען פֿון דאָרטען, גרוסען אין וועלכע ס'האָט געקלונגען אַ נאָסטע פֿון גלויבען אין זיך און פֿון שטאָלץ האָבען נאָך מעהר געררייצט און גערופֿען „אינ'ם לאַנד וואו“... אינ'ם טעמפּען ווינקעל פֿון די „הזמירס“, „ליטעראַרישע פֿעראיינען“ איז טויט לאַנגווייליג געוואָרען. ארץ ישראל האָט געוואונקען פֿון דער ווייטען: אפֿשר... דאָרט אַביסעל פֿרייע לופֿט דעם אָטהעם אַבצוכאַפּען... אפֿשר אַביסעל היימישקייט פֿאַר זיך אַליין... אַ טראָפּען מנוחה פֿאַר אַ אידישער נשמה...

אין יענעם ווינטער איז יוסף זאַלצמאַן געקומען פֿון א"י אין וואַרשאַ שטעלען זיך צום „פּריזיוו“.

אַ העלער בלאָנדין מיט ברייטע פּלייצעס מיט נאָך אַ ברייטערען און העלערען שמייכעל... אַ גאָלדיג לאָקען האָר, פֿון דער זון אָבגעברענט, וואָס איז איהם איבער'ן שטערען אַראָבגעהאָנגען און די פּראָסטע ניט וואַרשאָווער קליידער האָבען איהם אַרויסגעגעבען פֿאַר אַ ניט־היגען.

זיין קומען איז פֿאַר מיר געווען אַ זאַך אין דער צייט. כ'האָב נאָך קיינמאָל ניט אַזוי ווי דאַן געגאַרט נאָך אַ פֿרישען אונמיטעלבאַרען גרוס פֿון א"י. כ'האָב אָבער שנעל דערפֿיהלט אַז ניט יאָסעל איז דער מענש פֿון דערצעהלען. פֿון אַ לאַנד דערצעהלען קאָן נאָך אפֿשר דער טוריסט, דער מענש מיט די ערשטע איינדריקען, אָבער דער איינגעלעבטער מענש — איהם איז עס שווער. די אייגענאַרטיגקייט פֿון זיין סביבה בעמערקט ער ניט אַזוי גוט. ס'קומט איהם פֿאָר נאַטירליך און געוועהנליך. בפֿרט יאָסעל וואָס האָט נאָר ג ע פֿ י ה ל ט די אַטמאָספֿערע און די שטומע ניואַנסען פֿון פּאַלעסטינאַ. ער האָט גאָר נישט געקאָנט דערצעהלען.

איינמאָל האָב איך יאָסלען צונויפֿגעפֿיהרט מיט אַ געוויסען ציוניסט. אַ יוד אַ סוחר, האָט ער זיך אַ נעהם געטאָן פֿונאַנדערפֿרעגען: וואָס פֿאַר געשעפֿטען קאָן

מען דאַרט מאַכען? וויפיעל פערדיענט א קרעמער, אנ׳אַרבייטער? ווי טייער א פּוד ווייץ, האָבער? — יאָסעל האָט מיט די פּלייצעס געקוועטשט און ניט געוואוסט וואָס צו טאָן מיט דעם יודען. „כ׳ווייס, אמאָל טייערער, אמאָל ביליגער, אמאָל פער־דיענט מען מעהר אמאָל וויינינגער — וואָס איז אייגענטליך די נפקא מיניה?" די צוויי מענשען האָבען ניט געקאָנט צוזאַמענרעדען זיך. פאַר יאָסלען איז דאָך דאָס געוועזען ניט קיין „סטאַטיסטיק" און אפילו ניט קיין פּעקעל פּראָבלעמען, נאָר אנ׳ אינטימע אנגעלעגענהייט, דער סוד פון זיין לעבען...

ער האָט זעהר וויייניג דערצעהלט פון א"י, נאָר אין זיין גאַנצען האַלטען זיך, אין זיין לאַכען און זינגען האָט זיך גוט געפיהלט אז דער מענש לעבט מיט אנדערע הימ־לען, מיט אנדערע ווייטע ניט היגע אינטערעסען.

מיר האָבען זיך בעפריינדעט. ער האָט מיך גערופען ביי מיין העברעאישען נאָ־מען — „צבי"... פון די אָבגעריסענע בעמערקונגען, און אגב־ אורחא עפּיזאָדען איז מיר ביסלעכווייז נעהענטער און בעגרייפליכער געוואָרען די טראַגישע שענקייט פונ׳ם לעבען וואָס עס מאַכען אדורך די אידישע אַרבייטער און שומרים אין א"י.

נאַטירליך — נאָר טונקעל געשפּירט עס און ס׳האָט געצויגען און בעאונרוהיגט... א קליינינגקייט און עס געדענקט זיך:

אין וואַרשא זייענדיג, האָב איך זעהר ניט ליעב געהאַט די „חובבים" מיט זייער „שלום". עפּעס טוכלעס איז אין דעם געווען. נאָר אמאָל, אין מיטען דער טומעל־דיגער, צושויבערטער גענשא גאַס, האָט זיך יאָסעל מיט מיר געזעגענט, גוטברודעריש די האַנד געדריקט און הויך „שלום" אויסגעשריען. דאָס מאָל האָט דער „שלום" מיר אזוי סימפּאַטיש אָבגעקלונגען; גאָר אנ׳אנדער מונטערקייט, א פרישקייט פון קלאַנג, א טאָן פון א לעבעדיגען מענשען. און אנ׳ אונקלאָרע האָפנונג האָט געשמייכעלט: העברעאיש אין ארץ ישראל איז... — כ׳ווייס ניט ווי — נאָר אנדערש, אנדערש ווי דאָ...

יענעם ווינטער האָב איך געוואָהנט אין פּאַלעניצע — א וואַלדיג אָרט נעבען וואַרשא. חנוכה צייט איז עס אויסגעפאַלען. געווען א קינדער יום־טוב אין דער פּאַ־לעניצער שולע. א חברה גוטע פריינד פון וואַרשא זיינען צו מיר אראָבגעפאָהרען, פער־ברענגען א חנוכה אָווענד אויף א ווינטער דאַטשע. צווישען זיי געגנער, אונפּאַרטיי־אישע — פּערזענליכע פריינד. די שטילע לעדיגע ווינטער נאַטור ארום און די האַר־ציגע אידישקייט פונ׳ם קינדער יום־טוב האָבען אונז אַלעמען גוט געשטימט.

מ׳האָט ביי מיר דעם אָווענד פערבראַכט, געפיהלט זיך גוט און היימיש. אנ׳־אויסערגעוועהנליכע לייכטקייט און אויפגעלעגטקייט. זעלטען ווען עס טרעפט אז מענשען ווערען פּלוצלינג אָהן „א פאַר וואָס" גלאַט אזוי: גוט, ליעב און ליכטיג...

יודישע פאָלקס־לידער זיינען דאַן שטאַרק אין דער מאָדע געוועזען. האָבען מיר עס געזונגען און איבערגעזונגען. נאָר מעהר פון אַלעמען האָט זיך יאָסעל געפיהלט. זיין הילכיגע שטים, זיין ברייטער, פרעהליכער געלעכטער און חסיד׳ישער ברען, האָט זיך איבערגעגעבען דעם עולם און ווי גערופען געוואונקען פון ערגעץ וואו... — „דער ארץ ישראל׳דיגער פויער" האָבען איהם חברה א נאָמען געגעבען.

איין ליעדעל האָט יאָסעל מיט א בעזונדער אימפּעט און חשק געזונגען. דאָס איז עפּעס א נאָכאַהמונג פון א געוויסער פאָלקס־ליעד:

מיינט ניט יודען, אז ס׳איז ליצנות
אונזער ארבייט, אונזער מיה,
ארץ ישראל, בנאמנות,
וועט זיין אונזער׳ס, שפעט צי פריה!

אהן א ריטמוס, אהן א מאס, דאך האט מען אין יאסלען, אין זיין התלהבות גע־פיהלט דעם ריטמוס, דעם אינערליכען שטומען וועה וואס האט געפעהלט אין די ווער־טער... אלע האבען עס נאכגעזונגען אלע בעגייסטערטער און בענקשאפטליכער: „מיינט ניט יודען, אז ס׳איז ליצנות אונזער ארבייט, אונזער מיה"...

ס׳איז געווארען אומעטיגלאך און פערדראסיג: א הייליגע ארבייט, א גרויסע מיה און יודען... יודען טרייבען שפאס, מאכען ליצנות...

שפעט ביי דער נאכט צום לעצטען צוג אין ווארשא, האבען מיר דעם עולם בע־גלייט מיט דעם ניגון. אויפגעריסען יודען פון מיטען שלאף... פון אלע וואגאנען האבען זיי זיך צוגייפגעלאפען זעהן דעם בייז־וואונדער: דרייסטע יודישע שטימען אין מי־טען דער נאכט אויף א וויסטען, שטילען וואקזאל...

און מיינע פריינד האבען זיך געוויצעלט: „וואס זאגסטו? — יאסעל! ער האט אונז גאר אין ארץ ישראל פערשלעפט..."

יאסעל איז פערבליבען ביי מיר אויפ׳ן דאמשע אויף א פאר טעג. אזוניג־שיי־נענדער פרימארגען אין סאסנאווען וואלד. ארום א ווייסער, ווייסער אונגעריהרטער שנעע. שפאצירען מיר זאלבענאנד. פריש, העל און גוט ארום און ארום. געהען מיר און שווייגען.

— יאסעל, דאס איז ניטא אין פאלעסטינא?
— יא. דאס איז דארט ניטא.
— ווי, גאר קיין וואלד ניטא?
— יא. חדרה. נאר ס׳איז ניט דאס...

אונהיימליך געווארען....

נאך א לאנגער פויזע רייס איך איבער דעם שווייגען:

— ווייסט, יאסעל, פרעמד, שרעקליך פרעמד פיהל איך זיך דא. אומעטום וואו דו זאלסט זיך ניט א קעהר טאן, אין טראם, אין וואגאן, שטעכען דיך אדורך שארפע שפיזען, בליקען פול מיט האס און רשעות... אנומעלט א גרויער, צוקראכענער פאר־נאכט געוועזען... ארומגעבלאנקעט אין גאס... צוויי פוילישע ארבייטער זיינען א היים פון דער ארבייט אין א אידישע ווילע געגאנגען. דערהערט א שטיקעל געשפרעך זייערען. — „זונטאג איז די פוילישע קליינט אויף יענעם זייט געווען פערמאכט און ביי א אידען — א הארעבע וועל איך ביי איהם קויפען"...

נו, און די אידלעך מיט די שטעקעלעך און משונה׳דיג ווילדע העויות, וואס דרעהען זיך ארום אויפ׳ן וואקזאל א גאנצען טאג, שאכערען מיט ווילעס, וועלכע זיי האבען קיינמאל אין די אויגען ניט אנגעזעהן, כיטרעווען, בעשווינדלען איינער דעם אנדערען און לויפען צום „רבין". און זייערע טעכטער וואס לאכען זיי אויס הינטער די פלייצעס און רעדען נאר פויליש... — ס׳איז שלעכט, יאסעל...

ער האט א לענגערע ווילע געשוויגען, דערנאך מיט אן אומעטיגען שיין אין די אויגען געזאגט:

— הער, צבי, קום, פאהר מיט מיר אהיים"...

— וואס וועל איך דארטען טאן, יאסעל?
— ארבייטען.
— און געזונד?
— הם.. דאס איז אביסעל ניט גוט. נאר וועסט דא אבזיצען דעם ווינטער, דערנאך דער ווארימער קלימאט אין א"י, ניש־קשה, דו וועסט געזונד ווערען און קאנען ארבייטען...

פאר פורים איז ער אוועקגעפאהרען קיין קראקוי מיטנעהמען זיין בעסטען און ליעבסטען פריינד י. ט. „י. קאן און דארף שוין פאהרען אין א"י. ער וועט דארט קריגען זיין בעפרידיגונג" — האט ער מיר געזאגט פאר'ן אבפאהרען. כ'האב פון איהם נאך עטליכע בריעף בעקומען פון קראקוי. אין איינעם פון די בריעף בעט ער מיך „מיטנעהמען וואס מעהר חברים, מ'נויטיגט זיך דארטען אין פרישע כחות".
נאך פסח זיינען מירביידע אין איין צייט בערך אנגעקומען קיין ארץ־ישראל. ער דורך טריעסט קיין חיפה, איך דורך אדעס קיין יפו.

צוויי יאהר צייט זיינען מיר ביידע אבגעווען אין א"י און קיין איינמאל ניט געזעהן זיך. איז עס א צופאל? ניין. כ'וויים פאר וואס און כ'וועל עס ניט פער־לייקענען.
באלד ווי איך בין אין די יהודה'ר קאלאניעס געקומען, האב איך זיך גלייך איי־בערצייגט, אז אן ערד־ארבייטער און ווער רעדט א וועכטער איז ניט לויט מיינע כחות נאך. נו, איז געווען קאלאמוטנע אויפ'ן הארצען. ס'איז מיאוס פאר זיך אליין, לעבען צווישען די ארבייטער ווי א צושויער, ווי א זייטיגער מענש. אין א"י איז א מין קריעגס־צושטאנד, ביי נאכט מיט'ן ביקס און ביי טאג מיט'ן אקער. די „גאל־דענע פעדער" איז דארט א לוקסוס־זאך און דער פראפעסיאנעלער אינטעליגענט כמעט ווי אן איבעריגער מענש.
עס איז נאך פיינליכער און שווערער פאר אזא, וואס ווייסט און פיהלט, אז דער גאנצער ווערטה און זין פון א"י איז נאר אין דער אידישער ערד־ארבייט.
נו, איז יוסף זאלצמאן געווען מיין שווערסטע בעגעגעניש, האב איך איהם אויסגעמידען...
פאר דער גאנצער צייט האב איך פון איהם אינגאנצען א צוויי דריי גרוסען געהאט. איין גרוס געדענקט זיך מיר.
צווישען די הויכע אבגעשלאסענע און פערלאזענע בערג ארום ירושלים האט זיך דאן נאך א אידישע פארם געגרינדעט — כפר־אוריה. דער אלטער גארדאן מיט זיינע חברים זיינען געווען די ערשטע „קבוצה" פון אידישע ארבייטער וואס האבען זיך דארט בעזעצט.
כפר־אוריה איז געווארען א שטיקעל שבת, „נשמה יתירה" פון דער אידישער ארבייטערשאפט אין א"י. מיט א בעזונדער יראת־הכבוד און ליעבשאפט האט מען דעם נאמען ארויסגערעדט. אין דער „קבוצה" איז אויך יוסף זאלצמאן אריין.
מאכט זיך אמאל, אז דעם כמורנעם און ניכטערען ברענער'ן קומט אוים צו איי־בערנעבטיגען אין כפר־אוריה ביי זיין פריינד גארדאנ'ען.
קומט ער צוריק אין ירושלים, פרעג איך איהם:
— נו, וואס איז עפעס כפר־אוריה?

— אָהאָ, כפר־אוריה!

— האָט איהר זיך דאָרט בעקאַנט מיט וועמען?

— ניין. נאָר פון דערווייטען געזעהן יוסף זאַלצמאַנען אויסשפּאַנענדיג די פערד פארנאכט קומענדיג פון פעלד; געזעהן ט. יא, נאָך פאַראַן ביי אידען עטליכע גוטע יונגע לייט... אָה, כפר־אוריה...

מעהר האָב איך פון יאסלען קיין גרוס ניט געהאט ביז דעם טאג ווען עס האָט זיך בעקומען אין רעדאַקציע פון „האחדות" די ידיעה פון כנרת....

פאר פסח בין איך אין גליל געפאָהרען. דער שטילער שפּע פון עמק יזרעאל, די הויכע און בערוהיגענדע בערג, די הייליגע טריישאַפט פון די ארבייטענדע ברידער און שוועסטער, די נייע זאנגען פעלדער פון דגניה, די בלויע וואסער לעגענדע — כנרת האָבען מיך בערוישט. אין קאָפּ האָט זיך געמישט פסוקים פון היסטאָריע — „דער גליל איז געווען בעדעקט מיט דערפער און האָט אויסגעזעהן ווי איין שטאָדט", און די וויסטקייט פון די בערג און טהאלען, די שטילע זונינע דערפער, די איינציגע פארמס, די שטיקלעך פערזייהטע ערד האָבען קינדיש העל און פרעהליך געשיינט דיר אנטקעגען... די צעוואָרפענע שטראהלען פון בויען און בעלעבען האָבען געשטיכעלט, געמונטערט און צוגעזאגט... דאס הארץ איז איבערפולט געווארען און די ליפּען האָ־בען שטיל געבענשט די איינזאמע ברידער און שוועסטער פון גליל... ווי מאָנאכען צווישען בערג פערשפּארטע מיט דער גרויסער ליעבשאַפט צום פאָלק און לאַנד אין הארצען, און מיט דער בעשיידענער מסירות־נפש'דיגער ארבייט.

איך בין ארומגעגאנגען פון דאָרף צו דאָרף ביז כנרת. דאָ האָב איך זיך געזאָלט זעהן מיט יוסף זאַלצמאַן צום ערשטען מאָל אין א"י...

אויפ'ן וועג פון כנרת קיין בתניה צווישען פערזייהטע פעלדער שטעהט אַן איינזאמער ארומגעצוימטער קבר. אינוויינינג וואקסען בוימעלעך, ארום שטיל און זוניג, רוהיג ווי דער טויט און אפשר ווי דער חעכסטער גליק פון לעבען... — יוסף זאַלצמאַן'ס קבר.

טאג טעגליך געהען פערביי דעם קבר זיינע חברים־ארבייטער געהענדיג אין פעלד און פון פעלד... פאלט דער בליק אויפ'ן קבר, פערכמורעט זיך א ווײַלע... ווער נאָך ווי די ארץ ישראל'דיגע ארבייטער קאָנען טיעף בעגראָבען זייער וועהטאג און שווייגען!...

דאָרט האָב איך עטליכע שעה פערבראכט. ווער קאָן עס ארויסזאָגען וואס יענע עטליכע שעה זיינען פאר מיר געוועזען...

ווען איך בין אוועק פון דאָרטען האָב איך אָנגעטראָפען זיין בעסטען חבר ט. פאָהרענדיג אויף א פולען וואגען תבואה. אונזערע אויגען האָבען זיך בעגעגענט און ווי צום ערשטען מאָל איינע די אנדערע די טרויעריגע בשורה אָנגעזאָגט... דער קבר איז צווישען אונז ביידען אויפגעשוואומען...

יעקב פעלדמאַן

זונטאג, דעם 8־טען כסלו תרע"ד ביינאַכט, איז געפאַלען דער יונגער וועכטער, חבר י ע ק ב פ ע ל ד מ א ן אויף זיין פּאָסטען, ביי דער פּארם סעדזשערא.

יעקב פעלדמאַן האָט פריהער געאַרבייט אין מלחמה. מיט א האלב יאָהר פאר זיין טויט איז ער אָנגענומען געוואָרען אלס וועכטער אין יבנאל (יעממא). זייענדיג אינ־טעליגענט און איבערגעגעבען צו דעם געהאנק פון אידישער וואך, האָט ער זיך אויס־געצייכענט מיט זיין דרייסט און מוטהיגען גייסט אלס וועכטער אין בית־גן, פונקט ווי אין זיין לעצטער נאכט.

אין בית־גן האָבען איהם א מאָל אָבגעהיט די גנבים און פלוצלינג איהם בעפאַלען מיט דעם ציעל צו צונעהמען ביי איהם זיין געוועהר. דער יונגער וועכטער האָט זיך, אָבער, העלדיש פערטיידיגט, און נישט קוקענדיג אויף אלע קלעפּ און וואונדען, וועל־כע ער האָט בעקומען פון זיינע אָנגרייפער, האָט ער זיין געוועהר פון האנד ניט ארויס־געלאָזען.

די לעצטע נאכט פון זיין וואך איז געווען שווארץ־פינסטער און רעגענדיג. ארום־דרעהענדיג זיך ארום פארם, האָט ער דערפילט גנבים, וועלכע האָבען זיך אונטער־געגראָבען אונטער'ן וואנד און אריין אין ור־ן'ס קרעמעל. פעלדמאַן איז צוגעגאַנ־גען נעהענטער כדי צו כאפּען די גנבים בשעת'ן ארויסגעהן. אין דער פינסטערניש האָט ער אָבער נישט דערזעהן, אז דערביי שטעהען נאָך איינער אָדער עטליכע רויבער, וועלכע בעוואכען זייערע חברים, וואָס זיינען אריין אינוועניג. ווי ער איז נאָר צוגע־קומען האָבען זיי אין איהם אויסגעשאָסען אין דער פינסטער. די קויל האָט איהם גע־טראָפען אין קאָפּ און ער איז געפאלען טויט אויפ'ן אָרט. די מערדער זיינען אנטלאָ־פען.

חבר בעריל קליי, איז געקומען פון אמעריקא און געארבייט ביי דער ערד אין גליל. דעם 26־טען אדר תרע"ה (1915) בעת דעם אנפאל אויף מלחמיה איז ער געפאלען פון א מערדערישער קויל.

מ. בירשטיין:

בערל קליי

ס'האָט זיך בשום אופן ניט געלעגט אויפ'ן שכל, די גאַנצע צייט זינט ס'איז אָנגעקומען די ידיעה פון ארץ ישראל, דאָס דער חבר ב. קליי איז ניט מעהר צווישען די לעבעדיגע.

דער גרויסער, שטאַרקער, געזונטער קליי, מיט די ברייטע פּלייצעס, מיט דער געזונטער ברוסט, מיט די שטאַרקע הענד — דער אונערשראַקענער קליי, מיט דעם פעסטען כאַראַקטער און וואַרימע האַרץ זאָל אַזוי גיך פאַלען א קרבן פון א מערדערישער האַנד. ער האָט דאָך אַזוי פיעל געשטרעבט און געקעמפּפט בכדי צו קאָנען לעבען אין ארץ ישראל, לסוף איז ער גאָר פּריהצייטיג געשטאָרבען אין ארץ ישראל. — אָט שטעהט ער פאַר מיר א לעבעדיגער מיט דעם קלאָהרען שוואַרצען קאָפּ, מיט די קלוגע ברוינע אויגען און אויסדרוקפולען מויל, מיט דער רוהיגער בעשטימונגספולער בענעהמונג און רעדט צו מיר מיט דער ערנסטער באַסאָווער שטימע פון זיין אידעאַל, וועלכער בעלויבט זיין וועג...

„איך האָב נאָר איין ציעל אין לעבען", שרייבט ער מיר פון דער פאַרם אין אילינאָיז, וואוהין ער איז אָנגעקומען נאָכדעם ווי ער האָט פערלאָזען די אגריקולטשורעל סקוהל אין וואודביין, „וועלכען איך ו ו י ל און ו ו ע ל פערווירקליכען, דאָס איז, בעזעצען זיך אלס ע ר ד ־ א ר ב י י ט ע ר אין א ר ץ י ש ר א ל —". א זעהר בעשיידענער ציעל, אָבער א שעהנער און ערהאַבענער!

און ער האָט איהם פערווירקליכט, לײדער אויף א קורצער צייט...

ס'איז מיר ביז איצט ניט געלונגען צונויפזאַמלען אַלע פאַקטען און איינצעלהייטען פון זיין עטוואס געהיימניספולען לעבען אום צו קאָנען געבען א פאָלשטענדיג בילד פון דער אינטערעסאַנטער פערזענליכקייט פון דעם חבר קליי. נור אויף וויפיעל אונז איז בעוואוסט איז חבר בעריל קליי (קולטשינסקי) געבוירען אַן ערך דרייסיג יאָהר צוריק אין א קאָלאָניע אַרום מעליטאָפּאָל און געקראָגען א ציעמליך גוטע ערציהונג. ער איז געווען גוט בעהאַוועט אין אידיש, העברעאיש, רוסיש, דייטש און ווי אַן אמת נאַטור קינד ליעב געהאַט פעלד און וואַלד. אין זיין פריהער יוגענד, זייענדיג אין יעקאַטערינאָסלאַוו, בעקענט ער זיך מיט דעם פּועלי ציוניזם, און די פערווירקליכונג פון דיעזען אידעאַל ווערט זיין הויפּט ציעל אין לעבען. אין א צייט אַרום פאָהרט ער אָב קיין פּאַריז וואו ער פערברייננגט א פּאָר יאָהר, ערלערנט די פראַנצויזישע שפּראַך און וואַנדערט אויס, אלס ארבייטער אויף א פראַכט שיף, קיין קאַנאַדע. אין קאַנאַדע ארבייט ער א קורצע צייט מיט דער האַק אין א וואַלד פון וואַנען ער לאָזט זיך, האַלב צו פוס, האַלב מיט דער באַהן, נאָך די פעראייניגטע שטאַאַטען.

אין 1906 קומט ער אָן אין באָסטאָן און טרעט אריין אין פעראיין. ער שטעלט זיך ארבייטען אין א פּיאַנאָ פעקטאָרי אין קעמברידזש און ווערט אויך טהעטיג אין קעמברידזשער פעראיין; ער ווערט ערוועהלט אלס דעלעגאַט פון קעמברידזש צו דער פילאַדעלפיער קאָנווענשאָן און נאָכדעם צו אַלע ראַיאָנע און סטייט קאָנפערענצען. ווען דער אינדעפּענדענט ארבייטער רינג ווערט אָרגאַניזירט אין מאַססאַטשוזעטס, טרעט ער אריין אלס מיטגליעד און פיהרט אָן א שטענדיגען קאַמפּף פאַר די אידיש

נאציאנאלע אידען, מיט וועלכע דער „אינדעפענדענט“ צייכענט זיך אויס עד היום, איבער דעם „ניו יארקער“ ארבייטער רינג.

אין 1908 קומט ער אן אין דער וואודביין אגריקולטור שולע, וואו ער דערפיהלט זיך ווי א פיש אין וואסער. — זיינע בריעף פון וואודביין זיינען פול מיט בעגייסטערונג פון דעם גרינעם פעלד, פון דער בליהענדער בלום און זינגענדען פויגעל. נאך זייענדיג אין באסטאן האט ער יעדע שטונדע וואס ער האט נור געקאנט אבשפארען פערבראכט אין ביבליאטעק איבער זשורנאלען פון אגריקולטור און באטאניקע; אבער ער איז געווען מעהר א פראקטישער אידעאליסט, דארום האט איהם די פראקטישע פארם ארבייט אזוי אויפגעמונטערט.

אין 1912, זייענדיג אין קאליפארניא אויף א פארם, שרייבט ער מיר: „איך האב זיך מתקנא געווען אויף דעם מענשעלע מיט דער קאסע, וועלכער שטעהט אויסגעמאהלט אויף די פועלי ציון סטעמפס — און ניט איך אליין, נור טאקי נאך א 15 יונגע לייט. נו, פאהרען מיר; מיר האבען ניט קיין שלעכטע אויסזיכטען זיך צו עטאבלירען זעלבסטשטענדיג; און וואס דארף א קבצן? לאנד האבען מיר, געזונד אויך. און א הייזקע, און א פלונית׳טע וועט גאט מסתמא צו שיקען, און דאס אלעס בארץ אבותי! וואס ווילסטו נאך?“ און אין א צווייטען בריעף שרייבט ער מיר: „דו זאגסט אז איך בין ניט גערעכט מיט מיין פארוואורף צו די חברים אין אינדיפערענטיזם, און וואלט נאר געווען א געוויסע קאנקרעטע פאלעסטינא־ארבייט, זיינען זיי מיט לייב און לעבען פאר פראקטישע ארבייט.

„איך וואלט זעהר וועלען וויסען וואס דו מיינסט די קאנקרעטע ארבייט? צי דו מיינסט דעם נ. פ., פלשתינא־ארבייטער פאנד, לאנד דעוועלאפמענט קאמפ., קאלאניאל־באנק א. ז. וו. וואס פאר א קאנקרעטע ארבייט ווילט איהר? גלות־ציוניסטען אדער פועלי ציון? (די סאציאל־עקאנאמישע אנשויאונגען פון דיביידע שפילען אין דיזען פאל קיין ראלע ניט). טראכט זיך נאר גוט אריין און קוק זיך גוט ארום, פיליכט איז אין דעם ניט די שולד פון דאס פעהלען פון קאנקרעטע ארבייט, נאר די פוילקייט און האלב־הערציגע בעציהונג פון די אידעע־טרעגער פון דעם ציוניזם? און אנדערש קען עס אויך ניט זיין, ווארים קוים דארף מען שוין פאר עפעס אדער אימיצען טהאן, איז עס דאך שוין אן אינדירעקטע שיכות אדער בעסער געזאגט, א ברירה — וויל איך טהו איך, וויל איך ניט, קען מיר אויך קיינער גאר ניט טאן. ניין, חבר בירשטיין! ערלויב מיר דיר צו זאגען עטליכע ווערטער, זאלסט אבער ניט ברוגז זיין, דאס אויב איהר מיינט ערנסט מיט אייער ציוניזם, דאן מוזט איהר אנהויבען די פערווירקליכונג פון ציוניזם פון זיך אליין, דורך זיך און פאר זיך. און אויב די יעניגע, וועלכע פרעטענדירען צו זיין די אייפריגסטע אנהענגער פון דעם ציוניזם, די ציוניסטען, וועלען עס ניט טאן, וועט דער ציוניזם בשום אופן ניט פערווירקליכט ווערען. איך וואלט געקאנט אנווארפען א גאנצע קופע מיט שטארקע ווערטער, נאר וואס איז די פעולה. צווישען זיך ריידענדיג, מוזען מיר מודה זיין, דאס די ציוניסטען מכל המינים זיינען נעבאך זעהר ניט קאנסעקווענט אין זייערע טעארעטישע אנשויאונגען, ווער שמועסט שוין, אין בעצוג צו פראקטישער ארבייט. די אסימילאטארען זיינען קאנסעקווענט. למשל, דער ציוניסט זאגט, אז דעם אידען לעבט זיך שלעכט אין אלע הינזיכטען; פאלגליך דארף מען אויסוואנדערען אין ארץ ישראל. טוט ער עס? א נעכטיגער טאג! דער אסימילאטאר זאגט, אז דעם אידען לעבט זיך

גוט וואו ער איז, פאַלגליך, איז ניטאָ וואָס עמיגרירען, און ער בלייבט אויף דעם פּלאַץ וואו ער איז. ער רעדט די שפּראַך פון לאַנד, שמד'ט זיך און זיינע קינדער, זוכט זיך מיט אַלע מעגליכקייטען צו אַסימילירען. ער איז קאָנסעקווענט. נאָר דער ציוניסט איז ניט אַזאַ איינפאַכער חברה־מאַן. ער געפינט שוין אַן אויסרייד, למשל אין רוסלאַנד זאָגט ער — די רעפּרעסיעס זיינען אַזוי שטאַרק, אַז מ'קען גאָר נישט טאָן. (אַן אומשטאַנד, וועלכער האָט געשאַפען וואונדער אין פערלויף פון דער גאַנצער געשיכטע). פון אונטערדריקונג זוכט מען זיך פריהייט, און ביי די ציוניסטען האָט עס פונקט אַ פערקעהרטע ווירקונג. אין אַמעריקאַ איז עס צו גוט, איז דאָך שוין אָבגערעדט. וואו זיינען די פאַקטאָרען, וועלכע טרייבען אידען צום ציוניזם: דענקט איהר באמת, דאָס די פּאָר מיליאָנען דאָלאַר וואָס מיר האָבען זיינען אימשטאַנד עפּעס צו טאָן? אפילו מיר זאָלען האָבען הונדערטער מיליאָנען? אָה, ניין! עס איז דער מענש און ער אליין, וועלכער איז דער בעשעפער פון די מיליאָנען, און אויב ער איז ניטאָ, דאַן ליגט עס ווי אַ טויטער קאַפּיטאַל. מיינע חברים פון ארץ ישראל שרייבען מיר, דאָס דער נ. פ. האָט פיעל לאַנד, נאָר ער מוז עס צוריק פערקויפען צו פרעמדע, — עס איז ניטאָ ווער עס זאָל בעאַרבייטען. און דאָ זיצט אַן אָרדע פון אַ טויזענד מאַן און מע רעדט וועגען קאָנקרעטער ארבייט. אוי, קענט איהר ריידען! יעדעס מאָל, ווען איך הויב אָן צו ריידען צו די גלות־חברים וועגען בעזעצען זיך אין ארץ ישראל, קריג איך מעהר קיין ענטפער ניט פון זיי. דאָס רעדט פאַר זיך אליין. אנדערע פערקלאַפּען דעם קאָפּ מיט רענעסאַנס! וואָס איז? ביאַליק שרייבט שענע העברעאישע פּאָעזיע. יאַ, דאָס איז זעהר אנגענעהם! אָבער דאָס פאַרווירקליכט נאָך אַלץ ניט דעם ציוניזם. מילטאָן, דער פּוריטאַנישער פּאָעט, האָט אָנגעשרייבען די פּאָעמאַ פונ'ם „פערלאָרענעם גן עדן" און איז געבליבען אין ענגלאַנד, און די פּוריטאַנער פּויערים זיינען אַוועק אין אַמעריקאַ און האָבען געשאַפען אַ גן עדן, וועלכער איז פון גרויסען ווערט! און רב ישראל איז געקומען אַהער און בויטשעט זיך אַרום אין אַנקעל סעם'ס נאַציאָנאַלען מאַגען ווי אַן אונפערדייליכער ביסען, ביז... ער וועט מוזען נעהמען אַן אַפּפּיראַכץ. נו, נו — וואָס ווייסטו ניט, וואָס עס וועט זיין? ניין, חבר, די קאָנקרעטע ארבייט דאַרף מען ניט זוכען. איך און מיינע חברים האָבען זי געפונען. דערפאַר בעציהען מיר זיך אַזוי סאַרקאַסטיש צו אייערע קאָנקרעטע ארבייט..." און אין אַנאַנדער בריעף שרייבענדיג וועגען דער לאַגע פון די אידישע ארבייטער אין ארץ ישראל שרייבט ער מיר... „דער אַרט לעבען פון די ארבייטער אין ארץ ישראל איז מיר גאָר ניט פרעמד דאָ אויפ'ן פּלאַץ. איך האָב דאָ פּאָר אַ יאָהרען זומער געפּיבערט אויף וואָס די וועלט שטעהט, און די הייזער דאָ ווייס איך ניט צו זיי זיינען פיעל בעסער ווי די פּאַלעסטינער, דאָך מאַך איך ניט קיין רעש; ס'קאָן זיין ווען איך זאָל זיין אין פּאַלעסטינע וואָלט שוין אין אַ ציוניסטישער צייטונג ערשיענען אַ ספּעציעלער עדיטאָריעל וועגען מיר..."

אין 1913 קומט ער אין ארץ ישראל און צוזאַמען מיט אַ גרופּע ארבייטען זיי אין דער קאָלאָניע „כנרת". אין אַ צייט אַרום בעשליעסט ער צו ווערען אַ זעלבסטשטענדיגער קאָלאָניסט. ס'ווערט איהם אָנגעבאָטען לאַנד אין דער קאָלאָניע „מטולה" אָבער ער בעזעצט זיך בעסער אין „מלחמיה", אין גליל התחתון, ניט אַכטענדיג וואָס מ'האָט איהם געוואָרענט, דאָס „מלחמיה" איז ניט קיין רוהיגער פּלאַץ...

דעם 26טען אָדר תרע"ה, בעת דעם אָנפאַל אויף מלחמיה, איז ב. קליי געפאַלען

טויט פון א מערדערישער קויל. געפאלען א חבר, וועלכער איז געווען די פערקערפערונג פון אונזער אידעאל. מיט זיין בלוט בעשפריצט און מיט זיין קערפער פעט געמאכט די הייליגע ערד.

זרבבל :

דער „אמעריקאנער“

(וועגען בערל קליי.)

איך האב געוואוסט, אז ער דארף די טעג זיין אין ירושלים און געווארט אויף איהם מיט אונגעדולד. דער ערשטער „אונזעריגער“ פון אמעריקא. מ'האט מיר דארט אזוי פיעל וועגען איהם זיך אנדערצעהלט, און כ'האב געוואלט איהם זעהן, וויסען, ווי פיהלט ער זיך נאך דעם, ווי ער האט פערבראכט א פאר חדשים אין לאנד. ווען ער איז אריינגעקומען אין אונזער פארטיי־רעדאקציע „האחדות“ האב איך איהם אויפ'ן שטעל דערקענט לויט'ן פעסטען קערפער־בוי, לויט דער ענטשלאסענקייט און וויכקייט פון זיין בליק. ער איז געווען איינגעהאלטען אינ'ם שמועס. וועגען דאס לאנד בכלל ניט גערעדט, פון גארנישט קיין התפעלות געבאפט און אויבערפלעכליך געמאכט דעם איינדרוק פון איינעם, וואס האט זיך אבגענארט אין זיינע פאנטאסטישע פארשטעלונגען. אויבערפלעכליך. ער האט זיך צו אלץ צוגעקוקט מיט'ן ערנסט פון דעם היימישען מענשען, וועמען עס איז אלץ נוגע אין לעבען. פון צופעליגע בעמערקונגען האט זיך ארויסגעפיהלט, אז קליי איז שוין געפאנגען און בעהערשט פון דער בעזונדערער ארץ־ישראל'דיגער שטימונג, וועלכע שטראהלט ארויס פון זיין שמייכעל, פון זיין בענעהמונג צו די ירושלים'ער אידען, צו די קינדער, צו די הימלען, בערג....

און כ'האב מיר געטראכט: אט איז צוגעקומען נאך א למד וואווניק. פאראן ביי אונז אין ארץ־ישראל א גאנצע קאטעגאריע פון אזעלכע „פערבעהאלטענע“. יאהרען דרעהען זיי זיך ארום צווישען אונז, קיינער בעמערקט זיי נישט, אין גארנישט מישען זיי זיך. זיי קוקען זיך בלויז צו כלומרשט פון דער זייט און זענען פערטיעפט אין זייער ארבייט. פלוצים ווערען זיי „נתגלה“ און ס'ווערט ליכטיגער אין קאפ און אין הארצען. אלע ציהען זיך צו זייער ליכט, און זיי בעלייכטען אונזער לעבען... ווער דורך ווארט, ווער דורך טאט.

קליי וועט זיך נאך בעווייזען...

ס'זיינען דורך א פאר חדשים. איך בין אין כנרת. ס'איז דער הערצל־טאג, זיין יאהר־צייט. איבעראל וועט מען פאר זיין נשמה ליכט אנצינדען. אן אזכרה מאכען, און ווי אבלים טרויערען. דא אין גליל ווילט זיך ניט וויינען. נאר עהרען דעם אנדענק פונ'ם פאלקס־העלד. זאל היינט זיין א פייער־טאג פון דער ארבייט, וואס איז געשאפען געווארען אינ'ם אלט־ניי־לאנד נאכ'ן שטאלצען מוטיגען רוף צו זעלבסטבעפרייאונג. האט די געגענד אויפגעלעבט. קומען אן וועגענער געפאקטע מיט זינגענדע ארבייטער פון עמק יזרעאל, קומען צו רייטען בחורים און מיידלעך פון די ווייטעסטע קאלאניעס אין אויבערשטען גליל; לאזען זיך אראב פון די צפת'ער בערג גאנצע שירות אין דער נידער, פון חיפה, פון שומרון און אפילו פון יהודה. — עס זאמעלט זיך דאס פאלק קיין כנרת. ס'יאגען זיך די אידישע וועכטער אויף זייערע צוהיצטע

אַראַבישע שקאַפּעס, די יונגסטע טעכטער פון דער אַלטער טבריה זינגען פרייע אויפלעבונגס־ליעדער, טראָגען זיך שיפלעך מיט אַ ווייס־פערפּוצטען עולם איבער די רוהיגע וואַסערען פון'ם ים כנרת, און שטימען שטאַרקע, מונטערע פערהילכען די לופט און קלינגען אָב אין די אַרומיגע פערשאָטענטע בערג. די „אַמעריקאַנער קבוצה" פון „האכר הצעיר" לעבט. דאָרט שטעלט מען אויף הילצערנע געצעלטען, דאָ איז איינגעאָרדענט די אויסשטעלונג, דאָרט כאַפּט מען עפּיס איבער, דאָ ראַנגעלט מען זיך, און ס'איז אַ מחיה צו קוקען אויף די אַמעריקאַנער יונגען, וואָס פאַר אַ קראַפט עס שפּאַרט פון זיי, וואָס פאַר אַ געשיקטליכקייט און בעוועגליכקייט אין יעדען ריהר זייערען.

קליי'ס פּנים שטראַהלט. ער איז איבעראַל און אומעטום. נאָר נאָך אַלץ עטוואָס פון דער זייט. ער קוקט זיך נאָך אַלץ צו. ער רעדט ווייניג.

ס'איז אוועק נאָך אַ שטיק צייט. איך בין אין גליל העליון, אין ראש פּנה. ס'קומט, ווייזט אויס, אָן אַ נייע צייט, און אויך אהער וועט גרייכען דער פרישער שטראָם פון אויפבויאונגס־אַרבייט, וועלכער האָט פערפלייצט יהודה און גליל התחתון. מ'שמועסט וועגען אַרבייטער־דערפלעך, וועגען איינאָרדנען דאָ די תימנער, וועלכע וואַנדערן אַריין אין גרויסע מאַסען, פערשיעדענע חברות פון קרעמענטשוג און יעקאַטערינאָסלאַוו ווילען פערפלאַנצען דעם באַרג, ס'מערקט זיך אַ אינטערעס פון די קאָלאָניעס און פון די עסקנים.

אונגעריכטערהייד טרעף איך זיך מיט קליי'ן. שבת גאַנץ פריה. מיר קלעטערען אויף'ן באַרג כנען. הויל, נאַקעט איז דער באַרג, כמעט איינגאַנצען אויסגעזעצט מיט פעלזען האַרטע גלאַנצענדיגע. די זון איז שוין הויך, באַקט שטאַרק און מיר שטייגען העכער און העכער. ס'וויקעלט זיך פאַר אונז אויף אַ ליכטיגע וועלט און זי ברייטערט זיך אויס, לויפט אוועק ווייט, ווייט. דאָרטען זילבערט זיך די שנעע־ווייסע קאָפּ פון'ם אַלטען חרמון. אונטען, אונז צופוסען, פליסט דער ים כנרת און איהם שניידט דורך דער ברוגז'דיגער ירדן שטראָם. אָן צעהלען מיר אָן אידישע קאָלאָניעס, פעלדער. ביי קליי האָט זיך די צונג אויפגעבונדען. ער רעדט מיט אַ שטאַרקער ברוסט־שטימע, און זי קלינגט אָב אין דער צאַרטער, דורכזיכטיגער לופט. דאָ קאָן מען שאַפען. ס'איז נאָך אַלץ אונבעריהרט. מיר פערמאָגען די קראַפט, דעם ווילען. ס'ציהט אונז אהער ניט בלויז דער מאַטעריעלער אינטערעס. אַ נייע קולטור ווילען מיר שאַפען. ס'מוזען אַנדערע בעציהונגען זיין. צו דער נאַטור, צו דער אַרבייט, צו דער קולטור. ערשט דאָ דערפיהלט מען, בענעהמט מען דעם זין פון סאָציאַליזם. ס'איז דאָס בויען און שאַפען אויף אַלע געביטען, אין אַלע ווינקעלעך פון לעבען. דער אַמעריקאַנער איד דאַרף אהער קומען. מיט זיין אונטערנעהמונגס־גייסט, מיט זיין ריקזיכטסלאָזיגקייט, ערפאַהרונג און העכערע פערלאַנגען.

די רוסישע אידען — זיי זיינען דאָ נויטיג געווען און וועלען נויטיג זיין אויך שפּעטער. זיי ברענגען דעם אידעאַל, די מסירות נפש. אָבער דאָס אַליין איז ווייניג. מ'דאַרף האָבען די פּערספּעקטיוו פון בויען אַ יש מאין. דאָס קאָן אונז געבען בלויז דער אַמעריקאַנער איד, וואָס אויף זיינע אויגען איז אויסגעוואַקסען אַ גאַנץ נייע וועלט. מ'דאַרף אויך דעם מאַן, וואָס קומט אהער פון אַ פּלאַץ מיט העכערער קולטור און פרייהייט. אַזאַ איינער וועט זיך ניט בענוגענען מיט ווינציג און וועט זיך ניט וועלען בויגען פאַר די עקזיסטירענדע בעדינגונגען. וואָס, וואָס — איינס האָט אונז אַמעריקאַ געגעבען: קוראַזש אין דער בעציהונג צום לעבען. און אין ארץ ישראל איז דאָך טאַקי דער עיקר — קוראַזש. ס'איז דאָ מעגליך אויפצובויען אַ נייעם צענטער פון מאַטע־

ריעלער און גייסטיגער קולטור, מ׳ברויכט נור דעם קוראַזש דערצו. האָט דאָס דעם רוסישען אידען אין דורכשניט געפעהלט. זיינען געקומען בלויז אידעאַליסטען. אין אַמעריקאַ איז דאָס די אייגענשאַפט פונ׳ם דורכשניטליכען אידען, וועלען זיי טאַקי אהער קומען צוליעב פּראַקטישע אידעאַלען. ס׳לוינט זיך.

מיר האָבען זיך ארויפגעקליבען אויף אַן אויסגעמויערטען קבר פון איינעם אַ פּאַרצייטיגען מלך פון כנען, זיך בעקוועם פונאַנדערגעלעגט און קליי רעדט. מ׳דאַרף קעמפּפען מיט דער רוטינע הא. די אַלטע סביבה שטערט גייסטיג, פּסיכאָלאָגיש. מ׳דאַרף זיך מיט איהר ניט רעכענען. מיר דאַרפען זעהן בלויז אונזער ציעל. ס׳איז נאָך פאַראַן רוטינע אויך אין דער ארבייטער־סביבה. אַלטע בעגריפען, בעציהונג צום ארבייטס־געבער און ניט צו דער ארבייט. דאָ איז אונזער פּלאַץ. דאָ דאַרפען מיר, פּועלי ציון, זיין די וועג־ווייזער, דורך אייגענעם ביישפּיעל. ס׳איז שוין דאָ די היים. נאָר מען דאַרף זי איינאָרדנען. מ׳דאַרף אריין אויך אין דער סביבה פון די קאָלאָ־ניסטען. זיי צייגען, ווי אַזוי צו ארבייטען, ווי אַזוי צו בעציהען זיך צו דער ווירט־שאַפט. מיר דאַרפען אהער די ציוויליזאַציע ברענגען.

איך קוק זיך איין אין איהם, אין דעם אַמעריקאַניש־אידישען ציוויליזאַטאָר. ער ווייסט וואָס ער האָט צו טהאָן, ער ווייסט, אַז מ׳קאָן עס טהון. אַזעלכע דאַרפען מיר הא טאַקע.

קליי האָט בעשלאָסען זיך צו קאָלאָניזירען. ביי אַנדערע איז איהם שווער צו ארבייטען. ס׳איז ניטאָ די פרייהייט פאַר עקספּערימענטען, ס׳שטערט די מורא פאַר ריזיקע. ער וויל ווייזען, וואָס עס קאָן אויפגעטהאָן ווערען אויפ׳ן ווירטשאַפטליכען געביעט. ער טראַכט אויך וועגען איינאָרדנען אַ פאַמיליען לעבען. ס׳קאָן ניט זיין קיין גוטער קאָלאָניסט אָהן אַ הויז און הויף־ווירטשאַפט. איז נויטיג אַ ווירטהין, אַ חבר׳טע אין דער ארבייט, אין דער גייסטיגער וועלט...

ס׳לויפען די חדשים. קליי איז קאָלאָניסט אין מלחמיה. פּעטער, גוטער באַ־דען, נאָר די קאָלאָניסטען זענען אבגעשטאַנענע. איין יאָהר, און זיין ווירטשאַפט איז גלענצענד איינגעאָרדענט. ער איז אַ מוסטער פאַר אַלעמען. מ׳קוקט זיך צו איהם צו, מ׳לערנט זיך ביי איהם.

ס׳איז געקומען די צייט און ער איז נתגלה געוואָרען.

איז אָבער ניט בעשערט געווען אויף לאַנג.

ס׳האָט אויסגעבראָכען די מלחמה. ארץ־ישראל איז אָבגעשניטען פון דער וועלט. ס׳טראָגען זיך אום מאָדנע קלאַנגען אין די אידישע קאָלאָניעס. די אראַבער ווילען אויסנוצען דעם מאָמענט, בעפאַלען די קאָלאָניעס, ראַבירען, שעכטען, שענדען, אַ תל פון אַלץ מאַכען. ווערען די געזיכטער ערנסטער, די בליקען ענטשלאָסענער; מ׳גרייט זיך. ווייט אָן אַ זייט ליגט מלחמיה. ווערען די אראַבישע שכנים חוצפּה׳דיגער, קריכען אויף דער תבואה. טהוט דאָס אידישע האַרץ וועה. ווערט דאָס בלוט פון די אידישע וועכטער אויפגעקאָכט. מ׳טאָר ניט שווייגען, אפילו איצט. בעזונדערס איצט. אַנדערש איז דאָך ארויסגעוואָרפען די גאַנצע ארבייט וואָס ביז אַהער. די אַראַבער ווערען פּערשייטער, מ׳שניידט אידישע תבואה. דער צוזאַמענשטויס איז אונפערמיידליך. שפּרייט זיך פאַנאַנדער די ידיעה אין אַלע קאָלאָניעס. כאַפּט מען זיך אויף, ווער צו פוס, ווער אויף אַ פערד און מ׳איילט קיין מלחמיה צו הילף. ס׳האָט זיך שוין אָנגעהויבען. איין אַראַבער איז שוין געפאַלען, דער צווייטער פערוואונדעט. מ׳געהט אויף מלחמיה. ווייבער און קינדער, מענער מיט געוועהר און מיט שטע־

קענס. מ׳וועט א חורבן מאכען פון דער קאָלאָניע, מ׳וועט שענדען די פרויען. די קאָלאָניע פערטיידיגט זיך. רוהיג, אָרגאַניזירטערהייד. אַן אַנפאל אויף דער קאָלאָניע הייסט אַן אַנפאל אויף׳ן גליל, אויף׳ן ישוב. ריהרט עס אָן אַלעמען. זענען די מע־נער אויף די דעכער אין אַלע פיער זייטען צולעגט און בעגעגענען דעם שונא. קלייבען די שוהל־קינדער אונטערן אויפזיכט פון לעהרער שטיינער, דערלאַנגען אַרויפצו און ביי די אַריינגאַנגען — ס׳ווערען אויפגעשטעלט באַריקאַדען. ס׳פליהען קוילען איבער די קעפּ. ס׳טראָגען זיך וואָוטענדע געשרייען און קללות. די קאָלאָניע שטעהט פעסט. מ׳קאָן צו איהר נאָהנט נישט צוטרעטען.

גרייכט דאָס קנאַלען ווייט, יאָגען זיך איבער׳ן ירדן און מיט דער יבשה חברים צו הילף. ווערט אַ שיסעריי פוןביידע זייטען. די נאַכט פאַלט צו. שטאָק־פינסטער. גרויזאַם איז דער וואַדי פערדושאַס, ס׳לויערען זיינע מערות און פעלזען־קנייטשען. דער עולם לויפט, מ׳שיסט. ווער? און אייגענער צי אַ פרעמדער? העברעאישע איבעררופען זיך. מ׳דערקענט זיך, מ׳מיידט אויס דעם שונא אום צוצוקומען צו דער קאָלאָניע.

ס׳וואַרטען די אַראַבער נעבען דעם הרוג. מ׳מוז נקמה נעהמען פאַר זיין בלוט.

קליי איילט אהיים. זיי קאָלאָניע איז בעפאַלען, זיין פרוי איז אין געפאַהר. זיין האַנד איז שטאַרק, דער רעוואָלווער גרייט, און ס׳האַרץ פעסט. איילט ער מיט אַ חבר. גיכער, גיכער. זיי זענען אויבען אויף׳ן באַרג. אונטען ליגט מלחמיה. מיט׳ן שמאַלען רייט־וועג ביים שפּיץ פון באַרג וועלען זיי שנעל זיין אין דער היים. אָבער דאָ אונטען אין אַ זייט שיסט מען. אפשר איז מען עס בעפאַלען אַ פערשפּע־טיגטען אידען. נידערט מען אַראָב שנעל. הילף ברענגען.

אָנגעטראָפען אויף׳ן אַראַבישען הרוג מיט זיינע נקמה־דורשטענדע קרובים, און גלייך פון אַ קויל געפאַלען. ער, קליי, דער גבור, דער אייזענפעסטער מאַן, דער אויסגעצייכענטער שיסער — געפאַלען פון אַ בלינדער קויל, אָהן ווידערשטאַנד, אָהן קאַמפּף.

ווידער בין איך אין גליל. ס׳שמעקט נאָך בלוט און פולווער. ניטאָ קליי׳ס קערפּער. מ׳זוכט שוין דריי טעג אין אַלע וואַדי׳ס, אין׳ם ירדן. ניטאָ. אפילו צו קבר ישראל ניט געקומען. דער גליל איז אויפגעבראַכט און פערזאָרגט. אַ שטאָלצע פערטיידיגונג געווען. אָבער קליי איז ניטאָ. צו טייער בעצאַהלט. און ס׳שטילט זיך ניט דאָס האַרץ. מ׳מוז איהם אויפזוכען.

ער איז דאָ. די שטאַרקע ירדן־שטראָמען האָבען דעם גוף געשלעפּט אַראָב צום ים המלח, האָט ער זיך פערפּלאָנטערט אינ׳ם קאַמיש פון ירדן און ווייטער ניט געגאַנ־גען. מ׳האָט איהם געפונען. קוים דערקענט. אכזריות׳דיג געפּייניגט דעם טויטען קערפּער האָבען די רוצחים. אָבער די ברייטע אַקסלען, דער שטאַרק ענטוויקעלטער קערפּער זאָגען עדות, אז דאָס איז בערל קליי.

האָט מען איהם אַ קבר געגראָבען אין זיין קאָלאָניע, מלחמיה, ביי דעם ברעג פון ירדן.

זיינער אַ חבר בעאַרבייט זיין ווירטשאַפט, זיין פרוי איז אין דייטשלאַנד אַוועקגעפאַהרען זיין קינד געבוירען. און דער גליל וועט אייביג געדענקען דעם אַמע־ריקאַנעם קליי, דעם שטאַרקען מאַן מיט׳ן ווייכען שמייכעל, וואָס האָט זיין בלוט אויף׳ן אידישען באָדען פערגאָסען.

יצחק ראזולער

האט פערבראכט עטליכע יאהר אין לאנד ביי דער ארבייט, גענומען א זעהר טיכטיגען אנטייל אין דער איינארדנונג פון די „ימנים אין חדרה און בכלל אין דער פערטיידיגונג פון די ארבייטער אינטערעסען ביי פערשיעדענע אנגעלעגענהייטען. די לעצטע צייט געווען א מיטגליעד פון דער ארבייטער קבוצה אין גן־שמואל ביי חדרה. דעם צעהנטען כסלו ה׳תרע״ד בשעת אן אראבישען איבערפאל איז ער שטארק פערוואונדעט געווארען און כ׳ אדר ה׳תרע״ד איז ער געשטארבען אינ׳ם שפיטאל אין חדרה.

אבטליון :

יצחק טורנער

(ערא‏ינערונגען.)

מיט א יאהר צוועלף צוריק האבען מיר זיך צום ערשטען מאהל געטראפען. ביידע זיינען מיר געקומען דעם ערשטען טאג לערנען אין דער האנדעלס־שולע פון „קאמיפעראיין" אין לאדז, וואס אין רוסיש־פוילען, ביידע אין איין קלאס, אויף איין באנק.

גיך האבען מיר זיך דערנעהנטערט איינער צום צווייטען און ניט לאנג האט געדויערט — מיר זיינען גוטע, טרייע פריינד געווארען.

ס'איז אדורך א קורצע צייט און מיר האבען זיך איינגעלעבט אין דער שולע, זיך היימיש געפיהלט. א קליינע גרופקע שילער האבען מיר זיך צונויפגערעדט און בעשלאסען צו גרינדען א שילער־ארגאניזאציע מיט'ן צוועק צו ווירקען אויף די חברים־שילער אינ'ם רעוואלוציאנערען גייסט און דערנעהנטערען דעם תלמיד צו די מאסען פון פאלק און צו דער רעוואלוציע. איינער פון די גרינדער פון דעם פעראיין איז געוועזן טורנער. ער איז דאן געווען ווייט פון צו זיין א רעוואלוציאנער. ערצויגען ביי א פערמעגליכען לאדזער סוחר און זייענדיג יונג נאך, האט ער גאר נישט געוואוסט פון דער גאס און פון די נויטען פון פאלק. אבער שוין דאן האט איהם געצויגען אהין, צו צו דער וועלט פון די מאסען. דער פעראיין איז געגרינדעט געווארען און א גרויסען אנטייל האט אין איהם טורנער גענומען. אינ'ם זין פון געמיינזאמער פריינדשאפט האט ער אונז א סך געגעבען; ער האט אונז געוויזען דעם אמת'ן ביישפיעל פון געטרייער פערברידערונג צווישען חברים און אפטמאל אונז געדינט אלס מוסטער. דערפאר האבען מיר איהם מיט עפעס אנדערש בעצאהלט. פון אונזער געדאנקען־היים, פון דער שילער־ארגאניזאציע פון „פועלי ציון" האבען מיר אין אונזער פעראיין דעם גייסט פון רעוואלוציע געבראכט און איהם צווישען אלע חברים־שילער פערטיילט. דאס איז דאך יענער פייערדיגער רעוואלוציאנערער ענטוזיאזם, וועלכער האט טורנער'ן אזוי פון איין ארט צום צווייטען געטריבען און איהם קיין רוה ניט געגעבען, ביז ער האט איהם געבראכט צו די גרינע פעלדער פון גליל, צו די הויכע ברייט־זייטיגע שקאפעס און צו די מארטינען...

* * *

ווען דו קומסט קיין ארץ ישראל און דאס שיף לאזט דיך אראב ביי די ברעגעס פון יפו, געהסטו פריהער פאר אלץ צום נייעם אידישען קווארטאל — אין תל אביב. ווען דו קומסט אין תל אביב און בעוואונדערסט דאס ש ע ה נ ע אידישע געטא, דערזעהסטו פריהער פון אלץ — די אידישע גימנאזיע. תל אביב איז די קרוין פון דער שטאדט, און די קרוין פון תל אביב איז די אידישע גימנאזיע. קנאפע טויזענד אידישע קינדער פון פערשיעדענע וועלט־טיילען געהען אריין טאג אין טאג אין דעם אידישען טעמפעל פאר וויסען. און געהענדיג צוריק פון דער שולע, געהען זיי ניט מיט געבויגענע רוקענס און ניט מיט פערכמורעטע פנים'ער — ווייל ניט אין א „שקאלע", א „סקוהל", פערברענגט ער זיין יוגענד, דער אידישער תלמיד אין ארץ ישראל, נאר אין א אידישער שולע, וואו ער ערווערבט פון ז י י נ ע לעהרער — ניט פרעמדע — ז י י ן וויסען און אויך טרייהייט צו זיינע אידעאלען. ווייל ניט נאר אפעלירט מען צום מח — אויך דאס הארץ ווערט ערנעהרט דארטען אינ'ם פאלאץ פון אידישער

בילדונג. אָט אין דער גימנאַזיע איז אויך טורנער אריין באַלד נאָך זיין קומען קיין ארץ ישראל. ער איז געווען א גוטער שילער. ער האָט זיך צו דער שולע גיך צוגעוואוינט און נאָך גיכער האָבען זיך די שילער צו איהם צוגעוואוינט. אין איהם האָט געצויגען צו זיך דאָס אינערע ווי דאָס אויסערע. טורנער איז געווען א העלדיש אינגעל מיט א פּאָר פולע רויטע באַקען מיט שעהנע בלאָנדע האָר און איז מעהר עהנליך געווען צו א שעהן יונג מיידעל — בלוט און מילך.

—גוט איז צו לערנען אין יפו'ער גימנאַזיע. וואויל דעם תלמיד, וואָס דער גורל האָט איהם די מעגליכקייט געשענקט, דאָס צו דערגרייכען — אזוי פלעגט טורנער **אָפט זאָגען — נאָר דאָך... עפּעס ניט דאָס...**

די טעג זיינען זיך לאַנגזאַם געקראָכען. ס'קומט די צייט פון וואַקאַנסען, ווען דער תלמיד איז פריי פון דער שולע און די גימנאַזיע מאַכט „א טיול“ — א שפּאַציער איבער'ן גליל. הונדערטער קינדער פון די העכערע קלאַסען געהען דורך צופוס דאָס אידישע גליל. די ארבייטער און קאָלאָניסטען נעמען אויף מיט ליעבע די שטאָדטישע יוגענד און מ'מאַכט פערוויילונגען, חגיגה'לעך לכבוד די געסט. דער תלמיד געהט דורך די פעלדער פון גליל, זעהט וויפיעל שוויים, וויפיעל בלוט איז אין זיי, דאָך — עס בליהען די בלימעלעך שוין, עס שפּראָצען שוין זאַנגען... און א בענקשאַפטס־געפיהל נעמט ארום דעם אידישען תלמיד — ווי גוט איז דאָ! דאָ, צווישען די פרישינקע בלימעלעך פון עמק יזרעאל, דאָ, אינ'ם טאָל פון שטילען כנרת — ווי גוט איז דאָ לאַנגזאַם צו געהן נאָך די פּרדות, אַקערען און זייען דאָס גליק און די צוקונפט פון פאָלק...

ביינאַכט געהען ארויס די שפּאַציערער אין דער קאָלאָניע און דערזעהען פון ווייטען דעם שאָטען פונ'ם אידישען וועכטער. ער שטעהט אויף דער וואַך. ער היט די קאָלאָניע. ניין! ער היט עס די עהרע פון פאָלק. פרעמדע האָבען אונז פריהער געהיט. מיר זיינען ניט פעהיג געווען, אליין זיך אפילו צו היטען. דער אידישער תלמיד דערזעהט זיינעם א ברודער ביים וואַך און איז איהם מקנא — גליקליך איז דער, וועր עס קען דאָס דערגרייכען...

דער תלמיד פערפיהרט מיט איהם א שמועס.

— שווער איז די וואַך, — זאָגט דער וועכטער. — נעכט פינסטערע, נאַסע, און גנבים א סך, רויבער, — קענען ניט זעהן ווי מיר הויבען זיך אויף, הויבען אָן ווי מענשען צו לעבען, און ביי נאַכט, דוקא אין די שטאָק־פינסטערע נעכט, אין די נאַסטע, פאַלען זיי אָן, האָפענדיג, אַז אין אַזאַ צייט וועלען מיר ניט היטען. מיר וועלען זיי אָבגעוואוינען. מיר האָבען א מיטעל צו זיי. — ער נעמט אראָב פון פּלייצע דעם ביקס...

— וועניג זיינען מיר, — זאָגט ווייטער דער וועכטער, — געצעהלטע, אָבער מיר וואַרטען. ס'וועלען קומען נאָך א סך ברידער צו אונז, יונגע, אזעלכע ווי איהר, זיי וועלען קומען, און דאַן — אינאיינעם... אינאיינעם....

אזוי געהט זי דורך, די מחנה תלמידים איבער די אידישע פעלדער, זאַפּט איין אין זיך דעם פרישען געזונטען ריח פון אידישער ארבייט און אין זכרון וועבען זיך נייע טיעף־בלויע האָריזאָנטען און ציהען אהינצו, און ציהען...

די „גימנאַזיע“ קומט צוריק פון שפּאַציער און ווידער צום לערנען, צום בוך. נאָר דאָס האַרץ איז אונרוהיג, ס'דערמאָנט זיך דאָס פעלד...

און אין איינעם פון די געוועהנליכע טעג אין ארץ ישראל האָט זיך פערשפּרייט

איבער'ן לאנד א ידיעה, אז זעקס תלמידים פון דער יפו'ער גימנאזיע האבן פ ע ר ל א ז ע ן די שולע און אוועק ארבייטען אין קאלאניע. איינער פון די זעקס איז געווען יצחק טורנער. געוועזען איז ער אין לאנד, געזעהען די ארבייט און וואך, האט ער דאס פרייע פעלד דערשפירט, און די ווענט פון דער שולע זיינען איהם ענג געווארען. האט ער געמוזט ארויס — מעהר פערבלייבען א שילער האט ער ניט געוואלט, ניט געקענט.

— איך וויל אויפהערען צו לערנען דאס בוך, איך וויל לערנען די ארבייט, וואך!

— דאס איז געווען זיין זיי־געזונד דער יפו'ער גימנאזיע, וועלכע ער האט אזוי ליעב געהאט.

טורנער איז ארויס פון דער שולע — צום לעבען. נאר וואוהין? וואוהין זאל ער געהן? ארבייטען? ניין! געהן וועט ער אהין, וואו ס'איז נ ע פ ע ה ר ל י כ ע ר, ש ו ו ע ר ע ר, ווייל דארט געהען וועניגע, דארט אבער דארף מען א סך. און לאנג האט ער ניט איבערגעטראכט. ער איז געווארען א וועכטער, ווייל געוואוסט האט טורנער, אז די משפחה פון וועכטער — זי איז די קלענסטע, וואס נויטיגט זיך מעה־רער ווי אנדערע אין מענשען געטרייע און איבערגעבענע צו דער ארבייט פון וואך.

טורנער איז געווארען א וועכטער. לכתחילה האט מען פון אלע זייטען געקוקט אויף איהם. איינינע האבען איהם אויסגעלאכט, אזא יונגער, געוואוינט צום בוך. אבער ס'איז דורך א קורצע צייט, און טורנער איז געווארען איינער פון די בעסטע און טרייסטע וועכטער אין גליל.

אין דער נאציאנאל־ביבליאטעק אין ירושלים האט א בעוואוסטער אידיש־העברע־אישער שרייבער איינמאל, שבת, געלייענט איינע פון זיינע ערצעהלונגען, און פלו־צים זיינען אריין א פאר יונגע לייט מיט עגל'ן און כפיה'ס אויף די קעפ, ממש פע־לאכען. דער עולם האט זיך אומגעקעהרט צו זיי און זיי אנגעקוקט פערוואונדערט. איך האב באלד דערקענט טורנער'ן. דער עגל מיט דער כפיה האבען איהם א סך מעהר געפאסט איידער א הערב פון גימנאזיע.

— שלום, טורנער! ווי געהט עס דיר? — נאר טורנער האט קיין סך ניט גע־רעדט. געקומען פון דארף א ווילע אין שטאדט פערברענגען. אויפ'ן וועג דערהערט אז פ. איז הינט דא און לייענט עפעס פאר, איז ער מיט די חברים פערגאנגען אהער־צו, „חאפען א ווארט".

— ביי אונז, פערשטעהסטו מיך, הערט מען ניט אזוינע זאכען. ביי אונז איז — פערד און שקאפעס און אמאוזער־ביקס...

אין א האלב יאהר ארום בין איך מיט נאך א פאר ארבייטער און א קאלאניסט פון איין קאלאניע אין דער צווייטער געגאנגען. אויפ'ן וועג פון כנרת און יבנאל האבען מיר בעגעגענט טורנער'ן.

— שלום, טורנער! וואוהין געהסטו? — האט איהם איינער פון אונזערע חברים געפרעגט.

— איך געה אין יבנאל. מאיר'קע איז נאך אלץ ניט געזונד. ווייסט דאך, ער ליידט פון דער פוס נאך פון יענעם אנפאל אן, געה איך דאס אהין. איך האב אט ערשט געקראגען א צעטעלע פונ'ם באַ־כח, איך זאל קומען אהין וועכטעווען אויף זיין ארט.

מעהר האב איך זיך אין איהם איינגעקוקט איצט. ער האט א סך געזינטער אויס־

געזעהן איידער פריהער. די פרייע לופט פון די פעלדער האט איהם געשטארקט און געקרעפטיגט.

* * *

ביי א יאהר צייט איז אריבער און איך האב איהם וויעדער געזעהן. דאס מאהל ניט צווישען בערג, ניט אין גליל, נאר אין שטאדט.

שווער איז דאס לעבען פון דעם אידישען וועכטער אין ארץ ישראל. שווערער נאך פאר דעם, ווער ס'איז אויפגעוואקסען און ערצויגען געווארען אין א גאנץ אנדער־רער וועלט און ניט אין דער וועלט פון ארבייט. שעהן און רוהיג זיינען די זומער־נעכט אין ארץ ישראל. דערפאר זיינען שטורמיש און צארנדיג די נעכט דארט אין ווינטער. און ווילסטו וויסען, וואס איז אזוינס א אידישער וועכטער — געה ארויס אין קאלאניע אין א רעגענדיגער ווינטער־נאכט שפעט, נאך חצות. אין א טיעפען שלאף איז איינגעהילט די קאלאניע. נאר איינער וואכט — דער וועכטער! די ווינ־טער־נאכט ברענגט איהם פיבער, פערקיהלונג, צוברעכט זיין ארגאניזם. נאר וואס זאל מען טאן? מ'שטעהט אויף דער וואך, מ'מוז דורכליידען, גרינגערע נעכט וועלען קומען.

מ'מוז. דאס איז ניט קיין מוז פון אויסען, נאר אן אייגענער, אן אינוועניגסטער. און אין טורנער'ן האט אט דער „מוז" שוין טיעפע־טיעפע ווארצלען געשלאגען. ניט איינמאל האט ער זיך געפיהלט פיבערדיג, קראנק, אבער ניט אלעמאל קען מען זיך אזוי נאכגעבען און בלייבען די נאכט אין דער היים.

— און ווער וועט היינט געהן צו דער וואך אויף מיין ארט?

ניין. מ'דארף זיך „אויפהויבען" איבער דאס אלץ. מ'דארף זיך מאכען פער־געסען די אלע „קלייניגקייטען". מ'דארף נעהמען דעם ביקס, אנלאדען איהם און געהן — הינטער'ן וואנט.

טורנער האט טאקי אויסגעפיהרט זיינס — ער פלעגט צוקריינקען אפט און זיך ניט וויסענדיג מאכען דערפון. נאר ער איז שוין צו ווייט פערגאנגען, פון איין פער־קיהלונג צו דער צווייטער, און דערביי האט ער נאך שטארק זיין מאגען פערדארבען — און ער האט געמוזט ווענדען זיך צו א דאקטאר. ערשט איצט האט ער זיך דער־וואוסט, אז זיין קראנקהייט איז ערנסט און ער דארף אן אפעראציע. איז ער געקומען אין יפו, וואו עס וואוינען זיינע עלטערן.

געקומען צו מיר, שוין ניט דער אמאליגער טורנער. די פולע באקען זיינען איינ־געפאלען. דער קערפער איינגאנצען דאר און מאגער געווארען.

— אזוי, טורנער, ביסטו גאר קראנק.

— קראנק! עט, גאר נישט! איך דארף נאר אן אפעראציע, און יאללא צוריק צו דער וואך. נאר איך דארף נאך ווארטען ביי א וואך צייט, ביז ס'וועט פריי ווער־רען א פלאץ אין שפיטאל. און דערווייל — ווער ווייס, צי ס'פעהלט דארט ניט א וועכטער ביי אונז?...

טורנער איז בלייך מיט אונטערגעהאקטע אויגען. ער ליידט. צו זיינע פיזישע ליידען קומט נאך צו איינער, אפשר א גרעסערער שמערץ, — ווער ווייס, צי ס'פעהלט דארט ניט א וועכטער ביי אונז?...

מיין ברודער, א יונגער קאלאניסט אין כנרת, איז אויך געווען דערביי, האט איהם טורנער ערנסט און טריי אויסגעפרעגט גענוי און אויספיהרליך, אויף אלץ און אויף אלעמען, בעזונדערס אבער אויף די פערד און די פרדות, אנרופענדיג דערביי יע־

דע איינציגע מיט'ן נאָמען, ווי ס'פיהרט זיך, וואָס מאַכט „חמדה", וואָס מאַכט „אביר"...

ער איז געזעסען ביי אונז א פּאָר שעה און איז אוועק. און עס איז מיר גאָר ניט אין זינען אריין, אז דאָס האָב איך צום לעצטען מאָל דעם ליעבען טורנער'ן געזעהן...

* * *

ווייט פון דער היים און פון פריינד, ערגעץ אין א פערוואָרפענעם ווינקעל אין דער גרויסער אלכסנדריה פון מצרים, האָבען מיר ווי נאכט־שאָטענס, א טייל פון דער ארץ ישראל'דיגער יוגענד, ארומגעבלאָנדזשעט און זיך קיין אָרט ניט געפונען.

— וואָס הערט זיך ביי אונז אין דער היים? וואס הערט זיך מיט א ו נ ז ע ר ע דאָרט, אין ארץ ישראל?

דורשטיג האָבען מיר איינגעזאַפּט אין זיך יעדען שאָרך וואס פלעגט קומען צו אונז אהער, אין דער פרעמדה, פון דער היים.

דאָס איז געווען אין יענער צייט, ווען א ו נ ז ע ר אלכסנדריה האָט גערוישט און געקאָכט ווי א קעסעל. אינ'ם לעבען פון די אנטרונענע איז אויפגעשוואומען א ניי, פערוויקעלט פּראָבלעם — די טעג פון די געבורטס־וועהען פון דעם אידישען לעגיאן. געהן קיין ארץ ישראל. און אויב ניט אהין — טאָ צוליעב וואס? און איז ער בכלל נויטיג? איז ער ניט שעדליך? —

אין איינעם פון יענע פערזאומערטע טעג פון מיין לעבען, ווען איך בין ארום צווישען די אנטרונענע, פרעגען וואס הערט זיך, האָט מיך א חבר בעגעגענט מיט דער ידיעה:

— טורנער איז טויט.

גליקליכער טורנער! מיר דאָ זוכען א וועג, ווי צו לעגען דאָס לעבען פ א ר ארץ ישראל. ע ר האָט איהם געפונען — א י ן ארץ ישראל...

ניו יאָרק.

ד. בן־גוריון:

פון פתח־תקוה ביז סעדזשערא.

ס'איז געווען מיט צעהן יאהר צוריק — כ'בין אָנגעקומען אין ארץ־ישראל און גלייך אוועק ארבייטען אין דער מעטראָפּאָליע פון די אידישע קאָלאָניעס — אין פתח־תקוה.

די בעוועגונג נאָך ארץ ישראל האָט זיך דאַן ווידער בעניית.
אונזער מחנה איז געוואַקסען פון וואָך צו וואָך.

ס'זיינען אָנגעקומען יונגע לייט פון אַלע עקען פון רוסלאַנד. פון קליינע און גרויסע שטעדט פון פוילען, ליטאַ, וואָלין, דרום רוסלאַנד; ישיבה בחורים, גימנאַזיסטען. פערוואָרפען די ביכער מיט די פּלפּולים און געקומען אויסלייזען ארץ ישראל דורך דער ארבייט. מיר זיינען אַלע געווען פריש, מונטער און אונבעריהרט. פול מיט דער ערשטער נאָך ניט געבראָכענער בעגייסטערונג, זאָרגלאָזע און פרעהליכע. מיר האָבען זיך געפיהלט בעניית, ווידערגעבוירען. ווייט ווייט פון דאָנען איבערגעלאָזען די שמאָלע און שמוציגע געסלאָך — און איצט לעבען מיר צווישען גערטנער און פּרדסים. אַלץ איז אַנדערש, די נאַטור, דאָס לעבען און די ארבייט. אפילו די ביימער זיינען דאָ נייע — ניט ווי די ביימער „דאָרטען" — איילבוים, דער טייטעל בוים און דער מאַנדעל בוים, קאַליפּטוס — און איבער אַלעמען אָראַנזשען. און דאָס אַלץ איז אייגענע. מיר אַליין האָבען עס געפּלאַנצט. אוים ביכער און באַנק קוועטשעניש און פוסטע מח ארבייט — מיר ארבייטען. ניט נאָר ארבייטען — מיר עראָבערען; מיר עראָבערען באָדען, לעבען, אַנ'ארץ ישראל לעבען — און וואָס געהט אונז אָב ?!

פרעהליך פון נצחון זיינען מיר געווען. און אין די אָבענדען נאָכ'ן טאָג פון ארבייט אָדער פיבער, פלעגען מיר זיך צוזאַמענקומען אין דער ארבייטער קיך, אָדער אויף די זאַמדיגע שטעגען צווישען די כּרמים און פּרדסים און מיר פלעגען טאַנצען, זינגען; האַנד אין האַנד, אַקסעל ביי אַקסעל אין קאַראַהאָד.

*   *   *

ביי אַ יאָהר צייט האָב איך געאַרבייט אין פתח־תקוה און אין די אַנדערע קאָלאָניעס פון יהודה. — מעהר ווי געאַרבייט האָב איך געפיבערט און געהונגערט. כ'האָב זיך מיט אַלע דריי גאַנץ גוט איינגעלעבט. מיין פיבער איז געווען זעהר פינקטליך און אַקוראַט, אַלע צוויי וואָכען צו 4—5 טעג. איך האָב איהם שוין בעצייטענס ערווארט און ער האָט מיך קיינמאָל נישט אָבגענאַרט. אויך מיין הונגער איז געווען אַ שטילינקער. ביי טאָג פלעגט ער מיך גאָר צורוה לאָזען, נאָר ביינאַכט אַ מאָל צובונטעווען זיך און ניט לאָזען איינשלאָפען.

אַזוי האָבען זיך געוועקסעלט ארבייטס־טעג מיט פיבער. די יעניגע וואָס האָבען ניט געפיבערט האָבען זיך פשוט געשעהמט פאַר דער חברה. סטייטש — ארבייטען אין א"י און ניט אַ פיעבער טאָן ?

*   *   *

אַזוי זיינען פאַריבער די האָניג־מאָנאַטען. נאָר אַז עס האָט זיך אויסגעוועבט אַ ביסעל די ערשטע התלהבות האָט זיך פון דער נייער ראַם אָנגעהויבען צובעווייזען אַנ'אַלטע בילד, אַ גלות־בילד. די הימלען טאַקי נייע — א"י הימלען; די ערד אַ נייע ארץ־ישראל ערד, אָבער די קאָלאָניסטען — גלות מענשען מיט גלות זיטען.

זיי, די היינטיגע קאָלאָניסטען, זיינען אויך ווי מיר אַמאָל געקומען אהער מיט אידעאַלען און גאולה־שטרעבונגען — נאָר זייער נשמה יתירה איז שוין לאַנג אוועק פון

זיי. די ערשטע פּיאָנערען זיינען מעקלער און קרעמער געוואָרען וואָס האַנדלען מיט די האָפנונגען פון'ם פאָלק, וואָס פאַרקויפען פאַר גראָשענס זייערע יוגענד אידעאַלען. די דאָזיגע קרעמער האָבען פערשוועכט די הייליגקייטען פון ארץ ישראל דורך דער פרעמדער ארבייט.

מיר זיינען געווען אויפגעבראַכט אויף די קאָלאָניסטען פאַר זייער פערראַט צום אידישען ישוב. און זיי האָבען אונז פיינד געהאַט. מיר זיינען געווען פאַר זיי ווי א לעבעדיגער פּראָטעסט, ווי א פאָרוואורף און זיי האָבען אונז געהאסט און אויסגע־לאַכט. א תהום איז געלעגען צווישען אונז און זיי.

ווידער די ארבייט זעלבסט אין יהודה האָט מיך ניט אין גאַנצען בעפרידיגט. זי איז געווען צו מעכאַניש און מאָנאָטאָן. ס'האָט זיך געפיהלט עפּעס א טרוקענהייט אין לעבען און אין הארצען א פּוסטקייט. ס'האָט געמאָנט עפּעס אַנ'אונבעפרידיגטער פערלאַנג — און איך האָב בעשלאָסען אוועקגעהן אין גליל, אין סעדזשערא.

* * *

יהודה און גליל זיינען שוין פּאַרצייטענס געווען צוויי קאָנטראַסטען. די קינדער פון טאָל זיינען געווען קולטורעלע, צאַרטערע, בעוועגליכערע און וויי־הערציגערע— די קינדער פון די בערג אין גליל,—מוטהיגערע, שטאַרקערע און צוגעבונדענע צו זייער באָדען.

און אַנ'אונטערשיעד איז פערבליבען נאָך עד היום צווישען גליל און יהודה סיי ביי די אידען און סיי ביי די אַראַבער. יהודה איז רייכער און קולטורעלער, דער גליל איז פעסטער און זעלבסטשטענדיגער. די יהודה'ער אַראַבישע פּויערים זיינען שוואַכער, אונטערטעניגער, זעלטען ווער פון זיי איז מיט געוועהר בעוואָפענט. אַנ־דערש זיינען די פעלאַכען פון די גליל'ער בערג — מוטהיגע, רויבעריש און אויפ־געהאָדעוועטע אויפ'ן שווערד און ביקס.

אויך דאָס אידישע לעבען אין גליל אונטערשיידט זיך פון'ם אידישען לעבען אין יהודה. אין גליל איז ניטאָ קיין „פּריצים", אייגענטהימער פון גרויסע פאַרמעס וואָס בעשעפטיגען א סך ארבייטער. דאָ איז אויך ניט פאַראַן קיין פּרדסים און גערט־נער, מאַשינען און די גאַנצע פלאַנצונגס־קולטור. דערפאַר איז אָבער דאָ פאַראַן : רינד און שאָף, הינער און טויבען, פערד און אָקערס, פעלדער מיט תבואות. ניט רייך איז די נחלה פון דעם גליל'ער קאָלאָניסט, אָבער אָנגעטרונקען מיט זיין שוויים.

* * *

אין יענער צייט איז סעדזשערא געווען די טאָן־געבערין אין גליל.

זי האָט אונזער יונגען ישוב א מוסטער געגעבען, א מוסטער פון א דאָרפישען ארבייטענדען ישוב. דאָ איז געבאָרען און צום ערשטען מאָל פאַרווירקליכט געוואָ־רען די נייע קאָלאָניזאַציע פון ארבייטער־קאָלאָניסטען אין גליל התחתון, דאָ איז די ערשטע פּראָבע פאַר קאָאָפּעראַטיווער ארבייט געמאַכט געוואָרען (די גרופּע האָבען מיר דאַן גערופען „קאָלעקטיוו"), דאָ איז געגרינדעט געוואָרען די אַרבייטער־אָרגאַניזאַציע „ה ח ו ר ש", דאָ איז אויך געבאָרען געוואָרען דער געדאַנק פון אידישער וואַך און דאָ, אויף איינעם פון די נאָהענטע בערגלעך, זיינען אויסגעגראָבען געוואָרען די ערשטע קברים פאַר די געפאַלענע וועכטער... בכלל, האָט זיך אָט דאָס אידישע דאָרף אויס־געצייכענט פון אַלע אידישע קאָלאָניעס אין לאַנד. פון די שעהנע בערג פּאַנאָראַמעס, וואָס ארץ ישראל איז געבענשט מיט זיי, האָט סעדזשערא זוכה געווען מעהרער ווי אַלע. די בערג נעהמען ארום די קאָלאָניע און שליסען זי איין פון אַלע זייטען. פון

וויטען עבר הירדן פון מזרח זייט, זעהען זיך איינגעהילט אין העל־בלויע וואלקענס
די בערג פון גלעד און בשן — ברויזענדע ים־כוואליעס, וואס האבען זיך צום הימעל
אויפגעהויבען, פלוצלונג פערגליווערט געווארען און אזוי זיינען זיי שטעהן געבליבען...
פון מערב־זייט, ביים גרעניץ פון דער קאלאניע, ליעגען די גרינליכע נצרת־בערג, אין
צפון הויבט זיך אויף הויך איבער אלע דער אלטער גראהער חרמון־ריעז מיט זיינע
שניי־ווייסע לאקען און קוקט שטאלץ אראפ אויפ'ן גאנצען גליל, דעם אונטערשטען
און דעם אויבערשטען, און פון דרום זייט ערהויבט זיך דער שעהנער תבור אין זיין
איינזאמקייט, דער אייביגער היטער פון עמק־יזרעאל. דאס דארף גופא איז געבויט
אויפ'ן רוקען פון א בארג, — די צוויי שורות הייזער, וואס שטעהען הארט איינע ביי
דער צווייטער, ארומגערינגעלט פון א קאליפטוס־וועלדעל און פעפער־בוימער, זעהען
אוים פון ווייטען ווי טרעפ פון א לייטער, וואס פיהרט אויפ'ן בארג, און אויבען, אויפ'ן
פעלזען־שפיץ, שטעהט די פארם.

אבער ניט נאר מיט איהר נאטור — אויך מיט איהר ישוב האט זיך סעדזשערא
אויסגעצייכענט. איהר בערך קליינע צאהל איינוואוינער איז געווען פיעל־
פארביג און גערעדט פערשיעדענע שפראכען. צווישען איהרע פינף מנינים
קאלאניסטען און ארבייטער זיינען געוועזען אידען פון קורדיסטאן, הויכע, געזונדע,
ברייט־פלייציגע אידען, פערגרעבט ווי זייערע שכנים די קורדען, דארע און מאגערע
תימנ'ער, מופלגים אין „לשון קודש" און אין אלטען טראדיציאנעלען לערנען; רוסישע
יונגע־לייט, ערצויגען אין דער השכלה און אין דער רעוואלוציע, געווען אויך ארטיגע
אשכנזישע בחורים, וואס האבען די ישיבות פון צפת און פון טבריה פערלאזען און זיי־
נען אהערצו געקומען, צום אקער און פלוג. אויך „גרים" רוסישע פויערים פון די ברעג־
געם פון קאספישען ים וואס האבען זיך מגיר געווען און זיינען געקומען בעארבייטען
דאס פאטערלאנד פון זייער נייעם גלויבען, ספרדישע יונגע־לייט, וואס זיינען ערצויגען
געווארען אין די שולען פון „אליאנס" — און אט דער פיעלפארביגער עולם האט גע־
רעדט העברעאיש, אראביש, אראמיש (די קורדישע אידען רעדען נאך עד היום תרגום־
לשון), אידיש־אשכנזיש, רוסיש, פראנצויז און שפאניאליש. דאך — דאס איז ניט
געוועזען קיין דור הפלגה — א פעסטער בונד האט זיי אלעמען צוזאמען באהעפט: די
ערד און די ארבייט. אין גאנץ סעדזשערא האט דאן געהערשט די אידישע ארבייט
— צו יענער צייט איז זי דערין די א י י נ צ י ג ע געוועזען אין לאנד! — עס
האבען געארבייט אליין די קאלאניסטען מיט זייערע קינדער. אפילו אין דער פארם,
וואס האט געהערט דער יק"א, האבען נאר אידישע ארבייטער געארבייט.

צווייערליי איינוואוינער האט סעדזשערא געהאט דאן. די ארבייטער און די
ארמיניסטראציע פון דער פארם אויבען אן אויפ'ן בארג, און די דארפס־לייט, די קא־
לאניסטען פון אונטען, אויפ'ן רוקען פון בארג. אבער א ברודער־בונד האט געהערשט
צווישען זיי אלע. כמעט אלע קאלאניסטען זיינען יונגע געווען און האבען פריהער
געארבייט אין דער פארם, און נאך דעם ווי זיי האבען זיך קאלאניזירט, האבען זיי
ניט אויפגעהערט צו ארבייטען אליין. מיר, די ארבייטער, פלעגען זיך שטענדיג טרע־
פען מיט זיי אין שטוב און אין פעלד, ביי דער ארבייט. דא איז ניט געוועזען קיין
זכר אפילו פון יענעם געוואלדיגען אבגרונד, וואס האט אזוי פונאנדערגעטיילט די
קאלאניסטען פון די ארבייטער אין יהודה. אין די שבתים און ימים־טובים פלעגען
מיר זיך צונויפקומען אינאיינעם און הוליען, חגיגה'לעך מאכען. און אין פעלד פלעגען

מיר אקערן איינער ביים צווייטען, פלעגען איינער דעם אנדערן צוהעלפען ווי גוטע ברידער ביי דער ארבייט...

* * *

נאך פתח־תקוה איז סעדזשערא געווען פאר מיר כמעט דאס זעלבע וואס פתח־תקוה נאך מיין אנקומען פון גלות. ד א ה א ב א י ך א ר ץ י ש ר א ל דער־ש פ י ר ט. דא האט זיך אנגעהויבען דאס ארץ־ישראל לעבען. די נאטור, די מענשען און די ארבייט — אלץ איז דא אנדערש, ארץ־ישראל'דיגער געווען. ווען איך פלעג פון ווייטען דעם שניי'איגען קאפ פונ'ם חרמון דערזעהן, און דעם שפיץ פון תבור צווישען דער קייט פון די נצרת־בערג — פלעג איך זיך פיהלען אזוי היימיש, פיעל היימישער איידער אין דעם פלאכען טהאל פון יהודה. ווען איך פלעג אויפ'ן שפיץ בארג ארויף, אויפהויבען מיין קאפ צו די מזרח־בערג פון גלעד, האב איך געוואוסט, אז אונטען, אין טהאל וואס צווישען די בערג רוהט דער ים־כנרת און ס'שלענגעלט זיך דער שטיפערישער ירדן. דער ירדן האט מיך מעהר פון דער פתח־תקוה'ר ארזשע בע־פרידיגט. און די מענשען ארום — אידען וואס אקערן, זייען און שניידען אליין, די פרויען ארבייטען אין די שטוב־גערטנער, איין קינד פאשעט די גענז אויפ'ן שייער, א צווייטער רייט גלאפ אויף א פערד, אין פעלד אריין, דעם טאטען בעגעגענען. ניטא קיין קרעמער, קיין מעקלער און פרעמדע לוין־ארבייטער, ניטא קיין ליידיג־געהערס וואס לעבען פון אנדערנס מיה — אלע אידען און אלע ארבייטען, און דער פרישער ריח פון תבואה און מיסט טראגט זיך פון זיי — נאטור־מענשען זיינען זיי. אפילו די ארבייטס־געצייג איז דא אנדערש, ווי אין יהודה. דער אקער, דער פלוג און דער גע־שפאן פון די אקסען זיינען מיר עפעס ליעבער פונ'ם פיאש, פון דעם שנייד־מעסער. ווי לאנגווייליג, ווי מאנאטאן פלעגט צוגעהן דאס פיאשירען, וואס פלעגט דעם גוף צור־ברעכען. דארט שטעהסטו דעם גאנצען טאג איינגעבויגען און האקסט די שטיין־הארטע חמרא־ערד מיט'ן פיאש — און דא געהסטו נאך לאנגזאם נאכ'ן אקער, קעהרסט איבער די צואקערטע ערד־הויפענס און עפענסט איין „תלם" נאכ'ן צווייטען. און אט די ערד, וואס דו אקערסט און זייסט, וועט זיך באלד מיט גרינס צודעקען, פאר דיינע אויגען וועט זי איהר פרוכט ארויסגעבען. עס וועלען נאר די רעגען־טעג פאריבער, די תבואה וועט צייטיג ווערען — וועסטו ארויס די תבואה שניידען און זי אין שייער אריין פיהרען... דו זעהסט און פיהלסט די פרוכט פון דיין ארבייט, האסט הנאה און פרעהסט זיך מיט איהר.

* * *

אבער אויך דא איז די זויבערקייט פון אונזער אידעאל בעפלעקט געווארען. עס האט זיך א נייע פגימה אין אונזער לעבען ענטפלעקט. דער באדען פון דארף איז טאקע דורכאויס דורך אידען בעארבייט געווארען, די וועכטער זיינען אבער פרעמדע געווען. אין יהודה האבען מיר די פרעמדע וואך כמעט גאר ניט געפיהלט, מיר האבען דארט בכלל כמעט די וואך ניט געפיהלט. גרויס זיינען די יהודה'ר קאלאניעס און די געגענד ארום שטיל. קיין געוועהר איז דארט כמעט ניטא אין די אראבישע דערפער, די מורא פאר דער רעגירונג געגוג גרויס, כדי ס'זאל ניט געשטערט ווערען די געזעל־שאפטליכע זיכערקייט. אנדערש אבער אין גליל, צווישען די בערג. די קאלאניעס יונגע, קליינע. די געגענד ווילד און די שכנים ארום — ניטא כמעט קיין איינער פון זיי וואס זאל ניט פארמאגען א ביקס, „און די הייליגן פון די בערג און די פעלזען־שפאלטען — זיי זיינען א שוץ פאר יעדען וואס דורשט נאך נקמה און פאר יעדען העלד

פון זיין פאָלק". גנבות און אָנפאַלען קומען פאָר זעהר אָפט, און די רעגירונג איז ניט בכח דאָס איינצוהאַלטען.

אין אזא סביבה איז דער גורל פון דער קאָלאָניע, איהר פריעדען און איהר זיכערקייט, איינגאַנצען אין די הענד פון איהרע וועכטער. אין די יהודה'ר קאָלאָניעס ווערט די פרעמדע וואך איינגעשלונגען אין דער פרעמדער ארבייט און קיינער מערקט זי ניט. ניט אַזוי אָבער דאָ, אין סעדזשערא. דאָ, וואו די ארבייט איז אינגאַנצען אונזערע, דאָ אינ'ם נעסט פון דער אידישער יוגענד, פון אידישער ארבייט — צי דען וועלען מיר אויך דאָ זיין אין גלות ?... וועלען מיר אויך דאָ פרעמדע אָנדינגען, ז י י זאָלען אונזער האָב־און־גוטס היטען, ז י י זאָלען אונז בעשיצען ?... האָבען מיר אָנגעהויבען איינטענה'ן מיט דער אַדמיניסטראַציע און מיט די קאָלאָניסטען, זיי זאָלען אָנשטעלען אידישע וועכטער, — נאָר זיי האָבען אונז בעטראַכט אַלס פאַנטאַזיאָרען און טרוימער אָדער גאָר אַלס קינדער. „אידישע וועכטער — און די געפאַהר וואָס שטעקט דערין ?" זיי האָבען דאַן ניט געגלויבט אַז מיר מיינען עס ערנסט מיט אונזער פאָדערונג. ווי, פאַלט אונז טאַקע באמת איין, איינשטעלען יונגע פרישע לעבענס צוליעב וועלכען עס איז אבסטראַקטען פרינציפּ ; און וועלען זיך סיידען געפינען געגנוג מענשען, וואָס וועלען זיך אָבגעבען דערצו, און צו איז דאָס בכלל ניט אַ גרויסע געפאַהר פאַר דער קאָלאָניע ? — די פריהערדיגע אראַבישע וועכטער וועלען דאָך געוויס ניט שווייגען און וועלען אָנפאַלען און רויבען. ס'וועט קומען צו בלוט־פערגיסונג, און דער כעס וועט אויסגעהן צו דער קאָלאָניע. מיר זיינען דאָ ווייניג און שוואך, פון אַלע זייטען ארומגערינגעלט פון פרעמדע און פיינד. איז דען מעגליך אין אזא צושטאַנד אַרימיצען צו פערטשעפּען ? מיר האָבען געמאָהנט אונזער נאַציאָנאַלע עהרע, דעם כבוד פון אונזער אַרבייט. צו וועט דען אויך דאָ אונזער לעבען און עהרע פון פרעמדע אָבהענגיג זיין ? — אָבער ניט די טענות אונזערע און ניט די פּראָטעסטען האָבען געהאָלפען. „גרינג איז אייך צו רייטען אויף פרינציפּען — פלעגען אונז די קאָלאָניסטען דערויף ענטפערן — היינט זענט איהר דאָ, מאָרגען געהט איהר אַוועק. וועט טרעפען אַן אומגליק, וועט איהר זיך אָבטראָגען פון דאַנען. מיר אָבער זיינען מיט דער קאָלאָניע פערבונדען, מיר לעבען אין איהר — און די צרות פון'ם אומגליק וועלען קומען אויף אונז. מיר האָבען געפּרובט ווירקען אויפ'ן אַדמיניסטראַטאָר. ער פלעגט זיך צו אונז בעציהען מיט צוטרוי און חאָטש ער איז געווען אַן אַדמיניסטראַטאָר פון יק"א און איז פריהער ווייט געווען פון אונזער געדאַנקען־וועלט, — איז ער דאָך לאַנגזאַם בעווירקט געוואָרען פון אונז און אָנגעהויבען קוקען אויף דער בעדייטונג פון'ם ישוב און פון אונזער נאַציאָנאַלער אַרבייט אין א"י כמעט מיט דעמזעלבען בליק וואָס מיר. אין פרינציפּ האָט ער מודה געווען, אַז מיר זיינען גערעכט, עס האָט איהם אָבער די דרייסטקייט געפעהלט, דעם פרינציפּ אין לעבען דורכצופיהרען. די וועכטער פון דער קאָלאָניע זיינען דאַן געווען טשערקעסען, אונזערע שכנים פון כפר־כמא. די טשערקעסען פערנעהמען אַ בעזונדער פלאַץ צווישען דער פאַלעסטינער בעפעלקערונג. די טערקישע רעגיערונג בעציהט זיך אַלע מאָהל פריינדליך צו די טשערקעסען, וואָס זי האָט זיי איינגעלאַדען צו קומען פון קאַווקאַז און בולגאַריע צו בעזעצען זיך דאָ, אין לאַנד. זייערע שעיכען בעקומען הויכע מיליטערישע שטעלעס און האָבען אַ גרויסע מאַכט אין דער אָרטיגער פערוואַלטונג. זייער יחוס שטיצט זיך אָבער ניט נאָר אויף סימפּאַטיעס פון דער רעגירונג, נאָר אויך אויף זייערע זעלטענע פעהיגקייטען. די טשערקעסען פערמאָגען פיעל מוט און העלדישקייט און אַ גרויסע אַרבייטס־לוסט, דער־

צו איז נאך זייער עקאנאמישע לאגע גוט און זיכער. זיי זיינען זעהר קאמפפס־פעהיג און זייער נאמען קלינגט איבער׳ן גאנצען לאנד. קיין פעלאך, קיין בעדואינער האט ניט די העזה פארטשעפען א טשערקעס. „פיש אכבר מן טשרקס!“ זאגט דער פעלאך — „ניטא גרעסער פונ׳ם טשערקעס!“

זייער הויפט־וואוינארט איז אין עבר־הירדן, אין דער געגענד פון קניטרה. און אין גליל התחתון, צווישען סעדזשערא און יעמא האבען זיי א גרויסע דארף מיט׳ן נאמען „כפר־כמא“. מיט די אידישע קאלאניעס וואס ארום לעבען זיי בשלום — צו יענער צייט איז די גאנצע וואך פון גליל׳ער קאלאניעס געלעגען אין זייערע הענט. זיי האבען אויך געהיט די פארם, דעם וואלד און די פעלדער פון סעדזשערא. דער אדמיניסטראטאר האט ניט געוואגט אנצושטעלען אידישע וועכטער.

* * *

עס איז אונז קלאר געווארען, אז מיט אמאל וועלען מיר אט די פעסטונג פון פרעמדער וואך ניט איינגעהמען. מ׳דארף לאנגזאם טריט ביי טריט פונאנדערוויקלען א קאמפף פאר יעדען פאסט בעזונדער. אנהויבען האבען מיר בעשלאסען טאקע פון פארם. במשך פון איניגע נעכט האבען מיר געזעהען,־ ווי דער וועכטער קומט ניט צו זיין פאסט. ער לאזט, הייסט עס, דער „נאמען“ אליין זאל היטען. אזוי זיינען זיך נוהג די אראבישע וועכטער, וואס זיינען בעריהמט מיט זייער גבורה און מיט זייער רויב — פאר וועכטער נעהמט מען אלעמאל די גרעסטע, בעריהמטסטע רויבער און מערדער, בעוואוסטע אין דער געגענד. מ׳איז דערביי זיכער, אז שוין די ידיעה אליין, אז די וואך האט ער איבערגענומען, היט אב פון גנבות. און אויב אפילו ס׳מאכט זיך א גנבה, קענען זיי זי גרינג אויסגעפינען דורך זייער פיעלזייטיגער בעקאנטשאפט און אומקעהרען זי דעם בעל־הבית, פערשטעהט זיך ניט אהן א גוטען באקשיש׳ל פון זיין זייט. די וועכטער זיינען פעראנטווארטליך פאר דער גנבה, דאך נעהמען זיי א גאנץ גרויסע סומע געלד ביים בעל הבית פאר׳ן ארויסגעבען זי, דערביי געבען זיי אן אלס א תירוץ, פארוואס זיי נעמען זיי געלד, אז זיי דארפען דעם גנב בעצאהלען א „פרייז“ פאר דער צוריקגעגעבענער גנבה. דאס רוב ברענגען זיי אליין צו א גנבה, כדי דערפון שפעטער צו פערדינען. אזוי האט זיך אויך אונזער טשערקעס געפיהרט. אנשטאט אומצוגעהן א גאנצע נאכט הינטער׳ן וואנד אין דער פינסטער, איז ער בעסער אוועק צום אראבישען דארף סעדזשערא פערברענגען צווישען חברים־שכורים. מיר האבען אויפמערקזאם געמאכט דעם אדמיניסטראטאר אויף דעם, ווי אונטריי דער טשערקעס איז און ווי פאלש און ווי שעדליך עס איז פאר אונז אט די סיסטעם פון דער וואך. ער האט אונז אויפמערקזאם צוגעהערט. מיר האבען בעשלאסען, איהם אין דער זאך מיט פאקטען איבערצייגען. איינמאל אין א פינסטערער נאכט, האבען איניגע ארויסגענומען די בעסטע פרדה פון פארם. תיכף האבען מיר מודיע געווען דעם אדמינסטראטאר וועגען דער גנבה. ער איז באלד געלאפען אין שטאל אריין. די פרדה איז ניטא. האט ער א פייף געטהאן דער וועכטער זאל קומען, איין פייף, א צווייטען, א דריטען — קיינער קומט ניט צו געהן. איז ער ארוים אין דרויסען, ארומגעגאנגען דעם מויער — אפשר איז ער אנשלאפען געווארען, דער טשערקעס — קיינער איז ניטא. האט ער באלד געשיקט גלייך אינ׳ם אראבישען דארף צו זוכען דעם טשערקעס. דארט האט מען איהם טאקע געפונען שלאפענדיג. דער אדמיניסטראטאר האט איהם אבגעזאגט און אויף זיין ארט די וואך איבערגעגעבען צו צ. ב. — איינער פון אונזערע חברים.

די ערשטע פעסטונג איז איינגענומען.

* * *

מיר האָבען געוואוסט אַז דער טשערקעס וועט ניט שווייגען. און טאַקע אין אַ פּאָר נעכט אַרום, ווען דער אַדמיניסטראַטאָר איז אויפגעשטאַנען אין דער פריה, האָט ער דערזעהען אַז די שויבען זיינען צובראָכען ביי איהם אין שטוב, און אין וואַנט פון זיין צימער שטעקען מאַרטין־קוילען, חאָטש ביידע וועכטער וואָס האָבען געהיט דאָן, האָבען קיין שאָס ניט געהערט. די נאַכט איז געוועזן אַ פינסטערע. דרויסען האָט אַ גרויסער שטורעם געבושעוועט, און אַ שלאַקס־רעגען געגאָסען, און דער קנאַל פון די שיסערייען איז פאַרשוואונדען אין דער שטורעמדיגער נאַכט. די אָנפאַלער האָבען זייערס געטהאָן מיט דעם מיין, איבערצושרעקען די אידישע וועכטער. ביז דאָן פלעגען די אַראַבער אָנרופען די אידען מיט'ן צונעמעניש „ולד־איל־מית" — „קינדער פון טויט", ציטעריגע, הייסט עס, פּחדנים און ווייך־הערציגע. און זיי האָבען דאָן רעכט געהאַט. די אידען וואָס די אַראַבער האָבען דאָן געקענט און געזעהען פאַר זיך, זיינען טאַקע באמת ווערט געווען, דעם צונעמעניש צו טראָגען. און אָט האָבען אויך דאָס מאָל די אָנפאַלער געמיינט, אַז זיי האָבען עס צו טאָן מיט די „ולד־איל־מית", און אַז מ'דאַרף נאָר אַ פּאָר מאָל אָנסטראַשען די נייע וועכטער, און זיי וועלען אַליין אַוועק פון דער וואַך.

דאָס מאָל האָבען זיי אָבער אַ טעות געהאַט. באַלד נאָך אָט דער נאַכט האָבען מיר זיך גוט אָרגאַניזירט צו דער זאַך. אויסער דעם שטענדיגען וועכטער און דעם חבר וואָס מ'האָט איהם פריהער צוגעגעבען, וואָס האָבען געדאַרפט היטען די פאַרם, ווי געוועהנליך, האָבען מיר בעשלאָסען איינאָרדנען אַ וואַך פון אַלע אַרבייטער צו פאָרוויז. אַלע צוויי־שעה אַ נייע פּאָרל, אַזוי פון אָנהויב אַבענד ביז'ן אויפגעהן פון מאָרגענשטערן. מיר פלעגען ניט אויסטאָן די קליידער און אַזוי לעגען זיך אינ'ם גרויסען תבואה־שפייכלער נעבען מיהל, דאָס געוועהר נעבען זיך—און יעדער פּאָרל פלעגט אַרויס צו דער וואַך אין זיין צייט און זיך אַוועקזעצען און לויערן, צווישען די געדיכטע סאַברעס אָדער אין די פעלזען־שפּאַלטען, צו אַלץ וואָס קען קומען און צו רופען די איבריגע נאָך הילף ווען ס'איז נויטיג. דאָס איז געווען אין ווינטער־צייט און אַ שרעקליכער שטורעם, וואָס ס'איז שוין לאַנג זיין גלייכען ניט געווען, האָט געברויזט במשך פון אַ וואָך צייט איבער'ן גאַנצען לאַנד. אין די יהודה'ר קאָלאָניעס האָט דער שטורעם כמעט אַלע מאַראַנצען פון די בוימער אַראָבגעשליידערט און האָט אין די באַיאַרעס זעהר גרויס שאַדען געבראַכט. ביי אונז אין סעדזשערא האָט דערצו נאָך אַ גרויסער רעגען געגאָסען. ס'איז געווען אַזוי פינסטער, אַז מ'האָט גאָרנישט געזעהען וואָס ס'טוט זיך אַרום. ווען איך בין מיט מיין בעגלייטער צו דער וואַך אַרויס, האָבען מיר זיך געמוזט האַלטען ביי די הענט. די בוימער, די פעלזען, די הייזער — אַלץ איז פערזונקען אין דער שוואַרצער נאַכט־פינסטערניש. אַפילו ריידען איינער צום צווייטען האָבען מיר ניט געקענט — אונזער שטימע איז פערשוואונדען אינ'ם שטורעם וואָס האָט ניט אויפגעהערט צו וואָיען די גאַנצע נאַכט. עס האָט אויסגעוויזען אַז אויך די נאַטור האָט זיך מיט אונזערע שונאים פעראייניגט און וויל אויספּרובען אונז... ביי צוויי וואָכען האָט זיך דאָס געצויגען, ביז די אָנפאַלען האָבען אויפגעהערט. דערזעהען האָבען די אַראַבער, אַז דערמיט וועלען זיי אונז ניט איבערשרעקען און אונז פון דער וואַך ניט דערווייטערן — און זיי האָבען זיך צוריקגעצויגען.

פון דעם ערשטען נסיון זיינען מיר ארויס מיט א זיעג...

* * *

א גוטען, ניצליכען מוסר השכל האבען מיר ארויסגעטראגען פונ'ם ערשטען נסיון. מיר האבען איינגעזעהען, אז א אידישער וועכטער אליין איז נאך ניט גענוג. אויב די איבעריגע ארבייטער פון קאלאניע וועלען ניט פעהיג און גרייט זיין צו יעדער צייט פון געפאהר דעם וועכטער צו העלפען, האט די גאנצע וואך קיין זינן ניט, ווייל זי וועט קיין קיום ניט האבען. דער אידישער וועכטער קען זיך ניט פערלאזען אויף זיין „נאמען" אליין. ער מוז טאקע ארויסגעהן נאכט־איין־נאכט אויף דער וואך און ניט צולאזען דעם שונא. און כדי דאס דורכצופיהרען ניט נור געטריי, נאר אויך מיט ערפאלג, איז נויטיג א שטענדיגער רעזערוו, וואס זאל אויסהעלפען דעם וועכטער, אין דעם נויטיגען מאמענט. דערצו מוז מען צוויי זאכען האבען : פאסענדע מענשען און גוטע געוועהר.

מיר זיינען געווען גרייט, אבער געוועהר האט געפעהלט. בלויז א פאר פון אונז האבען רעוואלווערס געהאט. האבען מיר בעשטימט, פאדערן פון דער אדמיניסטראציע, ז י זאל אונז געבען געוועהר. דער אדמיניסטראטאר האט איינגעוויליגט אויף אונ־זער פאדערונג. א ספעציעלער וואגען איז געשיקט געווארען קיין חיפה, ביקסען צו ברייננגען. מיט וואס פאר א אונגעדולד האבען מיר געווארט אויפ'ן וואגען ! טאג און נאכט האבען מיר נאר וועגען איינס גערעדט — וועגען געוועהר, און דער טאג, וואס דער וואגען איז פון חיפה געקומען, איז פאר אונז א גרויסער יום־טוב געווען. די געבראכטע ביקסען זיינען געווען זעהר איינפאכע, וואלוועלע אראבישע דזשיפטען, צוויי־רעהריגע יעגער־ביקסען. ביי דער אדמיניסטראציע זיינען אפילו געווען גוטע מאר־טינען, זי האט נאך אונז אבער ניט אנפערטרויט אזא „געפעהרליכע" געוועהר — א קלייניגקייט, א מארטין... נאר פאר אונז זיינען דאן אויך די דזשיפטען גענוג גוט געווען. ווי קליינע קינדער האבען מיר זיך געשפיעלט מיט זיי און די גאנצע צייט זיי פון האנד ניט ארויסגעלאזט. גאר אהן חשק זיינען מיר אויף מארגען צו דער ארבייט געגאנגען — שיידען זיך אויף א גאנצען טאג פון די ביקסען ! ווי נאר מיר זיינען אהיים געקומען און די פרדות אויסגעשפאנט, האבען מיר זיך ווידער צו אונזערע ביק־סען גענומען און זיי ניט אבגעלאזט ביז מיר זיינען אנשלאפען געווארען.

געגעסען מיט'ן ביקס, געשפאציערט און געשמועסט, געלייענט און געוואשען זיך — אלץ מיט'ן ביקס אין האנד אדער אויף דער פלייצע. דער גרויסער צימער פון חאן, וואו ס'האבען די מעהרסטע ארבייטער געוואוינט איז פלוצלונג אין א רויבער־נעסט פערוואנדעלט געווארען. ווער עס איז אריין אהין ביינאכט, פאר'ן שלאף, האט פאר זיך געזעהען א צוויי מנינים בחורים זיצענדיג אויפ'ן בעט. יעדערער האלט א ביקס אין האנד, איינער רייניגט איהם, א צווייטער פרובט אוים ווי ער שיסט, א דריטער פילט איהם מיט קארטושען אן, מ'פערגלייכט די ביקס איינעם מיט'ן אנדערן, מ'רעכענט אוים זייערע מעלות און חסרונות, מ'הענגט זיי אויף אויפ'ן וואנט און נעהמט ווידער אראפ, מ'טוט זיי אן אויפ'ן אקסעל און טוט אוים און אזוי ביז'ן שלאף. ווען ס'איז אין א פאר טעג ארום דער ערשטער שבת געקומען, האבען מיר ניט אויפגעהערט צו שיסען אין חאן א גאנצען טאג, פון פריהמארגען ביז שפעט פארנאכט. געשאסען האט מען אין א ציעל און אהן א ציעל — אבי געשאסען. די שיסעריי איז ניט דורך אהן „קרבנות". איינער פון די חברים, מ. ג. האט זיך ניט געקענט בעגניגען מיט שיסען אין דער לופטען אדער אין א האלץ אדער א שטיין, און ניט געפינענדיג קיין שרעקליכער'ען

שונא פאר זיך ווי די קעץ, וואס זיינען ארומגעלאָפען איבער׳ן הויף, האָט ער אין זיי געשאָסען, און די קעץ האָבען געביך מיט זייער בלוט בעצאָהלט פאר דער אונגעדולד פון אונזער קאַמפּפּלוסטיגען חבר.

די פארם, ד. ה. איהר וואך איז אריבער צו אונז. איצט האָבען מיר זיך א נעהם געטהאָן צו דער קאָלאָניע. און דאָ איז דער צופאל אליין אונז צו הילף געקומען. ביי איינעם פון די חברים פונ׳ם קאָלאָניע־ועד, ביים קאָלאָניסט י. האָט מען אמאָל אין א נאכט די פערד צוגעגנב׳עט. דער קאָלאָניסט האָט באלד דערשפירט די גנבה און איז ארויסגעלאָפען אויפ׳ן גאס. דאָ האָט ער דעם וועכטער בעגעגענט, געהענדיג פון פעלד. ער האָט באלד פערשטאַנען אז ער אליין האָט עס די פערד גע׳גנב׳עט. מיר האָבען בעשלאָסען, שמידען דאָס אייזען כל זמן עס גליהט... האָבען מיר זיך תיכף צום קאָלאָניע־ועד געווענדעט מיט א פאָרשלאג, ער זאָל אַנשטעלען אידישע וועכטער. דאָס מאָל האָבען זיי שוין ניט געוואגט אונז צו שרעקען מיט זייערע אמאָליגע טענות און אונז נאָכגעגעבען. אונזער נצחון אין דער פארם האָט אפילו די ערגסטע פון זיי די מיילער פערשטאָפּט.

סעדזשערא איז געווען די ערשטע קאָלאָניע, וואס האָט אנגעשטעלט אידישע וועכטער.

* * *

נאָכדעם ווי מיר האָבען שוין „איינגענומען“ די וואך אין דער פארם און אין דער קאָלאָניע, איז שוין ניט זעהר שווער אָנגעקומען די שטאַרקסטע און געפעהרליכסטע פעסטונג צוצוברעכען — די „רביעה“.

די „רביעה“ הויבט זיך אָן אין דער צווייטער העלפט פון די רעגען־טעג, אין שבט — אדר. דער „יורה“ (שפריי־רעגען) הויבט אָן צו גיסען, און די ערד, וואס איז פאר די זיבען הייסע זומער־חדשים אזוי פערהאַרטעוועט געוואָרען, זאַפט דורשטיג איין די ערשטע רעגענס. דער קאָלאָניסט געהט ארויס צו דער ארבייט, ער אקערט און זייט, עפענט פונאנדער די פייכטע שיטערדיגע ערד. די פעלדער ווערען מיט גרינס בעציערט, דאָס גראָז הויבט אָן שפּראָצען, און ווען די פאשע אין וואלד איז שוין גענוג גרויס פאר׳ן מלקוש — אין מיטען שבט קומט עס אויס — דאן הויבט זיך אָן די נאכט־פאשע, אָדער „רביעה“. די פערד און די פרדות פיהרט מען ניט אין שטאל אריין נאָך דער ארבייט. די גאנצע סטאַדע, די אָקסען, פרדות, פערד און עזלען נעמט מען צונויף אויפ׳ן שייער און פון דאָרטען פיהרט מען זיי צו דער פאשע. די נאכט־פאשע איז ניט גלייך צו דער פאשע בייטאָג. ניט איין פאַסטוך און ניט צוויי פאשען די סטאַדע ביי נאכט. דאָ, צווישען די בערג, טאָר מען די סטאַדע דער פינסטערער נאכט ניט פערטרויען. א גרופּע גוט בעוואָפענטע רייטער און פוסגעהער געהען מיט איהר מיט. זיי צושפּרייטען זיך איבער׳ן טאָל און הערען זיך גוט איין צו יעדען שאָרך אין דער לופט, גרייט אָפּצוענטפערן צו יעדער צייט א ניט־גערופענעם גאַסט...

שווערער א סך און געפעהרליכער פון דער קאָלאָניע־וואך איז די וואך פון דער סטאַדע אין וואלד. אין קאָלאָניע האָט דער וועכטער שטענדיג טרייע מיטהעלפער: אייזערנע שלעסער אין די שטאַלען און א שטיינערנע מויער ארום די הייזער. א פרעמדער וועט ניט וואגען אריינצוגעהן אהין נאָך זון־אונטערגאנג. אלץ איז פערשלאָסען און פערריגעלט. דערהערט ער א שאָרך פון דערווייטען, שיסט ער אויס אָדער ער גיט א סיגנאל מיט זיין פייפעל — און די גאנצע קאָלאָניע איז מיט איהם.

אָבער די פּאַשע איז ווייט פון׳ם דאָרף. דער וועג אַן אַפּענער, ניטאָ קיין מויער און קיין שלעסער. פריי, אָהן אַ צוים, געהען אַרום די פערד און לאָזען זיך טיעף אין וואַלד אריין — אַ גוטע געלעגענהייט פאַר די רויבער־באַנדעס צו טאָן זייער אַר־ בייט. שמאָלע שטעגעלעך זיינען דאָ אַ סך, וואָס פיהרען ערגעץ ווייט, אין בעהעלט־ נישען צווישען די בערג און ס׳איז זעהר גרינג דאָ צו רויבען און מיט דעם רויב אינ־ איינעם אנטלויפען, מ׳זאָל ניט וויסען וואו זיי זיינען אהינגעקומען.

אריינדרינגען אויך אהערצו, אין דער „רביעה" — דאָס איז געווען די דריטע אַר־ בייט יענעם ווינטער.

נאָכדעם ווי מיר האָבען דורכגעפיהרט די וואָך אין פּאַרם און אין קאָלאָניע, איז אונז אויך דאָס גרינג אָנגעקומען. און ווען די צייט פון „רביעה" איז געקומען, איז אונז געלונגען אויסצופיהרען, מ׳זאָל אויך אַ פּאָר פון אונזערע אריינ־ נעהמען צווישען די וועכטער־פּאַסטוכער. איבערגעבען די גאַנצע פּאַשע מיט איין מאָל צו אונז — האָט געשיינט צו געפעהרליך דעם אדמיניסטראַטאָר און דעם קאָ־ לאָניע־וועד.

און די „רביעה" האָט דער אידישער וואָך דעם ערשטען בלוטיגען צוזאַמענ־ שטויס געבראַכט. צום גליק איז עס צו קיין טויט־פאַל ניט געקומען.

* * *

צווישען די אידישע פּאַסטוכער איז אויך געווען בערל שוויינער, וואָס איז מיט אַ פּאָר וואָכען צוריק קיין סעדזשערא געקומען. פאַר דער קורצער צייט האָט ער צו זיך די חברים צוגעצויגען. ער האָט אויך געוואונען דעם צוטרוי פון׳ם אדמי־ ניסטראַטאָר, און ער האָט איהם איבערגעגעבען אַזאַ שווערע און פעראַנטוואָרטליכע ארבייט. ווי פריהער אין דער וואָך, אַזוי אויך דאָ אין דער „רביעה" זיינען ביז איצט די טשערקעסען די איינציגע הערשער געווען און זיי האָט טאַקע זעהר פערדראָסען, למאי די אידען הויבען אָן פאַרנעהמען אויך די „רביעה" צו זיך. זיי האָבען דערין אַ בעליידיגונג געפיהלט, אַ בעליידיגונג פאַר זייער שטאָלץ און ווירדע. — אָט די ולד־ אל־מית וועלען דאָס ארויסגעהען אינאיינעם מיט זיי, מיט די העלדען־טשערקעסען צו דער פּאַשע ביינאַכט? מעהר פון אַלעמען האָט פערדראָסען דעם יונגען חסנ׳ען, דעם זוהן פון׳ם טשערקעסישען שעיך, למאי נעהמט דערין אויך אַן אנטייל בערל שוויי־ נער, וואָס איז נאָך דאַן זעהר יונג געווען, כמעט אַ אינגעל. פריהער האָט ער זיך פאָר־ געשטעלט, אַז בערעלע וועט גיך מיעד ווערען און וועט ניט לאַנג אָנהאַלטען ביי דער שווערער ארבייט. אָבער נעכט נאָך נעכט זיינען אריבער און בערעלע איז טריי און העלדיש ביי זיין ארבייט געבליבען, ווי אַן אַלטער פּאַסטוך פון לאַנגע, לאַנגע יאָהרען. דאַן האָט חסן זיך אָנגעהויבען רייצען מיט איהם, אָבשפּאָטען און בעליידיגען איהם. בערעל האָט אָבער פיינט געהאַט צו פערשווייגען. אויף יעדער זאַך פלעגט ער איהם ענטפערן מיט שאַרפע שטעכווערטלעך כדבעי. ביז איינמאָל האָט זיך שוין חסן ניט געקענט איינהאַלטען און האָט איהם אַ געשריי געטאָן: ילען־דינך! — די גרעסטע, בעליידיגענדסטע קללה וואָס דער אראַבער פערמאָגט — „אַ פלוך אין דיין גלויבען!" בערעלי האָט גאָרנישט געענטפערט, ער האָט נאָר אויפגעהויבען זיין קורבאַטש (נאַ־ גאַיקע) און איהם גלייך אויפ׳ן טשערקעס׳ פּנים אראָפּגעלאָזט. חסן איז ערשטווינט געוואָרען פון דעם אידענס חוצפּה — אַ „ולד־אל־מית" זאָל האָבען די העזה אויפ־ הויבען אויף איהם אַ האַנד, אויף איהם, דעם זוהן פון׳ם שעיך פון די טשערקעסען! אַן אָנגעצונדענער איז ער בערעלען בעפאַלען, באַלד האָט ער אָבער דערפיהלט, ווי

צוויי אייזערנע צוואנגען האלטען איהם די הענט — בערעלי האט ארומגענומען דעם טשערקעס, האט איהם א שליידער געטאן אויף דער ערד און פון איהם לאנג דעם קורבאטש ניט ארויסגענומען. בערעלי האט אויך געכאפט קלעפ, ער איז אבער גע־שטאנען און חסן געלעגען אויף דר׳ערד. לאנג האט איהם בערעלי מיט׳ן קורבאטש גע־שלאגען ביז חסן איז געבליבען אהנמעכטיג און דער קורבאטש איז פון זיינע הענט ארויסגעפאלען. ער האט נאר א פייף געטאן נאך הילף און איז אין חלשות געבליבען. ער איז געלעגען און געבלוטעט.

עלי, חסנ׳ס געטרייסטער חבר, איז באלד צו הילף געקומען, און דערזעהענדיג זיין חבר אין בלוט, האט זיך אין איהם א פייער פון נקמה אנגעצונדען און ער איז גע־שווינד צו בערעלין צוגעלאפען. נאר בערעל האט איהם באלד זיין ביקס אנטקעגען געשטעלט:

— אנדאק! — שטעה! ניט פון ארט! און די גאנצע נאכט איז עלי געשטאנען נעבען זיין בלוטענדען חבר און האט ניט געוואגט זיך ריהרען פון ארט, און אנטקעגען איהם איז געשטאנען בערעלי, אויך ער א פערבלוטיגטער, אין האנד די ביקס אנ־געשטעלט...

ווען מיר זיינען בעגינען אויפגעשטאנען צו דער ארבייט און געווארט אויף דער סטאדע, זיינען מיר פלוצלונג איבערראשט געווארען. ס׳איז אריין בערעלי. מיר האבען איהם כמעט ניט דערקענט — אזוי פערבלוטיגט איז געווען זיין פנים און זיינע קליידער. נאך איהם האבען די טשערקעסען געטראגען חסנ׳ען אויף די הענט...

דער אדמיניסטראטאר האט דערזעהען דעם בלוטענדען חסנ׳ען און איז פערצי־טערט געווארען, — וואס האט איהר געטאן? די טשערקעסען וועלען זיך דאך נוקם זיין אן אונז — האט ער שטיל געשעפטשעט, בלאס ווי דער טויט. מיר זיינען גע־שטאנען ארום בערעלי׳ן און האבען גארנישט געענטפערט. דער אדמיניסטראטאר האט געווארפען א בליק אויף די ארבייטער — אין די מוטיגע, ענטשלאסענע בליקען האט ער א געניגענדען ענטפער געפונען... און ער האט זיך בערוהיגט.

די טשערקעסען האבען זיך ניט נוקם געווען. פערקעהרט, פון דאן אן האבען זיי אונז אנגעהויבען אכטען, צווישען זיך פלעגען זיי איינער דעם אנדערן זאגען: דאס זיינען שוין ניט קיין „ולד־איל־מית" — דאס זיינען „מאסקאבעס".

די וואך אין סעדזשערא האט זיך בעפעסטיגט און געזיעגט דורכאויס. שפעטער האבען סעדזשערא נאכגעטאן מסחה און יעמא — און אויך איינגעפיהרט אידישע וואך.

* * *

... און סעדזשערא, וועלכע איז געוועזען די ערשטע איינצופיהרען אידישע וואך, איז אויך די ערשטע צו איהרע קרבנות געווען.

דאס איז געווען אין א יאהר ארום, פסח תרס״ט. דעם גאנצען ווינטער האט זיך אין דער לופט פון סעדזשערא געפיהלט דער ריח פון פולווער. צווישען אונז און די כפר־קענא׳ר זיינען פארגעקומען קאנפליקטען צוליעב די גרעניצען אויפ׳ן באדען פון אום־גבל. עטליכע מאהל זיינען זיי ארויס אקערן אונזער באדען, און מיר האבען זיי מיט כח פערטריבען. די זבאח וואס לאגערן אינ׳ם סעדזשערער וואלד, אויך זיי זיינען ניט רוהיג געווען, — רעגירונגס־חיל׳ען האבען דערשאסען זייער שעיך חמדי. אין דער אראבישער סעדזשערא זיינען אויסגעבראכען קריגערייען צווישען די אראבער און די קורדישע אידען וואס וואוינען דארטען. די לוביה׳ר פעלאכען זיינען אויך חוצפה׳דיגער געווארען און פלעגען פערטשעפען יעדען דורכגעהער, וואס פלעגט געהן

פון סעדזשערא קיין טבריה. דאָס איז געווען אין ווינטער נאָך דער יונג טערקישער רעוואָלוציע, און די אונוויסענדע אַראַבישע פעלאַכען האָבען די „חוריה" מפרש געווען אויף אַ גאַנץ אייגענאַרטיגען אופן — עס האָט געהייסען, אַז פון היינט אָן און ווייטער איז מען פריי צו טהאָן וואָס מ'וויל. לית דין ולית דיין. די רעגירונג טאָר זיך ניט מישען אין גאָרנישט. און דערפאַר האָבען זיך אַזוי פערמעהרט די רויבערייען, גנבות און אָנפאַלען אין דער גאַנצער געגענד אַרום.

ס'איז דאַן געווען דער בליהונגס־פעריאָד פון סעדזשערא. אין פאַרם האָבען געאַרבייט אַ היבש ביסעל אַרבייטער — און די סאַמע בעסטע פון גליל. דאָ האָט זיך געפונען דער צענטער פון דער וואַך, פון „החורש" (אַקערבוי־אַרבייטער אָרגאַניזאַציע), און אַלע אַרבייטער הוליאַנקעס און פערזאַמלונגען פלעגען דאָ פאָרקומען. און חאָטש די שטימונג, צוליעב דער אונרוהיגקייט און די אָפטע סכסוכים און אָנפאַלען פון די אַרומיגע שכנים, איז געווען דאַן עטוואָס געדריקט און חמורעוואַטע — האָבען מיר פונדעסטוועגען בעשלאָסען צו פייערען דעם סדר פונקט ווי פאַר־אַ־יאָהרען.

ס'זיינען זיך צוזאַמענגעקומען אַלע גליל'ער אַרבייטער און אויך אַ היבש ביסעל געסט פון יהודה, אַם מערסטענס פאַרטיי חברים. זיי זיינען געקומען צו דער פערזאַמלונג פון די גליל'ער פועלי־ציון אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט געדאַרפט אָבגעהאַלטען ווערען פסח אין סעדזשערא.

די חגיגה איז פאָרגעקומען אין אויבערשטען „חאַן", אין דער פאַרם. דער גרויסער אַרבייטער צימער איז געווען דעקאָרירט אויף'ן סעדזשערער שטייגער: געדריכטע אייקאַליפּטוס און פעפערבוים־צווייגען האָבען פערדעקט די צוויי לאַנגע ווענט. אויף דער פאָדערשטער וואַנד, אַנטקעגען איבער דעם אריינגאַנג, זיינען אויסגעהאַנגען געוואָרען אַקערס, גראַבליעס, בראַניעס, פיאַשען פערפוצט אין בלומען קראַנצען. און ביידע זייטען פענסטער זיינען פערהאַנגען געוואָרען מיט ביקסען, רעוואָלווערען, שווערדען און קינזשאַלען.

מ'האָט זיך צוגעזעצט צום לאַנגען טיש — און ווי געווענטליך האָט מען אָנגעהויבען מיט וויין און געזאַנגען. די אומעטיגע און כמורנע שטימונג איז אין גאַנצען אָבגעווישט געוואָרען. מיט יעדע כוסה און מיט יעדען נייעם שיר האָבען מיר זיך אַלץ מעהר אריין געלאָזט אין פלאַמענדיגע כמעט ווילדע התלהבות וואָס האָט תמיד געהערשט אין אַזעלכע אַרבייטער־הוליאַנקעס. ס'האָבען זיך אָנגעהויבען די אַראַביש־חסידישע התלהבות'דיגע רקודים'לעך מיט די רעש'דיגע צופליאַסקען פון די הענד.

פלוצלינג, אין מיטען הוליען, האָט זיך פון דרויסען דערהערט אַן אויפגערעגטער, נערוועזער געשריי. די שמחה האָט זיך ראַפּטאַם איבערגעהאַקט און ס'איז געוואָרען שטיל. אין צימער איז האַסטיג אריין אַ פרעמדער יונגערמאַן, מיט אַ צוקאָכטען און ברענענדיגען פנים, און מיט אַנ'איבערגעהאַקטען אָטהעם האָט ער אונז איבערגעגעבען וועגען דעם אָנפאַל וואָס האָט אָקאָרשט פאַסירט. אין צווייען, ער מיט אַ פריינד, זיינען זיי אָנגעקומען פון חיפה, אַן אַראַבער מיט אַן אייזעלע האָט זיי בעגלייט און געפירט זייערע זאַכען, צווישען וועלכע ס'איז אויך געווען אַ קאָסטבאַרער פאָטאָגראַפישער אַפּאַראַט. ארויסגעהענדיג פון כפר־קנה — אַ קריסטליך אַראַבישער דאָרף, אַנ'ערך צוויי שעה פון סעדזשערא, אַרום זונען־אונטערגאַנג זיינען זיי, פון צווישען די פעלזען, בעפאַלען געוואָרען פון דריי אַראַבער. נור ער אַליין האָט געהאַט ביי זיך אַ שטיקעל געוועהר, אַ ברוינינג, און האָט זיך אַזוי לאַנג געוועהרט ביז אַלע קוילען זיי־

נען איהם אויסגעגאנגען. ענדליך האָבען די אראַבער גאַנץ גוט צושלאָגען זייער אראַ־בישען בעגלייטער, צוגענומען זיין אייזעלע מיט זייער האָב און גוטס. איינער פון די דריי אַנפאַלער האָט געמוזט שטאַרק פערוואונדעט ווערען — ווען די אַנפאַלער זייגען אוועק האָט ער געזעהען א לוזשע פון בלוט.

מיר האָבען זיך גלייך געחאַפּט צום געווער און זיך אַרויסגעלאָזט זוכען. אָבער אומזיסט. מיר האָבען בלויז געפונען שפּורען פון בלוט אויף דעם אָרט פון אַנפאַל — א לענגליכער רויטער צייכען האָט זיך געצויגען אויפ'ן וועג און זיך מיט א מאָהל איבערגע־האַקט און פערשוואונדען.

געערגערטע און בעאונרוהיגטע האָבען מיר זיך אומגעקערט א היים.

צומאָרגענס האָבען מיר געהערט, אַז קיין נצרת, אין האָספּיטאַל, האָט מען פון כפר קנה געבראַכט א שטאַרק פערוואונדעטען אַראַבער. צוויי טעג שפּעטער האָבען מיר זיך דערוואוסט אַז דער אַראַבער איז געשטאָרבען פון זיינע וואונדען. בשעת מ'האָט דעם אַראַבער געבראַכט אין האָספּיטאַל, האָבען זיינע פריינד דערצעהלט, אַז ער האָט זיך צופעליג אליין געשאָסען, ווען ר'האָט שוין אבער געהאַלטען ביין טויט, האָבען זיי דערצעהלט אַז סעדזשערער אידען האָבען איהם דערשאָסען. מיר האָבען באַלד דערפילט אַז ס'וועט עפּעס פּאַרקומען.

ס'איז געווען חול־המועד און מיר האָבען ניט געאַרבייט. אין א קאָלאָניסטיש הויז, הינטערן באַרג זיינען מיר דאָן געווען פערזאַמעלט ביי'ן גליל'ער פּועלי־ציון קאָנ־פערענץ. מיר האָבען דאָן פאַרהאַנדעלט די אַגראַר־פראַגע — אָבער די געמיטער זיי־נען געווען פערנומען מיט גאָר עפּעס אַנדערש. איך האָב דאָן געפירט דעם פּאַרזיץ, — און מעהר ווי כ'האָב זיך איינגעהערט אין די פערשיעדענע מיינונגען און צום גאַנג פון די פערהאַנדלונגען — האָב איך געטראַכט וועגען ברוינינג וואָס כ'האָב די גאַנצע צייט געטראָגען ביי זיך.

אין מיטען די פערהאַנדלונגען איז פון דער הויך געקומען א פּאַטרול אַנזאָגען, אַז מען איז בעפאַלען די טשערעדע פון קאָלאָניע און אוועקגעטריבען פּרדות און אָקסען. די קאָנפערענץ איז איבערגעריסען געוואָרען. די חברים וואָס זיינען געקומען פון אַנדערע קאָלאָניעס האָבען זיך גלייך אומגעקעהרט אין זייערע היימען, אום צו זיין אויפ'ן פּלאַץ אין אַזא אונרוהיגער צייט. מיר, סעדזשערער, האָבען זיך צוזאַמענגע־קליבען אין חאַן צו בעטראַכטען די לאַגע און אויסאַרבייטען די טאַקטיק. מיר האָבען בעשלאָסען די ערשטע זיבען טעג אויסמיידען ווי ווייט מעגליך צוזאַמענשטויסונגען מיט די אַראַבער. לויט דעם אַראַבישען מנהג פון „גאָם“ (גאולת־דם), זיינען די ערש־טע זיבען טעג פון נאָכ'ן טויט די קרובים פון ערמאָרדעטען (די גואלי־הדם) בעזונדערס בערעכטיגט אויף אַלערליי אַנפאַלען און רויבערייען אַנטקעגען דעם צד פון ידעם מערדער. שטעלט מען זיך דאָן אַנטקעגען מיט קראַפט, — מוז בלוט פערגאָסען ווערען.

די טשערעדע האָט מען בעשטימט ניט צו שיקען מעהר אין וואַלד אריין — וואָס געפינט זיך ווייט, פון דער קאָלאָניע, ארום א שעה גאַנג, נור האַלטען נאָהענט צו דער קאָלאָניע.

אויפ'ן נעכסטען טאָג, נאָכ'ן אַנפאַל אויף דער טשערעדע, איז מען איבערגעפאַלען די פעלדער נעבען סוק־אל־חאַן, און געשניטען די גערשטען וואָס האָט שוין געהאַלטען ביי'ן רייף ווערען. אין קאָלאָניע גופא האָט זיך דער שונא ניט בעוויזען. ס'האָט זיך אָבער געפיהלט אַן אונאויפהערליכע בעוועגונג פון פערדעכטיגטע פּערזאָנען ארום דער פאָרם. אויף די באַרג ארום האָבען פון בעגינען ביז'ן זונען־אונטערגאַנג אַרומגעוואַנ־

דערט בעוואפענטע רייטער און פוס־געהער. צוויי חברים: יעקב פלאטקין און נחום א. וואס זיינען אוועק אין טבריה ברענגען מצות זיינען נעבען לוביע בעפאלען געוואָרען פון א גרויסע באנדע אראבער און גוט צושלאָגען געווארען. די פערדעכטיגע ארומוואנדערונגען אויף די בערג זיינען געווארען אלץ אפטער און אינטענסיווער.

אין דער לופט איז געהאנגען עפעס פאטאלעס. קיינער האָט דאס ניט ארויסגעזאָגט — יעדער פון אונז האָט עס אָבער געוואוסט ביי זיך און געלעזען אין די אויגען פון די חברים: דער געדאנק פון אונפערמיידליך בעשערטען. ס'וועט ענדליך איינער מיט זיין לעבען בעצאָהלען — איינער אויף וועמען דער בלינדער גורל וועט פאלען.... מיר זיינען געווען ענטשלאָסען און מיר האָבען געווארט.....

דעם לעצטען, זיבענטען טאָג פסח איז דער גורל געפאלען, — ניט אויף איינעם — אויף צוויי...

אנגעהויבען האָט זיך עס מיט דער ערשטער יום־טוב נאכט — און געענדיגט זיך מיט'ן זונען־אונטערגאנג אחרון של פסח.

* * *

ס'איז געווען שוין א שעה צוויי נאָך מיטאָג. מיר זיינען עטליכע ארבייטער, געזעסען אין דער אפטייק ביי דער אפטייקערין, וואו מיר פלעגען פארברענגען די פרייע צייט. ס'איז אריין ישראל (קארנגאלד) אין פולער בעוואפנונג. אויפ'ן אקסעל די מארטינקע — אין גארטעל די קארטושען און אין דער זייט א ברוינינג. ער האָט דאן געוועכטעוועט אין פארם. אין געוועהנליכע צייטען פלעגט ער ארויס נור ביי נאכט — די טעג אָבער האָט ער שוין פון נאָך מיטאָג אָן, באלד ווי ר'איז פון שלאָף אויפגעשטאנען, אנגעהויבען מאכען זיינע „דור"ען ארום דער פארם.

ער איז אריין און דערצעהלט, אז נאָר וואס האָט ער געטראָפען צוויי אונבעקאנטע אראבער זיצען אויפ'ן בערגעל ביי'ן בית־עלמין. זיי האָבען צו איהם עפעס גערעדט — נור ער האָט זיי ניט פערשטאנען. פערשטעהט ווייניג אראביש. איז ער געקומען נעמען מיט זיך איינעם וואָס רעדט גוט אראביש. „יעצט וועלען מיר זיי, האָט ער מיט זיין שטענדיגען איראנישען שמייכעל געזאָגט, פאר די אויערען אהער ברענגען".

א., א סערדזשערער קאלאָניסט, אן אָרטיגער געבוירענער וואס קען גוט די אראַבישע שפראך איז מיט איהם מיטגעגאנגען. — מיר זיינען געזעסען און געווארט. אין א קנאפע האלבע שעה ארום האָבען זיך דערהערט שיסערייען. מיר זיינען ארויסגעלאָפען — א. איז אנגעקומען אן אטהעמלאָזער מיט א קאלך־בלאסען פנים. „ישראל איז דערשאָסען" — האָט ער קוים ארויסגעשריען.

א טרעוואָגע קלאנג פון דעם גרויסען פארם גלאָק האָט צוזאמענגענומען אלע ארבייטער. גלייך געהאפט זיך צום געוועהר און אוועק. הינטער'ן בארג ביי'ן גרענעץ פון קאלאָניע איז געלעגען ישראל — א גוסס. אויף זיין ברוסט איז געווען א קליין־שווארץ־בלוטיגע עפענונג. די קויל האָט איהם געטראָפען ביי'ן הארץ און דורכגעלעכערט דעם רוקען. ער איז געלעגען אהן'ם „מארטין" בלויז דער ברוינינג און דער גארטעל־קוילען זיינען געבליבען אויף איהם...

מיר האָבען געלאָזט צוויי חברים ביי'ן גוסס — און מיט קאָכענדיגע הערצער האָבען מיר זיך פאנאנדערגעלאָזט אין די בערג זוכען די מערדער. פיער זיינען זיי געווען — אָבער פיעל זיינען די בעהאלטענישען צווישען די פעלזען און היילען פון די גליל'ער בערג, און אומזיסט איז געווען אונזער זוכען. מיר האָבען זיך אומגעקעהרט

אליין — מיט פלאמענדיגען צאָרן, ביטערער ענטוישונג, פייניגענדען צער און אומעט. ניט ישראל האָט די געהיימע פיינד צו אונז לעבעדיג פאַר די אויערען געבראַכט — מיר האָבען ישראל'ן א טויטען פון פעלד א היים געטראָגען...

* * *

דאָס גרויזאַם־פאַטאַלעס האָט זיך אָבער נאָך ניט פערענדיגט — א צווייטער קרבן איז געפאַלען.

ס'האָט שוין אָנגעהויבען צו דונקלען. די גאַנצע קאָלאָניע איז זיך צוזאַמען גע־קומען נעבען „האָן". די בלוטיגע חמארע האָט אלע אויף איין אָרט צוזאַמענגעבראַכט. מיר זיינען געשטאַנען אויפ'ן נצרת'ער וועג און געקוקט אהין אין דער ריכטונג פון דעם אָרט, פון וואַנען דער אומגליק איז געקומען — קיין כפר־קנה. מיט א מאָהל האָבען זיך בעוויזען דריי לויפענדע אַראַבער, און צוויי חברים אונזערע יאָגען זיך נאָך זיי. די אַראַבער זיינען געלאָפען פון די טוראַנ'ער בערג, אין דער ריכטונג צו דער אַראַ־בישער סעדזשערא. מיר האָבען גלייך בעשלאָסען אַרויסצושיקען דריי פון אונזערע זיי זאָלען פערצאַמען פאַר זיי דעם וועג פון פאָרענט און פערכאַפּען זיי. מיר זיינען אַרויס אין דרייען — י. ש., א סעדזשערער קאָלאָניסט, שמעון מלמד און איך. מיר האָבען גענומען אָבשיסען די לויפענדע אַראַבער, ניט אויף צו דערשיסען זיי, נור נויטען זיי זיך אָבצושטעלען און דערמיט פערלייכטערען די צוויי חברים וואָס האָבען זיי נאָכגעיאָגט — צו דערנעהנטערען זיך צו זיי.

די דריי אַראַבער זיינען אויסגעקומען צווישען צוויי פייערען. פון הינטען — אונזערע צוויי חברים, און פון פאָרענט זיינען מיר אָנגעקומען. פון דער אַראַבישער סעדזשערא האָט מען דאָס דערזעהען — און דער גאַנצער דאָרף האָט זיך אַרויסגע־לאָזט אַנטקעגען אונז דריי. אונזערע, וואָס זיינען געשטאַנען ביי'ם וועג האָבען דער־זעהען די געפאַהר — און האָבען אונז צוריקגערופען — מיר האָבען אָבער אין פייפען פון די קוילען זייער שטימע ניט געהערט. די סעדזשערער אַראַבער זיינען צוגעקומען אַלץ נעהנטער. אונזערע האָבען גענומען קלינגען מיט'ן גלאָק, אום צוציהען אונזער אויפמערקזאַמקייט — מיר האָבען זיך אומגעקעהרט און דערזעהען די רופען און סיג־נאַלען פון אונזערע חברים — און האָבען אָנגעהויבען צוריקקעהרען. מיר זיינען גע־גאַנגען איינער הינטערן צווייטען — אָפּגערוקט צווישען זיך אין גאַנצען 4—5 מעטר. מיר זיינען שוין צוגעקומען זעהר נאָהענט צום וועג וואו אלע אונזערע זיינען גע־שטאַנען — אין א ווייטקייט פון 40 מעטר, ווי כ'האָב פלוצלינג דערהערט שמעון'ס קול: „אוי, מ'האָט מיך דערשאָסען!" און ער איז אַנידערגעפאַלען. כ'בין צו איהם צוגעגאַנגען — ער איז שוין געווען טויט. אנ'אַראַבער, בעהאַלטען צווישען די סאַב־רעס (קאַקטוסען) האָט אין איהם געשאָסען — און געטראָפען גלייך אין האַרץ.

* * *

אין דעם גרויסען צימער, וואו מיר האָבען דעם סדר אָבגעריכט, זיינען זיי ביי־דע, אין ווייסע לייליכער איינגעהילט, א גאַנצע נאַכט געלעגען. צו מאָרגענס — אסרו חג — זיינען מיר צו דער אַרבייט ניט געגאַנגען — מיט אונזערע פיאַשען האָבען מיר געדאַהפּט א גרויסען קבר אויסגראָבען — איין קבר פאַר צוויי געפאַלענע, א קבר פאַר אונזערע חברים....

שטיל האָבען מיר זיי דאָן אויף אונזערע אַקסלען פון אַרבייטער־צימער אַרויס־געטראָגען, אויפ'ן סעדזשערער בית־עלמין געבראַכט, און שטיל, אָהן הספדים, זיי צוזאַמען אין קבר אַריינגעלעגט...

צוזאַמען זיינען זיי אין סעדזשערא, אין׳ם אידישען האָף, געווען, מיט איין האָפנונג געלעבט, פאַר איין זאַך געאַרבייט — און צוזאַמען געפאַלען, — אייביג וועלען זיי צוזאַמען רוהען... איינער געווען אַ וועכטער, דער אַנדערער אַ קאָלאָניסט—אין ארץ ישראל ביידע, ד י ט י י ע ר ע און ה י י ל י ג ע.

אלכסנדר :

צזאַוואָרפענע בלעטלאַך.

די נאַכט אין קעלער.

רחובות. די ערשטע בלענדענדע זוניגע טעג פון מיין זיין אין לאַנד, מיינע ערשטע וויזיטען אינ׳ם „בית השומרים“, אינ׳ם וועכטער־הויז. עטליכע טישלאַך, בעטלאַך פון ברעטער און קעסטלאַך, אַנגעוואָרפען, הויל, ווי אין אַ לאַגער־ביידעל ; אויף די ווענד קוילען־גאַרטלאַך, רעוואָלווערען ; אין איין ווינקעל עטליכע אַנגעוואָרפענע צוריסענע ביכער ; אין אַ צווייטען שלאָפט ווער ווי אַ דער׳הרג׳עטער ; דער זינגט, דער טענה׳ט ; דער רייניגט זיין געוועהר ; ס׳איז די וואַך־הויז פון דער קאָלאָניע. דאָ טרעף איך זיך מיט צ. ב. פון קאַווקאַז, יחזקאל ניסאַנאָוו׳ס חבר. דערמאָנען מיר זיך : קראָקוי.

אין 1905 יאָהר פאַר די אָקטאָבער טעג. זאָגט מען מיר אָן פון קראָקויער פועלי ציון קלוב : צוויי רוסישע אַנטלאָפענע חברים ווילען מיך זעהן. שוין אביסעל דערעסען דאָן די רוסישע „אַנטלאָפענע“. אַ טהייל פון זיי פלעגען אַזוי צוקראָכען ווערען, אראָבפאַלען ביי זיך און דעמאָראַליזירט ווערען אין אויסלאַנד, אַ טהייל ווידער האָט פשוט געבלאָפט. דאָך — צוגעגאַנגען צום קלוב. געטראָפען צוויי יונגע בחורים, שוואַרץ צוגעברענטע פנים׳ער, מיט אַ פייערל אין די אויגען, אין גרויסע שטיוועל און דונקעלע קורטקעס ; זיי זאָגען אַז זיי ווילען „פאָהרען אין! אררריץ ישרראל“ — דער „ר“ שאַרף הארט אַרויסגערעדט. כ׳האָב אַנגעקוקט אָט די צוויי פראָסטעוואַטע געזונטע קאַווקאַזער שקצים און ניט גוט תופס געווען וואָס ווילען זיי אייגענטליך פון ארץ־ישראל.

זיי האָבען דעם גרעניץ גע׳גנב׳עט, פערלאָרען ביז אַ פרוטה געלד. מגולגל געוואָרען פון אַדעס קיין קראָקוי. ווי אַזוי זשע וועט איהר קומען אָהן אַ פרוטה געלד קיין א״י ? —

— מיר וועלען אַרבייטען, פערדיענען, אָפּשפּאָרען אויף הוצאות הדרך פון שטאָדט צו שטאָדט ביז טריעסט. פון דאָרטען מיט׳ן שיף קיין א״י. שניידער געווען. געקראַגען אַרבייט. כמעט אַלע פאַרנאַכט פלעגען זיי ביידע קומען אין פועלי ציון „קלוב“, בלעטערען אַ צייטונג און שווייגען. מיט קיינעם קיין מחזקות ניט פערפיהרט. כ׳האָב זיך שוין ווי פערגעסען אָן זיי.

אין אַ צייט אַרום זיינען מיינע פינאַנסען געוואָרען זעהר שמאָל. געבליבען גאָר אָהן פערדינסטען. אַוועקגעלאָזען זיך זוכען די „ביליגסטע“ דירה. דערקראָכען עפּעס צו אַ קעלער. אינווייניג די גאַנצע פאָדלאָגע פערבעט מיט בעטגעוואַנד, אויף וועלכע עס זיינען צוואָרפען הענטלאַך און פיסלאַך פון אַ גאַנצער מחנה קליינע קינדער־

לאָך, אין מיטען קעלער, צוויי בעטען פּערדרונגענע. די בעל הבית'טע אַליין אַן'אלמנה שלאָפט מיט די קינדער אויף דר'ערד. איין בעט איז פּערדונגען דעם ווייענער; (אַ יחסן, וויל נאָר אַליין שלאָפען — ערקלערט מיר די מוטער) די צווייטע פּאָר צ. ב. מיט יחזקאל ניסאנאוו'ן. איך האָב נאָר איינעם געטראָפען. וואו איז דער אנדערער? ערקלערט מען מיר: דער לוין איז קליין, קוים וואָס קלעקט אויפ'ן לעבען; מ'מוז דאָך אָבער אָבשפּאָרען אויפ'ן וועג. ארבייטען זיי דורך נאַכט אויך; איין נאַכט איינער, די אנדערע — דער צווייטער. זיי האָבען שוין אויף אַזאַ אופן אָבגעשפּאָרט אביסעל געלד. זיי האָפען נאָך יום־טוב צו פאָהרען אין וויען.

ער האָט עס מיר דערצעהלט פּשוט, אָפענהערציג ווי אַ קינד. אָהן קיין שום פּערדרוס אָדער בערייהמעריי...

דער דאָזיגער אָרימער פייכטער קעלער איז רעטזעלהאַפט און הייליג געוואָרען יענע נאַכט אין מיינע אויגען...

דער העלדישער לעבען און נאָך העלדישערער טויט פון יחזקאל ניסאַנאָוו, דער שטאַרקער איבערגעבענער שומר צ. ב. אין א"י, איז די פאָרטזעצונג פון דער הייליגער רעטעניש פון יענער נאַכט אין קעלער...

אויפ'ן האַרמאָניק.

ס'האָט זיך דערנעהנטערט די צייט פון וואַנדאַזש. די כרמים פולע, דער סאַמע ברען פון שמירה. עפּעס האָט פּאַסירט אויף דער וואך ביי נאַכט. זייטיגע האָבען ניט געוואוסט וואָס, די וואך איז געוואָרען שטרענגער און אונרוהיגער. מ'האָט אין רחובות אַראָבגעבראַכט נאָך עטליכע נייע שומרים פון חדרה, פון גליל, צו פערשטאַרקערען די וואך. צווישען זיי איז געווען אויך מאיר'קע.

כ'האָב וועגען איהם פיעל געהערט פון זיינע חברים. ער איז מיר אָבער תחילת ניט געפעלען געוואָרען. דער טשוהונענער קאַליר פון זיין געזיכט און זיין שטייפע און שווערע צוריקגעהאַלטענקייט האָט מיך דערווייטערט פון איהם.

דערצו — דאָס יונגע מיידעלע. ס'האָט פערדראָסען: אַ קינד, נאָך קיין 17 יאָהר ניט אַלט, נאָך אַזוי אונגעריהרט און נאַאיוו אין איהר רויהער און הייסער נאַטור. וואָס זשע וויל ער פון איהר?... כ'האָב זיי עטליכע מאָל געטראָפען צוזאַמען אויפ'ן כרם, געשטיפט, געטאַנצט. מיך האָט עס ביים הארצען געשניטען: וואָס האָט ער זיך דער כמורנער, שווארצער בחור אָנגעזעצט אָן דעם יונגען בליהענדען קינד?...

דערצו פלעגט ער זיך אַמאָל שטעכען: „די מענשען מיט די ביכער", „די אינטעלעגענטלאך" — דער עכטער אונמיטעלבארער כאַראַקטער, דער מענש פון ווילען און טהאַט האָט תכלית שנאה פיינד געהאַט די מעקלער פון גייסט, „די מענשען מיט די ביכער".

איינמאָל פאַרנאַכט. מאיר'קע האָט זיך אומגעקערט פון פעלד, עסען אָבענד ברויט אין בית־השומרים, מיטגעבראַכט אַ פולע פלאַש פון זיין אבייע מיט פרישע וויינטרויבען. זיין מיידעל האָט דערלאַנגט צום טיש, געווען נאָך אַ וועכטער מיט זיין פרוי. דערנאָך האָט ער אָנגעהויבען זינגען; פון זינגען אריבער צום האַרמאָניק. פונאַנדערגעגאַנגען זיך אין אַ לאַז געטאָן זיך מיט'ן האַרמאָניק טאַנצען... ווי אַן'אַנגעגליהטער שטיק אייזען האָט זיין פּנים געברענט; די טענער, דער קול אַזוי פייערדיג, דורשטיג; די טענץ — הילכיגע האַמער קלעפּ פון אַ ווילד לוסטיגער נשמה...

כ'האָב פלוצלונג בעגריפען אַז אין דעם אונמיטעלבארען כאַראַקטער גיסען זיך

צונויף זיין יוגענדליכער טרוים מיט זיין אידעאל, זיינע ווייסע נעכט פון דער וואך מיט זיין ליעבע צו דער מיידעל ; זיין שנאה צו „די מענשען מיט די ביכער" מיט זיין ליעבע צו זיין ארבייט, אלץ פעראייניגט זיך אין איין פייערדיגען עקסטאז, אין איין שטארקען אויסברוך פון לוסט און לעבען...

מיר איז קלאר געווארען, אז איהם קומט דאס יונג קינד... מאיר'קע האט אי־נערליכע רעכט אויף דער קוים אויפגעבליהטער יונגער טאכטער פון קאווקאז... די מאיר'קעס זיינען צו עכט, צו אויפריכטיג זיי זאלען אבנארען... זיי פיהלען אינסטינק־טיוו וואס זיי געהערט...

דורך די טענער פון הארמאניק האב איך איהם דערהערט....

א פארנכאט מיט קליי'ען.

מלחמיה. די גידער היץ פונ'ם כנרת־געגענד שפארט פון אלע זייטען. די קא־לאניע לעדיג, שטיל. ס'איז מיטען טאג. מענער אויף די פעלדער ביי דער ארבייט, פרויען און קינדער פערבארגען אין שטוב, ביי זייער הויז ארבייט ; די הייזער מיט אראבגעלאזטע לאדען, מ'בעהאלט זיך אויס פון דער היץ. פריי, ניט פערנומען זיינען נאר די צוויי שומרים. צוליעב א גאסט שלאפט מען ביי טאג וויינינער א ביסעל ; און מיר געהען ארויף אויפ'ן בערגעל נעבען דער קאלאניע. די צוויי שומרים פלאפלען, דערצעהלען מיר, פרעגען אויס וועגען דעם און יענעם שומר. אנטקעגען אונז — א קליין משפחה'לע, אייקאליפטוס־בוימער. די שומרים דערצעהלען, ווי פיעל צרות זיי שטעהען זיך אוים פון די בוימער. זיי וואקסען הארט נעבען דער קאלאניע, די גנבים פערבעהאלטען זיך צווישען זיי, דער וועכטער איז אלעמאל אין א סכנה צו בעפאלען ווערען פון הינטען ; ס'האט שוין פיעל מאל געטראפען אז מ'האט פון דאנען פלוצלונג געשאסען אויף זיי, נאר בדרך נס — ניצול געווארען... אין א פינס־טערער נאכט מוז מען דא זעהר פארזיכטיג זיין... די בוימער מיט זייערע שמאלע מאטאווע בלעטלאך, פערטרוקענטע אין זונען שיין, האבען אויסגעקוקט אזוי פריעדליך, אזוי געמיטהליך, ס'האט זיך גאר נישט געקלעפט צו זיי די נאכט־שרעק וואס די שומרים האבען אויף זיי אנגעווארפען...

רוקט זיך דער טאג — און אונזער שמועס נאך איהם. אין א"י פיהלט מען ניט אזוי דעם פערלוסט פון דער צייט. אזוי פיעל עהנליכע ליכט־פולע טעג. ארום אזוי בלענדענד העל, שטיל און בלוי—עס וועבט זיך די אילוזיע פון „טויזענד און איין טאג"...

רוקט זיך דער טאג, ווערט קיהלער, פרישער. דערפיהלען זיך פון דער ווייט די קליינע בערגעלאך, קופקעס — אראבישע ערדענע הייזלאך. ציהט זיך א לייכטער לינדער אומעט : „שוכני בתי חומר" ; א קהלת־ניגון, נאר אהן שווערקייט, אהן טריעבקייט ; זארגלאז, גוטמוטהיג ווי דער אונטערגאנג פון'ם פאלעסטינער טאג... שוכני בתי חומר...

דרעהען מיר זיך אום צום קאלאניע. צורעדט מען זיך וועגען די קאלאניסטען, וועגען די תבואות היי יאהר. קומען די שומרים ווידער ארויף אויף זייער בעליעבטער טהעמא : קליי. איינגעפיהרט נייע מאשינען, נייע מעטאדען פון ארבייט, האבען אלע קאלאניסטען געלאכט פון איהם. איצט טוען זיי איהם אלע נאך. קליי ארבייט אליין, בענוצט זיך גאר ניט מיט קיין פרעמדע ארבייט, זיין ווירטשאפט איז אין דער בעסטער ארדנונג, אין פעלד — די בעארבייטסטע. — חאטש א בחור נאך אהן א פרוי.

דערנאָך וויצען, מעשה׳לאך וואָס ווערען דערצעהלט וועגען איהם מיט ליעבשאַפט און אמת׳ער אכטונג.

פאַרנאַכט זיינען מיר אריין צו קליי׳ען. ער איז געווען אין הויף. ברייטע גע־זונטע פּלייצעס, אַנ׳אָפענער גוטמוטהיגער פּנים; מיט א ריינעם האַרציגען שמייכעלע אין די אויגען, אויף די ליפען. אין איהם האָט זיך געפיהלט אזא גליקליכע פעראייניגונג פון קרעפטיגקייט און גוטסקייט; פון א שטאַרקען ווילען מיט א ווייכער פשוט׳ער האַרציגקייט; און א בערוהיגונג פון א מענשען וואָס האָט געפונען זיין וועג...

קליי איז געזעסען אויף די קניע, איבערגעבויגען איבער זיין אקער אייזען...

מיר האָבען זיך ארומגעזעצט נעבען איהם אויף דר׳ערד. קורץ און אָבגעהאַקט דורכגעשמועסט זיך, מכח די פערשידענסטע ענינים. אין איהם האָט זיך באַלד גע־מערקט ערפאַהרונג, ענטשלאָסענהייט, א געוויסע בילדונג, א קלאָרער שכל מיט א רוהיגער געזעצטער זאַכליכקייט. די טרוימערישע פעררישענקייט און צושטרייטקייט פון די רוסישע אידעאַליסטען האָט איהם געפעהלט. א פערהאַרטעוועטער אין פייער און וואַסער דורכגעגאַנגענער אידעאַליזם איז עס געווען. אַנ׳אידעאַליזם וואָס איז פערוואַנדעלט געוואָרען אין א דויערענדער שטילער זאַכליכקייט.

מ׳האָט די בהמות פון פעלד געבראַכט. קליי האָט זיך ארומגעיאָגט מיט דער בהמה ביז ער האָט זי אין שטאַל פערטריבען און גענומען מעלקען. די שומרים האָבען פון איהם געשפּאַסט, גערייצט זיך מיט איהם, למאי ער האָט ניט ווער עס זאָל די קוה מעלקען.

דערנאָך האָט ער פערטריבען די עופות, אויפגערוימט דעם הויף, פערשלאָסען די שטאַלען. אין יעטווידער קעהר און ריהר זיינעם פיהלט זיך אזא רוהיגקייט און איבערגעבענהייט...

כ׳האָב איהם אין פערלויף פון דער קורצער ווײַלע ליעב בעקומען. ס׳האָט זיך ברייטליך געטראַכט זיצענדיג אַרום איהם: „זאָלען נאָר אַזעלכע זיכערע קרעפטיגע הענד דאָס לאַנד אריינגעהמען"...

דעם זעלבען אָבענד האָב איך זיך מיט קליי׳ען ווידער געטראָפען. עפּעס א הוליאַנקע ביי א קאָלאָניסט געווען. ס׳זיינען זיך צונויפגעקומען די יונגע קאָלאָניס־טען, די מיידלאַך, די קינדער, די אַרבייטער און די צוויי שומרים. מ׳האָט געטאַנצט, געזונגען ווי דער שטייגער איז אין די קאָלאָניעס. קליי האָט ווייניג געטאַנצט. ס׳האָט איהם עפּעס ניט געקליידט די „האַרע"־טענץ. האָט מען איהם שוין יאָ פערהאַפט אין קאַראַהאַד טאַנצען, איז עס געווען ניט אזוי חסידים צוהראַשטשעט נאָר געלאַסען, מעסיג, זיין בנעימות׳דיגע געזעצטקייט און גוטמוטהיגע רוהיגקייט האָט איהם קיינמאָל ניט אָבגעלאָזען.

פאַרטאָג בין איך אַרויס פון מלחמיה.

די ברייטע קרעפטיגע פיגור אין פאַרנאַכט ליכט, אָנגעבויגען אויפ׳ן אַקער אייזען, האָט מיך פערפאָלגט ווי א סימבאָל דעם גאַנצען וועג....

אויפ׳ן בית עלמין.

ביים שוועל פון מיין טהיר בין איך געשטאַנען. מיעד און דערדריקט. געבענקט נאָך׳ן היימליכען גערויש פון וואַסער מיל, נאָכ׳ן שאָטען פונ׳ם אַלעשניק פון מיין דאָרף און צוגעהערט זיך צו דעם שווערען פויזען פון דער היץ... ביים שוועל פון מיין טהיר בין איך געשטאַנען דאַן ווען עמיצער האָט מיר מיט צושראָקענע אויגען און מיט א

שטילען קול פערטרויט : „היינט ביינאכט האט מען אין ראשון געקוילעט דעם אי־דישען וועכטער סאהאראווו, קומט מיר פאהרען אהין".

די לויה איז געווען נאך האלבען טאג. א שטילע לויה. דער עולם וואס געהט נאך א שווייגענדיגער. די מטה ציהט זיך איבער זאמד, ס'הערען זיך אפילו די טריט ניט... מ'געהט פארביי די אידישע כרמים. הויכע אראבישע וועכטער אין זייערע לאנגע אבייעס האבען אונז אנגעקוקט פרעמד און פערשטארט... זייער קאלטקייט ווערט פערדעכטיגט. זיי ווייסען וועמענס האנד האט די נאכט דעם האלז איבער־געשניטען. זיי פערבארגען מיט אזא אחדות דעם בלוטיגען סוד. דער טויט ווערט ווייניג רעספעקטירט אין מזרח. דער פרעמד דער'הרג'טער מענש קימערט זיי גאר ניט.

צוגעקומען צום בית־עלמין. דער מת האט לאנג געווארט. א שטיינערנער ארט געווען. האט מען זיך לאנג געמאטערט מיט'ן אויסגראבען דעם קבר. איז עפעס מאדנע אונהיימליך געווארען. דער עולם ארום איז געשטאנען ווי שולדיגע.

די ארבייטער און זיינע חברים־וועכטער, אזוי פערטאן אין זיך... ציהען זיי אונטער דעם ס"ה פון זייער לעבען? קלערט זיך וועמען: מארגען איבערמארגען וועט עס מיר טרעפען... אדער עפעס אנדערש פערנעהמט זיי. אנדערש איז די בע־ציהונג דארט צום געפאלענעם. אהן דעם טראדיציאנעלען אידישען יאמער און אהן דעם גרויסשטאדטיגען אונאויפריכטיגען פאראד, אנדערש. כ'ווייס קיין דעפינירונג ניט פאר דער בעציהונג. און דערצו דער אפענער ניט פערשטעלטער בית־עולם... טויטע נויטיגען זיך אין שאטען פון בוימער. אזא דיסאנאנס. אנטקעגען דער זון ענטבלויז־טע קברים, נאך אויף א בערגעל... עפעס די פערלעגענהייט און די רעטעניש פון טויט ווערט דורך דעם שווערער און אונאנגענעהמער... דער שטילער עולם אויפ'ן בית־עלמין בערגעל; די זוניג שטומע כרמים ארום... דער גוואלד ריס פונ'ם פריה ציי־טיגען ברוטאל ערמארדעטען יונגען שומר... די ווייבער מיט די פערטרוקענטע טרערען אין די אויגען און די ווייסע קאלאניע הייזלאך מיט די בוימער פון דערווייטענס האבען זיך אויסגעמישט אין איין שווער פערוויקעלטען פלאנטער פון נייע לעבענס און נייע קברים... אויפ'ן וועג פון קאלאניע צום בית־עלמין רוהט די נייע מ י ס ־ ט ע ר י ע פון ארץ ישראל...

פון דער ווייטענס.

די אונצעהליגע פייערלאך ביי די ברעגען פון נילוס וואס דערצעהלען פון אוראלטען היים... פון דורות דורות לאנג איינגעווארצעלטען לעבען...

די אידילישע שפאציער־אבענדען אויף די ברעגעס פון עגייאישען ים; די גרי־כישע טעכטער פון ארום פירעאוס, וואס לייכטען מיט די אויגען אנטקעגען זייער זונען שיין, וואס הילכען אנטקעגען זייער ים געראוש — דאס אלץ האט געצויגען צו־ריק; — צוריק צום לאנד וואס ליעגט שוין הינטער דיר ווי נאך ניט אויפגעגאנגענע זכרונות...

דאס אלץ האט בעצויבערט און דערצעהלט וועגען דער ליכטיגער מיסטעריע פון א לאנד...

יא. דא, פון דערווייטענס ווערט מיר קלאר: דער דראנג נאך דער אינערער פרידליכקייט און היימישקייט פון לעבען; נאך דער אייביגער לעגענדע פונ'ם פאלקס לעבען — דער דראנג נאך א היים, דאס איז דער אינטואיטיווער נשמה סוד פון די געפאלענע און איינזאמע ברידער אין א"י.